STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07355

# DERTSEYLUNGEN FUN AMOL--

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש"ס-ראַמאַן

# דערציילונגען פון אמאל ...

**קאָפּערטע:** גאָטוואַלד

# דערציילונגען פון אמאָל...

איבערזעצונגען פון רומעניש פון

## ש״ס-ראָמאן

פארלאג „קריטעריאן"

בוקארעשט 1971

מיכאיל סאדאָװעאַנו

# דער מופת

אין א װינטער־נאכט, צוריק מיט פערציק יאָר, האָט דער הער אלעקו רוססאָ, א ייִנגער באָנזשוריסט [1]) מיט א חוזק־שמייכל, דער־ציילט א געשעעניש. ער איז געזעסן אין א סאלאָן פון די רוסעטעשטער, צװישן שמייכלענדיקע פריצות, מיט לאָקן און קרינאָלינעס, אונטער הענגלייכטער אין װעלכע ס'האָט געברענט חלבנע ליכט, פאַרװאַנדלטע אין די טױזנטער דורך די װענעציאַנער געשליפענע שפּיגלען. די זקנים, די אלטע גװארדיע פונעם רעזשים, האָבן אומבאמערקט צוגעטולעט זייערע גרויסע בערד און אויסגעהערט מיט א מין שרעקנדיקן חדוש.

— װאָס זאָל איך אייך זאָגן? האָט אָנגעהויבן דערציילן דער הער אלעקו רוססאָ, גלעטנדיק די געקרייזלטע האָר פון זיינע שלייפן. קודם האָב איך נישט געװאָלט גלויבן. מיט דעם אלעמען האָט דער ייִד, װעלכער האָט געבראַכט די דאָזיקע בשורה און זי אויף א בריהשן אופן פאַרשפּרייט, פאַרזיכערט יעדן װאָס האָט אים נאָר געװאָלט אויס־הערן, אז ס'איז נישט פאַראַן קיין װאָרערע זאַך אויף דער װעלט װי דער דאָזיקער אומדערהערטער מופת. ס'איז קיינמאָל נישט געהערט געװאָרן אזעלעכס, און ס'איז פאָרט אזוי! קיינער קען נישט גלייבן,

[1]) „באָנזשוריסט", א שפּאָט־נאָמען װאָס די מאָלדאַװער האָבן אין 1848, געגעבן די באָיאַרישע זינען װאָס האָבן זיך אומגעקערט פון מערב־אייראָפּע, איבערהויפּט פון פראַנקרייך, מיט ליבעראַלע און רעפאָרמאַטאָרישע אידעען; זיי האָבן זיי אזוי באַצייכנט, װייל זיי פלעגן באַגריסן מיט — „באָן־זשור".

און מיט דעם אלעמען וועט יעדער זיך איבערצייגן מיט זיינע אויגן! ער קאָן שווערן מיט כלערליי שבועות, אז ס'איז אזוי ווי ער זאָגט! סעניאָר אנטאָניאָ וועט קומען, אין דריי טעג ארום, קיין פיאטרע — און וועט אויספירן דאָס וואָס קיינער גלייבט נישט: ער וועט לעבעדיק מאכן א טויטן. ער וועט לעבעדיק מאכן אויך מערערע אויב ס'וועט נויטיק זיין! אין דריי טעג ארום רייזט ער דורך טולגעש, קומענדיק פון אונגארן און אפשר פון נאָך ווייטער, אזש פון וויז, ווו ער האָט שוין באוויזן אזעלכע וואונדער — און קומט צו פאָרן גלייך קיין פיאטרע.

די פריצים האָבן זיך פארזאמלט ביים איספראווניק[1] אין הויז. דער בעצירקס-הויפטמאן, האָט געשיקט רופן בערל מ׳שיאָרע, וועלכער האָט זיך באוויזן אין קאפטן, פינטלענדיק מיט די אויגן.

— הער נאָר, בערל, רופט זיך אָן דער איספראווניק; איז אמת וואָס מ'רעדט? דו האָסט געזאָגט, אז ס'קומט אראָפּ א איטאליענער וואָס איז מחיה־מתים?

— ס'איז אמת, אדוני פריץ, כ'האָב געזאָגט...

— וואָס פארא איטאליענער?

— א שיינער איטאליענער, מיט פאטלעס און מיט א מאנטל, אדוני. ס'איז א מאן, דרייסיק יאָר אלט און פארמאָגט א פאָר אויגן, אז מ'קאָן אין זיי נישט קוקן. כמעט דימענטן! ער שטאמט פון מאלטא־אינדזל, — א שיינער און געבענטשטער וואסער־ברעג ווו די מאראנצן וואקסן אויף די וועגן: שטרעקסט אוים די האנט און נעמסט... ווער זיין טאטע איז געווען, ווייסט מען נישט. ער איז אזוי גע־קומען אויף דער וועלט און האט א גאָב פון גאָט: ער איז מחיה־מתים!

— דאָס איז אומעגלעך, בערל! האָט זיך דער איספראווניק צע־שריגן ארויסגעבראכט פון די כלים. פון וואנען האָסטו אויסגעטראכט אזעלכע שקרים? דער איז ווערט מ'זאָל אים קאָוועז אין קייטן! האָט ער געזאָגט סאפּענדיק און אויסדרייענדיק זיך צו די צוהערער.

די אנדערע פריצים האָבן אין פארלעגנהייט געשאָקלט מיט די קעפּ.

— דו אליין האָסט אים געזען, מיט דיינע אויגן? האָט דער איספראווניק זיך צעשריגן.

[1] איספראווניק — פרעפעקט.

בערל טשיאָרע, האָט זיך געשלאָגן מיט די פויסטן אין דער ברוסט:

— אזוי זאָל איך האָבן גוטס מיט מיינע קינדער, פריץ. מרדכי באראש האָט אים געזען אין בודאפעשט! מיט זיינע אייגענע אויגן האָט ער אים געזען!

— וועלכער מרדכי באראש?

— מרדכי באראש: אונדזערער א מענטש, מיט וועלכן מיר האנד־לען. ער האָט אים געזען, געערטע פריצים, ווי איך זע אייך. ער האָט אים געהערט רעדן. ער האָט אָנגעטאפט זיין מלבוש.

— נו, און ער האָט טאקע לעבעדיק געמאכט א טויטן אין בודאפעשט?

— נישט איינעם, פריץ!... אָט אזוי פיל וויפל האָר אין קאָפּ!

— וואָס הייסט וויפל האָר אין קאָפּ, מענטש איינער? וואָס פאר א לשון איז דאָס?

— אוי! פריץ, אין דער אמתן, קומט נישט פאָר צו גלייבן אזא מופת! כ'פארשטיי איין טויטן. אזעלעכס האָט מען נאָך גע־זען — ס'שרייבט אפילו אין די ספרים. ער קען אָבער נישט לעבעדיק מאכן א בידנעם מענטשן וואָס איז ערשט נעכטן געשטאָרבן. דאָס איז ער נישט בכח. כ'ווייס נישט פארוואָס, אָבער דאָס איז ער נישט בכח. ער גייט, חשובע פריצים, אויפן בית־עולם... קיינער זעט נישט וואָס ער טוט, קיינער הערט נישט וואָס ער זאָגט — און אָט שטייען אויף אלע מתים פון זייערע קברים מיט די ארונות אויף די קעפּ... אלע שטייען אויף, פריץ! האָט זיך בערל, א דערשראָקענער, געאוויסעט, מיט די הענט ביי די שלייפן.

— גיי שוין גיי, בערל, האָט זיך דער איספראווניק געבייזערט. האָסט באקומען א קינדערישן שכל, צי ס'איז דיר פארן טויט!

— חס־ושלום, האָט בערל טשיאָרע זיך צעשריגן אויסער זיך. דאָס וואָס איך זאָג האָט דאָך א גאנצע וועלט געזען און זיך איבערגעשראָקן... ער קומט זונטיק און איר וועט זען.

— ווער קומט?

— סעניאָר אנטאָניאָ.

— און ער וועט מחיה־מתים זיין די טויטע פונעם בית־עולם?

— ער וועט מחיה־מתים זיין די טויטע פונעם בית־עולם.

דער איספראווניק האָט אויסגעשאָסן אין א פרייליכן געלעכטער. די איבעריקע פריצים האָבן כלומרשט אויך געלאכט. דערנאָך האָבן זיי

זיך באַרואיקט און גענעמען איבערשמועסן וועגן דעם דאָזיקן מופת, פּרוּווּנדיק איינער דעם אַנדערן צו באַווייזן, אַז ס'איז אַ זאַך חוץ מדרך הטבע.

ביז אין דער נאַכט האָט זיך גענומען אַ קאַכעניש. אומעטום האָבן זיך די אומטערהאַלטונגען געצויגן ביז אין דער טיפער נאַכט אַריין. בפרט די פּריצות האָבן אַזוי פיל געפּלאַפּלט פון דעם איטאַליענער און פון די אויפגעוועקטע מתים, אַז זיי האָבן שוין מורא געקומען אַהיים צו גיין אין דער טונקל.

אויפן צווייטן טאָג, פרייטיק, האָט דאָס קאַכעניש געוואַקסן. ס'זענען געווען מיושבדיקע מענטשן, וועלכע האָבן געזוכט צו באַרויקן דעם עולם. זיי האָבן געטענהט, אַז ס'איז נישט צום גלייבן, אַז ס'איז חוץ מדרך הטבע, אַז דער מאַלמאַער וועט נישט קומען. אוודאי אַזוי; איטלעכער האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'איז נישט מער ווי אַ משוגענער קלאַנג. כאַטש אַזוי... כאַטש אַזוי... ווער ווייסט? אפשר קומט ער פאָרט?

בערל משיאָרע, האָט איטלעכן פאַרזיכערט, אַז סעניאָר אַנטאָניאָ קומט זונטיק.

שבת, דעם גאַנצן טאָג, רעשט זיך. נאָכמיטאָג, האָט אַ זעלנער אויפגעזוכט בערל משיאָרע אין זיין שטיבל פון דער יידישער פאָר־שטאָט און אים, אַ ביסל צו שנעל געפירט צום שׂררה מיכאַלאַקע מאַוורָאַדין. דאָרטן אין קאַמער מיט רייסטערס פון די גיטער, האָט בערקו משיאָרע געפונען דעם פּריץ מיכאַלאַקע מער איינגעדאַרט און צעקנייטשט ווי אין אַנדערע מאָל.

— הער נאָר, דו בערל, פרעגט ער אין דער גיך. ער קומט?

— ער קומט! ענטפערט דער ייד, אַ געלאַסענער, מאָרגן שטייגט ער אָפּ פון דער דראָשקע אין לאַמבראָס אַכסניא.

דער פּריץ מיכאַלאַקע מאַווראָדין ציטערט אויף.

— ער קומט טאַקע אין דער אמתן? און ס'איז מעגלעך ער זאָל מחיה־מתים זיין די איינגעשלאָפענע פון אויפן בית־עולם? ער זאָל זיי שטערן די רו? ס'זאָלן אויפשטיין: מיין ברודער און מיין שוועסטערקינד, און מיינע פלימעניקעס וועמענס אפּוטרופּוס איך בין געווען, פון וועלכע ס'איז מיר געבליבן די וועלדער און אַלע גיטער... איז מעגלעך אַזאַ ווירוואַר און בהלה?

בערל משיאָרע, האָט גאָרנישט נישט געענטפערט.

— הער מיך אויס, בערל, איך גלייב נישט אין קיין סופתים און אין נארישע זאכן. נאָר סוף־כל־סוף איז דאָר מעגלעך ער זאָל נישט לעבעדיק מאכן פלוני בן פלוני, למשל, — וועלכער איז נישט נייטיק, און וועלכן מיר ווינטשן נישט.

— ווייס איך, פריץ? מירן אים פרעגן!

— לאָמיר זאָגן, אז כ׳וואָלט אים דורך דיר איבערגעשיקט הונ־דערט רענדלעך.

בערקו משיאָרע האָט מיט פארלעגנהייט ארויסגעקוקט דורכן פענצטער.

נאָך דעם וואָס דער ייד איז ארויסגעגאנגען פון דעם שררה מיכאַ־לאַקע מאַווראָדינס שטוב, האָט אים געפּאקט א רייזיקער יונגאטש און געזאָגט, אז די פּרינצעסן ראלו רופט אים כדי אים צו געבן א באפעל. די פּרינצעסן ראלו איז געווען א רייכע פּריצה, ווי ס׳געהער צו זיין; ז״ער א שיינע, מיט א שווארצן חן־פּינטל אונטערן גריבל פון דער רעכטער באק; און אן אלמנה פון קוים זעקס חדשים. שלעכטע מיילער פלעגן זאָגן, אז ווען דער גאָטזעליקער האָט נאָך געלעבט, האָט זי צוגעצווינגן א יינגן בחור מיט א סויבלענעם פּעלץ וועלכער פלעגט קומען רייטנדיק באנאכט אויף א מהלך פון דריי שעה פון פיאטרע. די גאנצע וועלט פלעגט זי אָבער הערן קלאָגן און וויינען נאָכן גאָטזעליקן... אזוי, אז ס׳איז נישט געווען אמת.

אז בערל משיאָרע, איז פון איר אוועקגעגאנגען, אָן מען זאָל וויסן וואָס זי האָט אים באפוילן, — האָט אים אָנגעיאָגט א דינער און באָרדלאָזער עקאָנאָם און אים פארבעטן ביז צו דומיטראשקו משיאָ־האָדארו. א רייכער מענטש איז דער פּריץ דומיטראשקו, כאָטש ער שטאמט פון א משפחה לויטער נארישע מענטשן. אין דער יוגנט האָט ער גע־פונען אן אוצר. זיינע שונאים האָבן אָבער באהויפּטעט, אז ער האָט געדינט צען יאָר אלס נוט־פארוואלטער ביים פירסטלעכן שווערד־טרעגער קאנטא, און משך פון דער צייט איז קאנטא געוואָרן א יורד. און, אז ער איז געווויר געוואָרן אז משיאָהאָדארו איז רייך געוואָרן, האָט ער א נעם געטון דעם צעפּטער אין האנט, מחמת ער איז געווען א שרעקלעכער מענטש און שטארק ווי א בער... אָבער פאר גרויס אויפרעגונג איז אים דאָס בלוט געקומען אין קאָפּ און אין הארץ און

איז אַנידערגעפאַלן אַ צעשמעטערטער מיטן צעפּטער אין דער האַנט.

דער פּריץ דומיטראַשקו משיאַהאַדאַרו, אַ רויטער און פעטער ווי ער איז געווען, האָט לאַבנדיק אויפגעגעסן בערל משיאַרען און אים אַ לאַנגע צייט אויסגעפּאַרשט בנוגע אַ פארפלאָנטערטן עסק.

ענגדלער, דער ייד, האָט אין יענעם טאָג, אויסגעשפּאַנט די גאַנצע שטאָט. אַלע האָבן אים גערופן און אויסגעפּאָרשט. אויפדערנאַכט איז בײַם איספּראַווניק געווען אַ גרויסע פארזאַמלונג. און אין דער אָנ־וועזנהייט פונעם גאַנצן עולם, האָט די פּרינצעסן ראַלו, מאַכנדיק גריב־לעך אין די באַקן, אַ פרעג געטאָן די אָנוועזנדע:

— חשובע פּריצים, לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז סעניאָר אַנטאָניאָ קומט און דערפולט דאָס וואָס ס'הערט זיך און וואָס איך גלייב נישט. נאָר טאָמער ווערט עס פאָרט מקוים, — וואָס וועלן טון די פּריצים וואָס זענען אַלמנים און די פּריצעס וואָס זענען אַלמנות וועלכע האָבן חתונה געהאַט? איך קען עמעצן צו וועמען עס וועלן דריי געשפּענסטער אַרײַנטרעטן אין שטוב!

דער פּריץ איספּראַווניק, אַ בראַווער מענטש, איז געבליבן פאַר־טראַכט. די פּרינצעסן ראַלו איז גערעכט. כאָטש ס'איז נישט צום גלייבן אַזעלכע נאַרישע פאַנטאַזיעס, וואָלט דאָך גוט געווען צו שטעלן עמעצן, אַ שטייגער בערקו משיאַרע, ער זאָל רעדן מיט יענעם משוגע־נעם מאַלטעזער ער זאָל פאָרן ווייטער, צו די טאָטערן אָדער צו די רוסן, ער זאָל מחיה־מתים זײַן אין אַנדערע מקומות...

דער מאַלטעזער, אַ שיינער מאַן מיט אויגן ווי צוויי טראָפּן ע־ד־אייל, איז געקומען צו פאָרן אין אַ דראָשקע מיט זעקס פערד און האָט אַ פלינקער אָפּגעשטיגן אין לאַמבּרוס אַכסניא. בערל איז אים אַקעגן געגאַנגען, קוקנדיק אויף אים מיט כיטרע בליקן, און האָט אים אַזוי קונציק געדרייט און פאַרדרייט אין אַ חדר מיוחד, אַז טאַקע אין דעם זעלבן טאָג האָט ער אים באַוויזן, אַז ער זאָל פאַרלאָזן די שטאָט.

פון דעמלט אָן, איז בערל משיאַרע אַזוי געשעצט אין דער שטאָט פּיאַטרע, אַז ער איז די רעכטע האַנט, דער בעל־עצה און בעל־סוד בײַ די פּריצים...

ווען אַלעקו רוססאָ האָט געענדיקט, האָבן די פּריצים מיט די פּרי־צעס פריילעך געלאַכט. דערנאָך האָבן זיי געפּרוווט איבערצייגן איינער

דעם אנדערן, אז דער פֿאַרמעסט פֿונעם מאָלצער מחיה־מתים צו זיין איז געווען א פשוט לעבערלעבע זאך.

די דאָזיקע מעשה איז דערגאַנגען צו די אויערן פֿונעם פירסט סטראָזאַין, לויט ס'האָבן איבערגעגעבן די אַלטע באָיאַרן, האָט זיך „זיין מאַיעסטעט" שטאַרק געוווּנדערט.

מיכאיל סאַדאָוועאַנו

# די שולע

אין א טאָג, גייענדיק צום סערעט, האָט מיך אָפּגעשטעלט צווישן די געוועלבן פון עק שטאָט, פּאָקשענעאַנו דאַוויד, איינער פון מיינע חברים אין דעם הער טראַנדאַפירס שולע. ער איז געווען א בלייך און שוואַך יינגל. אין אייניקע נאָכמיטאָגן פלעג איך מיט אים און אנדערע, שפּילן אין קנעפּ הינטער א פּלויט — און ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע שפּיצלער וועלכע ער פלעגט אָנווענדן כדי צו געווינען אונ־דזער „פאַרמעגן". איצט, אַן אויסגעקעמטער און ריין אָנגעטאָן, ווי אין אַ שולע-טאָג, איז ער געשטאַנען אויפן שוועל פון דער קלייט און, פונקט ווי זיין טאַטע, זיך געריבן די הענט וואַרטנדיק אויף קונים.

ס'איז געווען אין טאָג פון דער הייליקער גרויסער מאַריע, א מאַרק-טאָג. אין די ווייניקע יאָרן פון מיין לעבן האָב איך נאָך נישט געזען אַזאַ מערקווירדיקע זאַך. חוץ דעם האָט מיך פּאַקשענעאַנו דאַוויד מיט פריינדשאַפט צוגערעדט איך זאָל ביי אים אויסבלייבן. כ'האָב מיך אַנטשלאָסן צומאָל צו פאַרציכטן צום וואַסער און צום וועלדל פונעם סערעט, כדי צו זען די באַוועגונג פונעם עולם אויפן „מעדעאַן" [1] און אויף דער ברייטער גאַס מיט די קלייטן.

הינטער די געוועלבן, וו עס זענען געווען אויסגעשטעלט פאַר־שידענע סחורות: לעדערוואַרג און ציטן, אייזנוואַרג און ברויט, חזיר־

[1] מעדעאַן — פריי פּלאַץ.

פלייש נעבן קאָלירטע וואָל, שטריק און טעפּ נעבן קאָלאָניאַל-סחורות און צוקערווארג, זענען די דאָרפסלייט נאָך נישט אריינגעדרינגען; די סוחרים האָבן געווארט פארטראכטע אָנגעשפּארטע אָן די סלופּעס, ביי דער שיין פון דער מאָרגן-זון. דער אלטער אהרן פּאָקשענעאנו האָט געדאוונט אין זיין ענגן קורצווארן-קלייטל. אָנגעטאָן אין טלית און תפילין, איז ער פּאוואָליע אומגעגאנגען מורמלענדיק. פון מאָל צו מאָל איז ער שטיין געבליבן, ארויסגעגאנגען אויף דער שוועל, האָט געקוקט ארויף און אראָפּ און עפּעס געזאָגט אויף יידיש, מיט א גישטער-שטימע, צו זיין חבר. דערנאָך האָט ער זיך אריינגעטאָן אין דאווענען, מיט האלב-פארמאכטע אויגן און דורכפירנדיק צווישן זיינע ביינערדיקע פינגער די פעדים פון דער גרויסער באָרד.

— פּאָקשענעאנו דאוויד, האָב איך דאָס יינגל א פרעג געטון; וואָס כוסטו אין דערהייט און אויף וועמען וואַרסטו דאָ?

— באלד הייבט זיך אָן דאָס לייזעבטע, האָט ער מיר געענטפערט. איך דארף אויך צוהעלפן... און צו מיר געשמייכלט, מיט די בלוטלאָזע ליפּן.

— דו קענסט דען פארקויפן?

— פארוואָס נישט? כ'האָב שוין פון לאנג אויסגעלערנט צו מעסטן, רעכענען און פארקויפן!

דעמלט האָב איך מיך דערמאנט אין די וואונדערבארע חשבונות פון אריטמעטיק, וועלכע פּאָקשענעאנו פלעגט מאכן אין שולע און אָן די פארפלאָנטערטע פּראָבלעמען וועלכע ער פלעגט אונדז צומאָל ווייזן אין א פארשמאָלצענעם העפט, א סך לענגערע און אויספירלעכערע ווי דעם הער טראנדאפירס און ווי אין אונדזער אריטמעטיק-בוך. פּאָקשענעאנו איז דערגאנגען דאָס געהיימניש פון ציפערן אין דער יידישער שולע, וו ער האָט אויך אנדערע זאכן געלערנט אין די שעהן ווען מיר, זאָרגלאָזע קריסטלעכע קינדער, פלעגן זיך נאָכיאָגן, שפּילן מיטן באָל אָדער ארומוואנדלען איבער די ברעגעס פונעם שטעטל.

— דו פּאָקשענעאנו דאוויד, דערפאר לעזטו אויף אזוי גרינג די חשבונות פון דער אריטמעטיק! האָב איך געזאָגט, מיט א ביסל קנאה.

— איך קאָן כפלען אויפן קאָפּ מיט צענערס און מיט הונדערטער! האָט מיר דאוויד, מיט שטאָלץ געענטפערט.

— וויאזוי איז עס מעגלעך! האָב איך פארוואונדערט אויסגעשריגן. ווייסטו וויפל ס'באטרעפט 30 געכפלט מיט 25?

— כ'וויס! האָט מיין חבר פעסט געזאָגט: 30 געבפּלט מיט 25, באַטרעפֿט 750!

אין דער אמתן, איז, פאַר מיר, דער דאָזיקער חשבון, געמאַכט אין איין אויגנבליק, געווען א פענאָמענאַלער אויפטו. ס'איז געווען איינע פון די וועלט־מופתים און האָט מיך דערמאָנט אין די שוועריקייטן פון מיין לעבן. גלייך ווי א שווארצער טראָפּן וואָלט געפאַלן אויף מיין הארץ און, נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון, האָב איך געזוכט אין מיין מח אן ענטפער וועלכער זאָל מיך דערהויבן אין דאוויד פּאָק־שענעאַנוס אויגן.

— אָבער דו קענסט שפּילן באַל? האָב איך אויסגעשריגן. דו גייסט צום סערעט? דו קענסט שווימען? דו ביסט געווען אין דעם ווערבע־וואלד? דאָרט זענען אויך פאראן דאַקסן! האָב איך צוגעגעבן, אויסגלאַנצנדיק די אויגן.

פּאָקשענעאנו דאוויד האָט, נעבעך, פון דעם אַלעמען נישט געוווסט. ער איז אויסגעוואַקסן אין שאָטן פון די ווענט, און אין די ווייניקע יאָרן וואָס ער האָט געלעבט, האָט ער זיך דורכגעשאַרט דורך שמאָלע און שמוציקע געסלעך. איצט האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אז ער קוקט מיך אויך אָן מיט באַוואונדערונג. אפילו דער אַלטער אהרן איז שטיין גע־בליבן אין מיטן דאַווענען, און האָט אויף מיר געקוקט ווי אויף א חיה פון אנדערע מקומות. באַלד האָב איך אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן מיינע אויפטוען; כ'האָב אפילו געפּרוווט צו רעדן וועגן א ביקס מיט וועלכער כ'האָב בדעה געהאַט צו גיין אויף יאַגד. דער טאַטע מיטן זון האָבן שמייכלענדיק אויסגעהערט מיינע פּלאַמיקע רייד און האָבן פון מאָל צו מאָל געקוקט צום עולם וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אויפן מערדאַן. צום ערשטן קונה וועלכער איז דורכגעגאַנגען דאָס געוועלב, האָט זיך פּאָקשענעאנו דאוויד א וואָרף געטון פון זיין אָרט און א פרעג געטון:

— וואָס ווילט איר קויפן, באַדיע [1]) מיר האָבן זייער גוטע סחורה!

דער דאָרפמענטש איז זיך ווייטער געגאַנגען. די סוחרים זענען געבליבן רויק נעבן מיר. מיין באַגייסטערונג איז אָבער געפאַלן. כ'האָב אָנגעהויבן אויפמערקזאם באַטראַכטן די באַוועגונג און דעם עולם.

---

[1]) באַדיע — הער.

אויפן טערעאן האט געווימלט מיט מענטשן; און אומויפהערלעך ריִען מיט פערד און וועגן, מיט אָקסן און — וועגן, מיט גאָספּאָדאַרן אין יום־טובדיקע קליידער. ס׳זענען זיך אָנגעלאָפן מאסן פון עלף באקאנטער דערפער. די היץ פון די אויגוסט־טעג איז געוואקסן און דער באוור־טער און אומדערשעפּלעכער פאָ־ער פונעם שטעטל האט זיך, אין פולן ליכט, אויפגעהויבן. די בהמות און די מענטשן האבן געשוויצט ווי אין א מין אשרויען נעפּל. אויפן מארקפּלאץ, ווו מען האט פאר־האנדלט מיט בהמות, האבן זיך געראשט די פערד־סוחרים; זיי האבן געלאָזט לויפן די פערד, זענען ארומגעגאנגען ארום די אָקסן און קי, האבן זיך ארייגעשעפּשעט אין די אויערן די פרייזן, האבן זיך גע־פּאטשט אין די דלאָניעס. אין א זייט, אין נידעריקע הילצערנע באַ־ראקעס, האבן שטלעכע ווייבער געבראָטן חזיר־פלייש און גאלאצער פיש אויף נידעריקע ציגלענע פּריפּעטשיקעס. דערנעבן האבן בערדיקע ליפּאָווענער[1] מיט רויטע העמדער און ליפּאָווענע־יִנס מיט אונטערן קין פארבונדענע גרינע און געלע פאטשײלעס פארקויפט א געלבלעכן מעד אין גלעזערנע שאָלן. ביים ראַנד פונעם שטעטל האבן הויזירער אויסגעשטעלט אויף דער ערד, אויף קאָבריצן, זייערע קורצווארן און גערופן די קונים — יינגלעך און מיידלעך, וועלכע האבן זיך אָפּגע־שטעלט ביי א פּאווע, פאר א שנירל ביליקע קרעלן. איבער זייערע רופן האבן זיך אויפגעהויבן די קולות פון די קריגערייען און דער ליארם פונעם פאָלק. די גאָספּאָדארן און גאָספּאָדינעס האבן אָנגעהויבן אהינ־טערגיין הינטער די געוועלבן. דער אַלטער אהרן און מיין חבר, אליע לעבעדיקער און בארעדעוודיקער, זענען פארלאָפן דעם וועג פון די דורכ־גייער און געפּרוווט זיי צוציען צו זייער קלייטל פון קורצווארען; האבן אויסגעשטרעקט די הענט, אָפּגעשטעלט ווייבער, אָנגעכאפּט פאר די פּאָלעס פון די סעדעקעס די מענער. מיט באוואונדערונג האב איך מיר צוגעהערט ווי פּאָקשענאַ דאוויד רעדט וועגן א סחורה וואָס איז „פּרימא“ און די אויסדערוויילטסטע פון דער וועלט, וואָס איז אראָפּ־געבראכט געוואָרן פון סטאמבול, פון ווין און פון פּאריז.

— ביטע, מיינע הערן, אין קלייט אריין, האט דאוויד צוגערעדט מיט ערנסטקייט.

---

[1]) קאצאפּעס.

אָבער די הערן אין די פּאָסטאָלעס און מיט וואָנגשמירעכץ געשמירטע שטיוול האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט. ס'איז געווען צו פרי צום איינקויפן; ס'האָבן זיך נאָך נישט באַגעגנט די טויפליגגע מיט די קוואַטערס, און אלע זענען נאָך געווען מיטן „לײדיקן מאָגן", זיי האָבן גאָרנישט געגעסן און גאָרנישט געטרונקען. זיי זענען ווייטער נעגאַנגען, צו די קרעטשמעס וווּ ס'האָבן אָנגעהויבן קוויטשען די פידלען און דרימבען די ציגיינערישע קאָבזעס.

באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן די געשעפטן אין די יידישע קלייטן. צוויי באַלעבאָסטעס, איינע אַן עלטערע, א צווייטע א ייִנגערע און שיינע זענען געשטאַנען א ביסל אומאַנטשלאָסן פאַר אהרנס קלייטל. פּאָקשענעאַנו דאַוויד איז זיי אַקעגנגעלאָפן און האָט זיי פאַרבעטן אַרייַנצוגיין:

— ביטע, ביטע! וואָס ווילט איר קויפן? מיר האָבן עקסטראַ־סחורה! אפשר ווילט איר א נייע מאָדע ציטנס? מיר האָבן אַלץ וואָס איר ווינטשט! מיר האָבן אַלץ!...

די ווייבער האָבן צוריק געקוקט, דערנאָך פאָרויס. דערנאָך האָבן זיי אויסגעדרייט די קעפּ צו אונדז. דער אַלטער האָט זיי געזאָגט ערנסט:

— גייט אַרײַן אין קלייט!

זיין וואָרט איז געווען אַנטשיידנט. די ווייבער זענען אַרייַנגעגאַנגען. אהרן האָט זיי א רגע מיט די אויגן געפּאָרשט; דערנאָך האָט ער געפרעגט זיסלעך:

— וואָס ווילט איר קויפן? א גוט ציטנס? צי א לייוונט?

— גיב אונדז עפּעס א לייוונט... האָט די אַלטע שאַרף געענטפערט.

דאַוויד האָט זיך א וואַרף געטון צו די פּאָליצעס און אַרויסגעשלעפּט א שטיק לייוונט — דערנאָך א שטיק לייוונט, צוויי גרויסע שטיקער ציטן. ער האָט זיי אַוועקגעלייגט לעבן דעם ציטן — און דער אַלטער צענעמענדיק די לייוונט, האָט פּאַוואָליע־פּאַוואָלע געפּרוווט ציען די אויפמערקזאַמקייט פון די פרויען צו די לעבעדיקע פאַרבן וועלכע דאָס קינד האָט פאַנאַנדערגעוויקלט מיט גיכע באַוועגונגען.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַן אומקלאָרע דעבאַטע פון ווערטער. כ'בין געווען אויפמערקזאַם צום זשום פון דער גאַס; כ'האָב נאָר געהערט דאָס קוויטשען אויס באַוווּנדערונג פון די פרויען און דאָס פריינטלעכע גע־

לעכטער פונעם אלטן; און די גאָספּאָדינעס, צו מיין איבעראַשונגי ענען נישט ארויסגעגאנגען פון דער קלייט מיט דער לייוונט, נאָר מיט דעם קאָלירטן ציטן וואָס דאָס יינגל האָט ארויסגענעמען פון ד פּאָליצעס.

באלד זענען אריינגעגאנגען אנדערע פּויע־טעס, דערנאָך אנדערע. אין דער אלטער האָט דערציילט א נייגיריקע מעשה בנוגע זיין ציטן.

— אזא ציטן וואָס איר זעט, איז געוועבט אין דער שטאָט אמע־ריקע... און די קייסערן פון די כינעזער קליידעט זיך מיט אים... אזוי שיין איז ער און אזוי גוט פּאסט ער איר...

אין דער אמתן האָט דאָס שטיקל ציטן וואָס פּאָקשענעאנו האָט אויפגעוויקלט ג מוזט זיין לויטן געשמאק פון די כינעזער.

— איך באדארף האָבן עפּעס בעסערס... האָט אנטשיידן געזאָגט א ברונעטע פרוי מיט ברעמען ווי די פּיאווקעס, קוקנדיק מיט דרייסט־קייט אויפן סוחר.

— וואָס הייסט עפּעס בעסערס? האָט דער אלטער פּאָקשענעאנו געפרעגט, אויפהייבנדיק די ברעמען. ס'איז דען פאראן עפּעס בעסערס? נאָר אויב איר ווילט, וועל איך אויסזוכן עפּעס אנדערש, פּאסיקער פאר אייערע אויגן. ס'פארדריסט מיך נאָר וואָס איר גלייבט מיר נישט! דאָ האָט איר א גוטע סחורה, און א ביליקע! ס'קאָסט נאָר אַכציק באן א מעטער.

— אכציק באן? שרייט אויס די פרוי. ווי איז נאָך אזוינס גע־הערט געוואָרן?

— הם! איר ווילט נישט גלייבן? אזא פרייז מאך איך נאָר פאר אייך, וואָרעם איך זע מיט וועמען כ'האָב צו טון; כ'האָב היינט די־זעלבע סחורה פארקויפט פאר א פראנק מיט צוואנציק, אזוי זאָל איך האָבן גוטס! אז איך פארקויף עס פאר ניין־און זיבעציק באן, דער־לייג איך! איך האָב טאקע געזאָגט, אז איר ווילט אן אנדערע סחורה; אָבער נישט אזא גוטע ווי די; יענע וועט זיין ביליקער...

— אָבער גייז, קיין געמיינערע דארף איך נישט, הער!

— איר ליבע פרוי, ווייס איך, אז איר דארפט נישט האָבן א צווייטהאנטיקע סחורה. לייגט די פינגער אויף דער סחורה און זעט! כ'ווייס אז איר זענט א מבין... האָט דער ייד גערעדט ווייך, דער־לאנגנדיק דער פרוי דעם ציטן. לייגט, איך בעט אייך, די האנט, דאָס קאָסט נישט קיין געלט.

— איך זע, כ'זע... אָבער ס'איז טייער, הער!

— ווייסט איר וואָס? מישט זיך אריין, אין דער רגע, מיין שול־קאמעראד: ווייסט איר וואָס? איך וועל צולייגן א וואָרט און בעטן דעם טאטן נאָכצולאָזן פינף באן אויף א מעטער! וועט אייך קאָסטן אזא פיינע זאך, נאָר פינף־און זיבעציק באן א מעטער.

— ווי האָט זיך נאָך אזוינס געהערט! איך בין דאָך נישט קיין געב־טיקע און איך קויף נישט איצט דאָס ערשטע מאָל! כ'האָב נאָך געזען ציטן און כ'האָב נאָך געקויפט.

— וויפל גיט איר? האָט דער אלטער קורץ געפרעגט, אויסציענדיק זיך צו דער פרוי, איבערן לאָדן־טיש. זאָגט א פרייז! איך ווער נישט ברוגז... אין האנדל איז נישט פאראן קיין רוגזה...

— נו, הערט, איך וועל אייך זאָגן פראָסט; אייער סחורה האָט די ווערט פערציק באן א מעטער!

— וואָס האָט איר געזאָגט?! האָבן אין איין שטימע אויסגערופן דער פאָטער מיטן זון.

און א גרויל, געמישט מיט א מוראדיקן חידוש, האָט זיך אויס־געקריצט אויף זייערע פנימער. זיי האָבן צוגעלייגט די הענט צו די שלייפן און געשאָקלט מיט די קעפּ. מיט א איבערגעמאכטן כעס, האָט אהרן מיט דער אנדערער זייט פון דער דלאָניע אָפּגעשטויסט די סחורה אין א זייט. מיט דעם זעלבן זשעסט האָט זי דאוויד א וואָרף געטון אין אנדערן עק פונעם לאָדנטיש.

די פרוי האָט זיי ביידע אָנגעקוקט מיט די שווארצע אויגן און מיט חשד.

— איך גיב פערציק באן פאר א מעטער! האָט זי געזאָגט אנט־שיידן. דאָס קינד איז געבליבן גלייכגילטיק. דער פאָטער, קאלטבלוטיק האָט מיט פאראכטונג פארדרייט די נאָז.

— מיט אזא פרייז קאָן איך נישט! איך ווילט נישט קויפן!

די פרוי האָט זיך געלאָזט ארויסגיין.

מיטאמאָל האָט זי דער אלטער א פרעג געטון מיט א פריינט־לעכע שטימע:

— זיבעציק באן גיט איר?

די פרוי איז שטיין געבליבן.

— איך לייג נאָך צו צען באן, האָט זי געזאָגט לאבנדיק.

— נו, זענען מיר שוין אויף א וועג! האָט זיך דאוויד אריינ־געמישט און א פריילעכער זיך געווישט די נאָז מיט דער לינקער זייט פון דער דלאָניע.

— איר וועט נאָך צוליינן די אַנדערע צוואַנציק באַן אויך! האָט אהרן געזאָגט.

— איך לייג נישט צו, גאָט באהיט! אז איר ווילט אזוי, איז גוט; אויב נישט, גיי איך מיר; איך וועל נאָך געפונען אנדערע סוחרים.

— דאָך וועט איר נאָך געבן צוויי גריצער! האָט אנטשלאָסן דער סוחר געשריגן.

— פארוואָס זאָלט איר נישט געבן? האָט אויך דאוויד, בעטנדיק, געפרעגט.

אין דער רגע, האָט א הויכער און ברייט־פּלייציקער גאָספּאָדאר, מיט א באבלימט פּעלצל, אין קליטל אר׳ינגעשטופּט צוויי שעמעוודיקע מיידלעך, „באקפּישלעך" פון צו פינפצן יאָר, און הינטער זיי זענען אָנגעלאָפן א גאנצע ריי מחותּנתטעס, מיט קוואַטערס און טויפּ־לינגע. א פּיסקעוואטע פרוי האָט זיך דורכגעשלאָגן אין זייער שפּיץ. זי איז געווען אָנגעטאָן מיט א קליידל אויפגעניט אין שטאָט, זי איז געווען א שיינע, א ווייסע און א קיילעכדיקע.

— ביטע, גנעדיקע פּריסטערין, כ׳קוש די הענט!... האָט דאוויד אויפגעציטערט, צולויפנדיק צו איר מיט הכנעה.

די קלייט האָט זיך אָנגעפולט. אהרן, און אנטשלאָסענער, האָט זיך צוגע־בויגן צום אויער פון דער ברונעטער פרוי, האָט איר איינגערוימט א סוד, דערנאָך האָט ער אָנגעכאַפּט דאָס שטיק ציצן און עס איר אין די אָרעמס אריינגעשטעקט.

— ס׳איז א גוט וואָרט? האָט ער געשריגן א פריילעכער. זאָל איך אָפּמעסטן?

די גנעדיקע פּריסטערן, געבראכט פון די גאָספּאָדינעס אלס מבינטע, האָט זיך אנידערגעזעצט אויף א בענקל וואָס דאוויד האָט איר גיך צוגעריקט, און דער הער אראָן האָט זי אויך מיט רעספּעקט באגריסט. די ברונעטע פרוי האָט זיך געלאָזט איבער־צייגן פון דעם סוחרס גע־היימנישפולן וואָרט. דאָס ציצנס האָט געטון א יעכץ ווען דאוויד האָט עס געריסן מיט זיינע דינע הענט. און דער גאָספּאָדאר מיט די צוויי באקפּישלעך, וו׳זט אויס אויך א פריילעכער פון דער פול־געפּאקטער קלייט, האָט זיך אויסגעקוקט, בעת די מיידלעך האָבן בא־

טראַכט מיט די אויגן די גאַרטעלער, די שפּיצעלער און די לייוונטן מיט וועלכע דעם סוחרס קלייט איז געווען אָנגעשטאָפּט.

א שטיקל צייט האָב איך נאָכגעפאָלגט א געפלעפּטער מיין שול־חבר. צווישן אים און דעם אלטן איז דאכט זיך געווען אן אומאויפהערלעכער שפּיל פון זשעסטן, פון באַוועגונגען און גיכע רייד. ווי נאָר די קלייט האָט זיך אָנגעפולט, איז מיין איבעראַשונג געוואַקסן. פּאָקשענעאַנו דאַוויד, גלייך ווי ער וואָלט זיך אין א קאַמף געפונען, האָט זיך פאַרפּילפּאַכט: האָט דאַכט זיך אַרויסגעשלעפּט פון די אויגן, פון די נאָזלעכער, פונעם מויל, פון די שפּיצפינגער, ווערטער, באַווייזן, שפּיצן, גאַרטלען און לייוונטן; ער האָט געזאָגט געוואַלדיקע פּרייזן, נאָכגעלאָזט מיט רואיקייט ביז אויף דער העלפט, געמאָסטן מיטן הילצערנעם מעטער, אָנגעצייכנט מיט דער שער, אָפּגעריסן; ער האָט באַדינט אי די גנעדיקע פּריסטערן אי דערלאַנגט אויף די שפּיצפינגער קרעלן די באַקפּישלער פון דעם רומענער מיטן פּעלצל. דער אינגערפּרי האָט זיך אָנגעהויבן מיט א ליידיקער קלייט, דער האַנדל איז דערנאָך געגאַנגען לייכט און פּאַמעלעך; אָבער איצט איז ער באמת געווען פיבערהאַפט, מחמת ס׳איז געוואָרן די געווינטשענע צוציאונגס קראַפט און פון לעבן דעם לאָדנטיש ווו זיי האָבן געזוכט צופרידן צו שטעלן די גאַנצע וועלט, אַמפּערנדיק זיך איבער די פּרייזן, חידושנדיק זיך, ווערנדיק געפּלעפּט, אָנברוגזנדיק זיך, בעסער־ווערנדיק און איבערבעטנדיק זיך — האָבן די צוויי סוחרים נאָך אַריינגערופן די דורכגייער, זיי האָבן זיך אפילו צוגעכאַפּט ביז צו דער שוועל, צושטייענדיק צו די מענטשן וועגן אַלץ וואָס זייער האַרץ גלוסט...

מיין שול־חבר האָט געטון נאָך עפּעס, וואָס האָט מיך אָנגעפולט מיט רעספּעקט: תיכף ווי מע האָט זיך אויסגעגלייכט מיטן פּרייז, איז זיין שמייכל אויף א רגע פאַרשוווּנדן, ער איז געבליבן פאַרטראַכט, מיט שטאַרע אויגן, דערנאָך האָט ער ענטגילטיק און זיכער אַרויסגעזאָגט דעם רעזולטאַט פונעם חשבון, וועלכע די אַנדערע האָבן פּאַמעלעך און מיט שווערער מי איבערגערעכנט אויף די פינגער.

כ׳ווייס נישט וואָס פאַר א צויבער ס׳האָט געהאַט אין מיינע אויגן אין יענעם מאַרק־פרימאָרגן, מיין בלייכער און מאָגערער שול־חבר. ס׳האָט מיך מער נישט אינטערעסירט נישט דער מאַרק, נישט דער ליאַרם, נישט די באַוועגונג פונעם עולם; גלייך כ׳האָב פאַר מיר געזען א גיי וועזן, אין א נייער וועלט. די באַקן האָבן זיך ביי אים גע־

פארבט און די אויגן האָבן זיך אָנגעצינדן; ער איז נישט מער געווען דאָס נעבעכדיקע, דערשלאָגענע און דערשראָקן יינגעלע בעת מיר פלעגן, ליאַרעמדיקע ארויסגיין פון דער שולע... פאַרקערט, מע האָט אפילו פאַר אים מורא באַקומען. דער אלטער האָט אים באטראַכט און נאָכגעקוקט מיט ליבשאַפט.

כ'האָב מיך געפונען אין א שולע וועלכע כ'האָב נאָך נישט געקענט, א מאָדנע און א באַאומרואיקנדע שולע, פון וועלכער כ'האָב מיר ערשט שפעטער גוט חשבון געגעבן. מיין חבר האָט אין די פרייע רגעס צו מיר געשמייכלט זיגעריש.

באַפאַנדיק אים, אין א מאָמענט אין א ווינקל, האָב איך אים א פרעג געטון:

— דו, פאָקשענעאַנו דאַוויד, נאָך דעם וואָס דו ענדיקסט... גייסטו מיט מיר זיך באָדן?...

כ'האָב אים אויך געוואָלט ווייזן וואָס איך קען: וויאַזוי איך מאַך ריגנען מיט שטיינדלעך אויפן סערעט, וויאַזוי איך לויף, וויאַזוי איך שווים: כ'וואָלט אים געוואָלט ווייזן דעם פלוסאינזל און די יאַגדעס, דעם הימל און די פייגל; ער אָבער, האָט שטיל געמורמלט מיט די ליפן א חשבון אין א פרעמדער שפראַך. דערנאָך האָט ער מיך שיף אָנגעקוקט, לאַכנדיק, גלייך ווי איך וואָלט מיט אים גערעדט וועגן דער נישטיקסטער און קאָמישסטער זאַך פון דער וועלט.

ער האָט מיך איבערגעלאָזט און האָט זיך א לאָז געטון צו די קונים. כ'האָב געפילט דעם אומזין פון מיין צורעדעניש. ער איז געווען אַן אומוויסנדער אויף מיינע אלע זאַכן. כ'בין אליין אַוועק פון דעם טומל פון דער שטאָט איבערלאָזנדיק פאָקשענעאַנו דאַווידן אין זיין העפטיקן שפּיל. דער הימל, דאָס וואַסער און דאָס ווערדל האָבן מיך גערופן צו אַן אַנדערער שולע, וועלכע איז פרעמד געווען מיין חבר פונקט ווי מיר איז פרעמד געווען זיין וועלט.

**מיכאיל סאַדאָוועאַנו**

# דער בלינדער

אָפּצוואַשן אונדזער, נעבעך, זייער שמוציק שטעטל און צו לינדערן די דאָרשטיקע, האָבן זיך ביי אונדז געפונען נאָר צוויי וואַסערקוועלעס; ביידע האָבן אָבער פאַרדינט די אויפמערקזאַמקייט.

איינע האָט בהרחבה גערינען אין לאַנגע הילצערנע קאָריטעס, דורכן אָפענעם מויל פון א קופּערנעם לייב. דאָ איז געווען די גרויסע קערנעצע, די פרישע, פון הינטערן שטעטלישן באַרג. דאָ פלעגן די וואַסערפירערס זייערע פעסלעך אָנפולן און דערנאָך זיי אַרויפשלעפּן אויף דעם באַרג, שרייענדיק און בייטשנדיק די פערד. איבער דעם שטיינערנעם הייזל, וווּ דאָס וואַסער פלעגט זיך אָנזאַמלען, האָט א דייטשער מייסטער אַנידערגעשטעלט א בלויען סאָלדאַט מיט א העלם און מיט שווערדן אין ביידע הענט. ביי יעדן בלאָז פונעם ווינט, פלעגט דער סאָלדאַט אָנהייבן, מיט אַן אויסערגעוויינלעכער בריהשאַפט, צו פאָכן מיט זיינע זעבלען, מעשׂה מלחמה; און מיר שאַלטעקעס פלעגן אים ענטפערן מיט די שפּיציקסטע שטיינער אויפגעקליבענע פונעם שאָסיי. אַזוי אַרום האָט דער סאָלדאַט פון דער קערנעצע, אין דענקווירדיקע אַכטן, פאַרלוירן א האַנט. מיטן צווייטן אָרעם פלעגט ער אונדז נאָך אַלץ סטראַשען א שטיקל צייט, ביז ער איז געגעזלעגנט א קאַליקע געבליבן און אונדז באַטראַכטן אַן אומבאַוועגלעכער און א טרויעריקער פון זיין הי ד

פאַר דער דאָזיקער קערנעצע, פון וועמענס מויל דאָס וואַסער האָט נעשטראָמט אין פולער מאָס ווי פון א טייך, איז געווען א כסדרדיקע

באוועגונג פון פעסלער, פון וועגן, פון סטאדעס בהמות און פארשוויצטע פאסטעכער, וואָס פלעגן אלץ שרייען און שעלטן שטיפנדיק זיך, פאררייקנ־דיק אויפן קאָפּ די קוטשמעס און הויבנדיק די אָפּגענוצטע שטעקנס.

דער אנדערער וואסער־קוואל האָט זיך געפונען פונקט אין מיטן שטעטל און איז געווען דרייצן מעטער די טיף. ס׳איז געווען א ברייטע קערנעצע באשיצט אונטער א גרויסער באראקע מיט אכט סלו־פעס. אין א ריזיקן עמער איז פונעם דעק פון דער ערד ארויסגעקומען קלאָר וואסער און קאלט ווי פליסיק אייז. און דאָ, ביי דעם קוואל, אונטערן גראָמען שוצדאך איז תמיד געווען א גרויסער עולם, וואָרעם כמעט אלע איינוווינער פלעגן שיקן צו דער קערנעצע נאָך וואסער צום טרינקען.

אין די הייסע זומער־טעג, ווען מיר קינדער פלעגן זיך גיין בּאָדן צום גרויסן מיט קליינע וואסער־אינזלען ארומגעגארטלטן סערעט, פלעגן מיר זיך אָפּשטעלן ביי דער קערנעצע. דאָס וואסער פלעגט יאָגן שווי־מענדיק און שטראָמענדיק פונעם לייבס מויל אין די קאָרעטעס אריין, און ווען מיר פלעגן אונטערשטעלן די קעפּ, די הענט אָדער די פיס אונטער די זילבערנע שטראַלן וועלכע פלעגן ערטערווייז ארויסזעצן, האָט עס אונדז כמעט אָפּגעבריט. אויפדערנאכט נאָכן ארומיאָגן זיך אין די שאנצן און אין די שאָטנס פון די באראקעס, פלעגן מיר זיך צוריקציען צו דער טיפער קערנעצע; און אָנגעלענטע אין די שטרא־כייטלער, פלעגן מיר אויסהערן די שמועסן און מעשיות צו וועלכע מיר פלעגן זיך יאָווען ווי אין א „צוזאמענטרעף" ארום דער דעמבענער ברונעם־ריים.

דאָ ביי דער קערנעצע וואָס איז דרייצן מעטער די טיף, האָט א סך פון זיין לעבן אָפּגעלעבט דער בעסטער פריינד פון קינדער. כ׳האָב אים געקענט ווי נאָר כ׳האָב אָנגעהויבן צו פארשטיין און צו רעדן און תיכף ווי כ׳האָב געטסיעט אריבערצוגיין דעם שאנץ, איבער אונדזער בריקל. ס׳איז געווען א ייד, א געגצלער בלינדער און האָט געהייסן יאָסל — יאָסל דער בלינדער.

ווי נאָר די זון האָט זיך באוויזן און דאָס שטעטל האָט זיך אָנ־געהויבן צו באוועגן, פלעגן זיך יאָסל דער בלינדער באווייזן מיט זיינע גרויסע עמערס אָנגעהאָנגענע אויף די באלאנסירנדיקע שטאנגען פונעם יאָך וועלכן ער פלעג טראָגן אויפן האלדז און־נאקן. מיט זיין סענקעוואטן שטעקן מיט א לעדערנעם אויער אויפן פויסט אָנגעטון, פלעגט ער לייכט און גיך דעם וועג טאפּן, און ער פלעגט דער ערשטער ארונטער־

גיין אונטערן שוצדאך פון דער קערנעצע און אָנהייבן ארויסציען וואסער. פלעגט אָפלאָזן דאָס גלאנצנדיקע ראָד, נאָכדעם ביים שטריק א פרווו טון צי דער עמער האָט זיך אָנגעפולט, דערנאָך פלעגט ער פאַמעלעך דרייען דאָס ראָד, מיט באוועגונגען פון אן אויטאָמאט, מיט ווייסע נישט-פינטעלנדיקע אויגן געווענדעטע ערגעצוו, אין דער הייך. מיט א בלעכערנעם שעפער פלעגט ער זיינע עמערס אָנפולן; פלעגט זיי אָנטשעפען מיט האָקנס און אוועקשפאנען מיט וואסער צו א באשטימטן קונה. א גאנצן טאָג פלעגט ער, אָן אויפהער, טראָגן וואסער. ער האָט אָנגעהויבן צו שפירן די הייזער פון איטלעכן אייגנטימער, פלעגט אלע קענען ביי די נעמען, פלעגט קענען דעם גאנצן עולם נאָכן קול נאָר; ער איז א פלייסיקער מענטש געווען און אלעמען גוטצלער.

אין א טאָג בין איך איבעראשט געבליבן דערוויסנדיק זיך, אז דער בלינדער איז א פארהייראטער כדת משה וישראל. כ'האָב אפילו געזען פארן ברונעם לעבן אים צוויי בלאָנדע קינדער מיט געקרייזלטע האָר. זיי זענען געווען קינדער ווי אלע קינדער און האָבן מיט זייערע גרויסע אויגן קלאָר די וועלט באטראכט. יאָסל האָט זייערע שטערנס געגלעט האָט זייערע קעפעלעך און געגלעט זייער קליידער באטאפט. ער האָט זיי עפעס אויף זיין שפראך געפרעגט, דערנאָך האָט ער זיך געטאפט אין קעשענע, האָט ארויסגענומען און יעדן איינגעטיילט קופערנע מטבעות. האָט זיי באגלייט ביז צו דער טיר פונעם באראק און געהייסן אהיים גיין.

— „וואָס זשע, יאָסל, האָסטו קינדער?“ פרעג איך אים.

ער האָט אָפגעשטעלט דאָס ראָד און דעם קאָפּ א ביסל אויסגעדרייט. זיין פון שווארצע פאָקן שרעקלעך רואינירט פנים האָט אויפגעלויכטן פון א שמייכל.

— „ווער רעדט צו מיר?“ האָט ער זיך אָנגערופן, מיט אויפמערקזאמקייט. דערנאָך האָט ער מיך ביים נאָמען אָנגערופן. — „כ'בין פארהייראט!“ האָט ער תיכף צוגעגעבן. „כ'בין געווען ביים רבין און האָב אים געפרעגט: וואָס זאָל איך טון? איך, רבי, בין א בלינדער און א פראָסטער מענטש, כ'האָב נישט געלערנט נאָרנישט; נאָר כ'האָב געהערט אז איך בין אויך מחויב צו פארמערן די וועלט... און דאָ האָט דער בלינדער גענומען לאכן, מיט זיין אומבאוועגלעכן אויסגעשטרעקטן און גלייך ווי תמיד צוהערנדיקן פנים. — און דער רבי, האָט ער פאַרגעזעצט, האָט מיר אזוי געזאָגט: „מענטש איינער, דו מעגסט חתונה

האָבן, ווי דו ביסט נישט געבוירן א בעל-מום... דו האָסט דיינע אויגן פארלוירן צו די דריי יאָר..."

— „וואָס, יאָסל? דו ביסט צו די דריי יאָר בלינד געוואָרן?"

— „יאָ. איך האָב געזען דאָס ליכט פון דער זון. און ס'איז מיר אין געדעכעניש עפּעס שיינס איבערגעבליבן... כ'קען נישט זאָגן וואָס ס'איז מיר אין געדעכעניש געבליבן... ווארעם ס'איז א לאנגע צייט פארביי... עס זענען פון דעמאָלט פערציק יאָר פאַריבער... עס זענען מיר אין זכרון איבערגעבליבן עפּעס ליכטיקס, זון און מענטשלעכע צורות... אָבער כ'קען זיי מיר נישט קלאָר מאַכן..."

ער האָט גערעדט א זייער גוטן רומעניש; פון קליינערהייט אָן מיט יינגלעך פון זיין שטאָט, איז ער אויפגעוואַקסן אינאיינעם מיט די רומענישע קינדער.

— „וואָס זשע האָט דיר דער רבי געזאָגט?"

— „דער רבי האָט מיר אזוי געזאָגט: מענטש איינער, דו מעגסט חתונה האָבן. האָב איך חתונה געהאט. פארוואָס זאָל איך נישט געווען חתונה געהאט? אָרעמע מיידלעך זענען פאראן גענוג. כ'האָב שיינע און ריינע קינדער און כ'פארדין גענוג אויף אויפצוציען זיי... איך, הערט איר, בין דער אנשטענדיקסטער מאַן פון אלע אנדערע. איך גיי נישט ארום אין קיין פרעמדע הייזער, איך גיי נישט אין קיין קרעטשמע, אין קאָרטן שפּיל איך נישט, ווי ס'טוען עס אונדזערע פּריצים פון שטאָט. אלץ וואָס איך פארדין, טראָג איך אהיים מיין ווייב...!"

ער האָט א שפּיי געטאָן אין די דלאָניעס און גענומען דרייען די „שפּייכן" פונעם ראָד.

איינער פון די אומצאָליקע משרתים וועלכע האָבן געוואַרט אויף דער רייע ארויסצוציען וואסער, האָט אים צוגעוואָרפן א שפּאסיק וואָרט.

— „איצט ווייסן מיר, יאָסל, אז דו ביסט א בריה און א ערלעכער, כ'ווייס אָבער נישט אויב דיין באַלעבאָסטע קען דאָסזעלבע זאָגן..."

— „וואָס האָסטו געזאָגט? האָט דער בלינדער זיך צעשריגן און ס'דרייענדיק א ביסל דעם אויער; און דאָס פּנים איז געבליבן אומבאַוועגלעך און ערנסט. ווייסטו דען נישט, קאָפּעקעל, אז מיט א בלינדן איז שווערער ווי מיט א זעענדיקן און אז ער דערחוסט זיך ערשט נאָכדעם וואָס דאָס גאנצע דאָרף הייבט אָן רעדן און וויסן?... א בלינ-

דערפילט אָבער גיכער. חוץ דעם, האָבן מיר נאָך א סענקעוואטן שטעקן וועלכער באַוועגט זיך שרעקלעך, מחמת ער האָט אויך ניט קיין אויגן... און די באַלעבאָסטע האָט פאר אים מורא ווי פאר פייער!..."

אין דעם בלינדנס קול איז געווען א מין ווילדקייט און שארפקייט.

איבריקנס האָט דער וואסערטרעגער געהאַט זייער שארפע חושים און פלעגט אונדז אַלעמאָל איבערראשן. ער פלעגט וויסן ווען עס ווערט טונקל, ווען ס'איז פארכמארעט, ווען עס ווערט ליכטיק. נאָכן קול נאָך פלעג ער דערקענען אַלע איינוווינער פונעם שטעטל; גלייך ווי ער וואָלט געהאַט אויגן אין די שפּיץ פינגער; פלעגט אונטערשיידן זילבערנע מטבעות פון קופּערנע און קיינער האָט אים נישט געקענט אָפּנארן מיט א „באן" מיט א פרעמדן הערב. חוץ דעם איז ער נאָך געווען א פריי־לעכער און בארעדעוודיקער און פלעגט נעמען א לעבהאפטן אָנטייל אין די שמועסן פון אונטער דעם קערנעצע־דאך.

אין אן אויפדערנאַכט — דערמאָן איך מיך — האָט ער חשק געהאַט צו רעדן און, ווארטנדיק אין דער ריי, האָט ער זיך צוגעהערט צו די וויצן און שמועסן פון ארום. אויף אמאָל, אויפהויבנדיק דעם קאָפּ, האָט ער דייטלעך א זאָג געטאָן:

— „די לבנה גייט אויף!"...

— „פון וואַנען ווייסטו בלינדער?!" האָט אים עמיצער געפרעגט

— „כ'ווייס. וואָס? סע וואונדערט אייך? וואָסזשע נאָך די וואָס האָבן אויגן זעען די לבנה? דאָ, אונטערן דאך, זענען דאָ בחורים מיט בחורטעס; און, לויט זייער שושקען זיך, האָב איך פארשטאנען, אז עפּעס געשעט. דאָס ווייס איך שוין פון לאַנג; ס'איז אן אַלטער עסק!"

— „און איך האָב געמיינט, אז דאָס האָט אויך דער רבי דיך אויס־געלערנט!" האָט לאַכנדיק אויסגעשריגן דער בייכיקער שאראמפּעי.

— „ניין, שאראמפּעי; דער רבי ווייסט נישט פון אזעלכע זאַכן, כאָטש ער איז פול ווי א פּויק מיט תורה... דער רבי ווייסט נישט א סך זאַכן און איך ווייס זיי, כאָטש איך בין א פּראָסטער מענטש, א משוגענער, ווי ער זאָגט... ער קאָן דאווענען, מיט ציצית און מיט תפילין, — איך קען נישט גאָרנישט... איך בין געבליבן א פאר־פינצטערטער; ער ווייסט וואָס סע טוט זיך אין פאריז, איך ווייס נישט גאָרנישט, ווייל איך האָב קיינמאָל קיין ספר נישט געזען...

אים פירן אונטער, אונטער די אָרעמס, צוויי גבאים, איך טראָג וואסער פארן גאנצן שטעטל און בין אן אָרעמער פארצרהטער מענטש; אָבער איך, בעת א סכנה, האָב גיכער געפינען דעם נייטיקן שליסל!"

— „וואָס שליסל? וועלכן שליסל, דו בלינדער?" האָט שאראמפּעי דער ציגיינער, מיט זיין גראָבן קול אויסגעשריגן.

— „תיכּף וועל איך אייך דערציילן, זאָל נאָר דאָס קערנעצע־ראָד נישט שטיין בלייבן..." האָט דער ייִד געענטפערט. הערט. איך, ווי איר ווייסט, ארבעטנדיק שווער פון אינדערפרי ביז אויפדערנאכט, אלע טעג פונעם יאָר און זייט כ'בין אויף דער וועלט, האָב איך אמאָל דערלעבט אָנצוזאמלען דריי הונדערט לעי, גוטע, געריגצלטע. איאָ איר האָט אייך דערשראָקן? — נו, אז כ'האָב דאָס געלט אָנגעזאמלט, האָב איך געטראכט וואָס דערמיט צו טון... איך בין א נאר; כ'האָב דאָמאָלס נישט געוווסט פון קיין שפּאָר־קאסע. כדי מע זאָל מיר דאָס געלט נישט צוגנבענען, האָב איך געטראכט דאָס ערגעץ צו פארגראָבן איך אין א אויפדערנאכט אין הויף ארויסגעגאנגען, האָב ארומגעשארט ארום א וואָרצל פון א ווערבע און זיי דאָרט באהאלטן... נו, אין צוויי טעג ארום, אלץ אויפדערנאכט, גיי איך ווידער ארויס און זוך ס'געלט. ס'געלט איז נישטאָ. כ'האָב געפילט גלייך ווי עמעצער האָט גענומען נייען מיין הארץ מיט נאָדל־פאָדים... וואָס זאָל איך טון? וואָס זאָל איך טון? — כ'ל גיין צום רבין! כ'ל גיין צום צדיק! גיי איך צו אים, דערצייל אים דעם עסק, לייג אים אריין צוויי פראנק אין דער האנט; דער רבי זוכט אין א ספר, אָבער דאָס ספר זאָגט אים נישט גאָרנישט. — הייבט אָן דער רבי צו זיפצן, רעדן וועגן גאָט, איך אָבער, א בלינדער און אומגליקלעכער, האָב געטראכט צו מיין געלט, וואָס כ'האָב צוגעפגענומען אויף ווינטן, אויף רעגנס, אין פרעסט און אין שטורעמס".

אין דער באראקע פון דער טיפער קערנעצע האָבן אלע געשוויגן; דאָס ראָד איז געבליבן שטיין; אין דער טונקלקייט פונעם שוצראד, איבערן פּריצישן פּארק, האָט די פולע לבנה פון יונגי גענומען אויסגיסן א מיסטעריעזע ליכט. דער בלינדער איז געשטאנען מיטן פּנים צו דער לבנה און זיינע אויגן האָבן געגלאנצט ווי שטיקלעך געבראָטענע ווייסלער.

„וואָס זשע האָסטו געטון? האָט א ייִנגל שטילערהייט א פרעג געטון."

— וואָס זאָל איך געווען טון? האָט יאָסל געזיפצט. כ׳בין אוועקגעגאַנגען פון אונדזער געלערנטן צדיק. בין אהיים געגאַנגען און גענומען טראַכטן און געטראַכט אזוי לאַנג ביז דער קאָפּ האָט מיר אָנגעהויבן ווי טון... און טראַכטנדיק אזוי איז מיר, כ׳ווייס נישט ווירעטען, אויפן געדאַנק געקומען שלום דער קצב וועלכער איז מיין שכן, טרינקט הייוון־בראָנפן, איז נישט קיין ערלעכער מענטש און שפּילט קאָרטן אין קאַפעהויז... דעמאָלט האָב איך פאַרשטאַנען צו וואָס סע האָבן שלומען דעם קצב די אויגן געדינט. גוט, האָב איך מיר געטראַכט: כ׳ל מיך גייען אן עצה האַלטן מיט מיין שכן. אפשר וועט ער מער פאַרשטיין פונעם רבין. בין איך געגאַנגען צו מיין שכן, וואָס ווינט איבער א וואַנט מיט מיר און האָט א הויף לעבן מיר, און האָב אים אָנגענעמען ביי דער האַנט און אים געטאָנט אזא עצה: — מיין ליבער שלום, זאָג איך, דו ביסט מיינער א גוטער שכן. טאָן איך ביי דיר אן עצה. כ׳האָב פאַרגראָבן ערגעץ, וו וויל איך דיר נישט זאָגן, דריי הונדערט ליי. כ׳האָב נאָך דריי הונדערט. א יידענע ראָט מיך כ׳זאָל זיי שפּעקולירן, כ׳זאָל זיי געבן אויף פּראָצענט! איך טראַכט, אז אין די הענט פון א מענטשן קען דאָס געלט פאַרלוירן גיין; וואָלט נישט בעסער געווען כ׳זאָל זיי פאַרגראָבן לעבן די אַנדערע?... דאַמאָלס האָט שלומס האַנט אָנגעהויבן צו ציטערן, און מיטן קול פון א גוטן פריינט האָט ער אויך די עצה געגעבן, אז עס וואָלט טאַקע בעסער געווען כ׳זאָל זיי אויסבאַזאַלטן וו איך ווייס... דאָטר אויפדערנאַכט, בין איך געגאַנגען און געזוכט ביים וואָרצל פון דער ווערבע; כ׳האָב דאָס געלט געפונען... שלום האָט זי געוואָלט געפונען מיט הונדערט פּראָצענט מער. כ׳האָב אויפגעהויבן דאָס געלט. או אינדערפרי, ווען כ׳בין ארויס צום וואַסער, האָב איך דעם קצב ארויסגערופן און אים אזוי געזאָגט: טייערער שלום, כ׳האָב מיך איבערלייגט, כ׳האָב אויך דאָס אַנדערע געלט פון באַהעלטעניש ארויסגענומען איך מיין אז ס׳איז פּאָרט בעסער כ׳זאָל עס אוועקגעבן אויף פּראָצענט..."

דעם בלינדנס אומבאַוועגלעכער פּנים האָט מיט אמאָל אָנגעהויבן לאַכן ביי דער שיין פון דער לבנה.

— „דאָס האָט דער רבי נישט געוווסט!" האָט ער געזאָגט שטשירענדיק צו דער לבנה.

עמיצער האָט זיך אָנגערופן:

— „די געשיכטע האָב איך שוין געהערט, יאָסל! מיר דאכט זיך, אז דו דערציילסט אונדז מעשיות!“

— „האָסט זי שוין געהערט? מעלעך! שוין לאנג עס זינט האָט זיך מיר געטראָפן. אָדער אפשר האָט עס נאָר געטראָפן מיט א מענטשן וואָס איז אייך קליגער געווען פונעם רבין; נאָר איך זאָג אייך, אז דאָס האָט זיך געטראָפן מיט מיר אויך...“

נאָך א הפסקה, האָט דער וואָס האָט ס'ראָד געדרייט א פרעג געטון:

— „זאָג נאָר, יאָסל, וואָס האָסטו מיטן רבין, וואָס דו לאָזט אים נישט צורו?“

— „איך? ווערט זיך דער בלינדער אויפזויבנדיק די דלאָניעס צו די אקסל. וואָס איך האָב מיט אים? כ'האָב גאָרנישט. כ'טראכט נאָר, אז ער שלאָפט אויף קישן פון פעדער און זייד און איך האָרעווע ביטער און לעב ווי א הונט!...“

כ'ווייס נישט פארוואָס, די דאָזיקע דיבורים פונעם וואסערטרעגער האָבן מיר, אין יענעם שיינעם יוני-אויפדערנאכט, אויסגעוויזן אומגעהייער טרויעריק. אפשר האָט ער זיי אליין ארויסגערעדט מיט צער און מיט א פארבאָרגענער טרער אויף די ווייסע קיילעכער פון זיינע טויטע אויגן...

דאָס וואסער פונעם עמער האָט זיך געזיפט אויף די שטיינער ביז אין די קילע טיפענישן; די לבנה האָט זיך אויפגעהויבן; דער בלינדער איז צוגעגאנגען צום ראָד און גענעמען ארויסציען וואסער צופייפנדיק פאמעלעך א מעלאָדיע.

כ'בין ארויסגעגאנגען פון דער באראקע, כ'האָב מיך געלאָזט באַרג-אראָפּ אויף א ברייטער גאס, אונטערן פריצישן פארקן, און בין אָנ-געקומען צום אנדערן קוואל, ווו דאס וואסער, דורכן מויל פונעם קו-פערנעם לייב, האָט געשפרודלט, האָט געמורמלט, דורכזייענדיק זיך פון די קאָרעטעס און האָט לייכט געשמיסן מיט זילבערנע בלייזלעך. די פריילעכע מעשה און די טרויעריקע דיבורים פון דעם מענטשן אָן אויגן האָבן מיטאמאָל מיך קלאָר געמאכט אין אייניקע זאכן. יאָרנ-לאנג פלעג איך אים הערן זינגען, יאָרנלאנג פלעג איך אים זען גיין מיט זיינע עמערס באוועגנדיק זיך ווי אויף א פאָדעם כסדר אויף דעם זעלבן שטח, יאָרן לאנג פלעגט ער זיצן ביים „צוזאמענטרעף“ אויפן שטראכייטל פונעם שוצדאך, און פלעגט מיר אויסווייזן א מענטש אָן זאָרג. אָבער דער דאָזיקער מענטש האָט אין זיך געטראָגן א טין פיין

אין ווייטיק און אין זיינע שרעקלעכע אויגן האָב איך אמאָל דערזען א טרער.

דאָס לעבן פון דעם בלינדן אין אונדזער שטעטל איז זיך אזוי געגאנגען נישט געענדערט אומצאָליקע טעג. פון צייט צו צייט, נאָך יאָרן אויספעלן, ווען כ׳פלעג מיך אומקערן צו מיינִיקע, פלעג איך אים אויך באגעגענען לעבן די אלטע קוואלן. ער איז עלטער געוואָרן, האָב איך אים אריינגעוואָרפן א וואָרט. ער האָט מיך תיכף דערקענט נאָכן קלאנג פון דער שטים. אצינד דאכט זיך איז ער געשטאָרבן. די אלטע קוואלן אָבער האָבן מיך, אין יענעם הארבסט, אויפסניי דערמאָנט אין זיין טרער.

מיכאיל סאדאָוועאַנו

# איציק דער זאָדעניק

אויף אַלטע, פאַרגעלטע בלעטער, האָב איך געפונען פאַרצייכנט אין איילעניש איציק דעם זאָדעניקס אויסזען. ער האָט מיר דערמאָנט אויסגעוויזן אַזוי אַ טרויעריקע אַ קאָמישע פיגור דער דאָזיקער קליינער פעטראָל־סוחר, מיט דער ציגנשער באָרד און לאַנגע וואָנצעס וואָס זענען אַראָפּגעהאַנגען אונטער אַ גרויסער נאָז. די שפּיצן פון די וואָנצעס האָבן זיך אָבער קיינמאָל נישט איינגענעצט אין וויין. פאַר איציקס בייטל איז דאָס וואַסער אויך געווען צו טייער: ער פלעגט יעדן טאָג שלינגען דעם וואַסערפירער באַצאָלן צו פינף באַן פאַר דריי קאַנען. „וואַסער פונקט ווי דאָס ליכט, זענען פון גאָט, — פלעגט ער זאָגן — און מיר האָבן דערלעבט שווערע צייטן, אַז מיר דאַרפן עס קויפן...“

איציק דער זאָדעניק פלעגט יעדן נאָכמיטאָג שלעפּן אַ וועגעלע אויף די געסלעך פון אונדזער שטעטל. מיט ביידע הענט הינטער די פּלייצעס, די קריזשעס טיף איינגעבויגן, מיט די וואָנצעס אויף דער ברוסט, האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער שלעפּט אַ ריזיקע משא. אָבער אין דעם נידעריקן וועגעלע האָט ער נישט מער געהאַט ווי צוויי שמוציקע בלעכן פון וועלכע ער פלעגט, אָפּשטעלנדיק זיך פאַר די הייזער, אָנגיסן אַ בלעכל נאַז. ביים שלעפּן פלעגט זיך דער רוקן נאָך מער איינבייגן און זיין מאָדנע שטימע, אַ דינע און הייזעריקע, פלעגט שטאַמלען אַן אויסגעצויגענעם: גאַז! גאַז!

דער קאפעלוטש, ציגל־רויט פון אלטקייט, איז א צעפּלעטשטער ווי א גלאָק, אראָפּגעפאלן אויף זיין נאקן און איבער זיינע אויגן. א פארשמאָלצן לייבל, מיט א מיאוסן גערוך, איינגאנצן געפלעקט פון פּעטראָל, איז אים אראָפּגעהאָנגען ביז צו די שטארק ברייטע שטיוול וועלכע ער האָט נאָכגעשלעפּט אין שטויב פונעם וועג.

— וואָס זאָל איך טון? — פלעגט ער זאָגן, באקוקנדיק די „שיפן" אין וועלכע ער האָט ארייַנגעשטעקט זיינע קליינע און שלאפע פיס; — ס'איז א מציאה... כ'האָב נישט געקוקט וואָס זיי זענען גרויס, כ'האָב געקוקט, אז זיי זענען ביליק. כ'ל זיך שוין מיט זיי אזוי ארומשלעפּן!

איינגעשפּאנט אין וועגעלע, פלעגט ער אזוי שארן מיט די שטיוול און שרייען אויסגעצויגן און טרויעריק אויף די גאסן, ביז די נאכט איז צוגעפאלן. דאן איז ער געלעגן געוואָרן ערגעץ ווו, אין א האלב חרובער בודקע, צווישן די געריכטע און שמוציקע יידישע כאַטעס.

צומאָל פלעג איך אים נאָך זען אינדערפרי, בפרט אין רעגנדיקע טעג ווען די געסלעך פון אונדזער שטעטל פלעגן זיך פארוואנדלען אין אמתע טייכן פון בלאָטע. אין אזעלכע פרימאָרגנס פלעגט איציק דער זאָרעניק האָבן אן אנדערע באשעפטיקונג: ער פלעגט טראָגן אויף די פּלייצעס קליינע קינדער אין חדר־אריין, ער פלעגט זיי צונויפטרייבן פון אונטער די אויוונס, פון די בארעגנטע גאניקעס, פון אונטער די טירן, פלעגט זיי בריהש נעמען אויף די פּלייצעס און אָנהייבן טאָפּטשען מיט זיינע ריזיקע שטיוול אין דער טיפער בלאָטע. די פיר־פינף קינדערלעך מיט קאָלירטע בגדים און טיכלעך, זענען געהאנגען צוגעקלעבטע ווי די פּיאווקעס, אויפן נאקן, אויף די פּלייצעס, אויף די אקסלען און אין די אָרעמס. אָנגעקומען אין חדר, האָט ער זיי אָפּגעלאָדן אין די אָרעמס פון רב בערל, א לאנגער און דארער מלמד. נאָך עטלעכע אזעלכע טראנספּאָרטן, האָט זיך דעם מלמדס חדר אָנגעפולט: איציק פלעגט אריינשטעקן דעם קאָפּ דורך דער טיר און קוקן א פארגאפטער ווי די יידישע קינדער לערנען תורה. מיט א גראָב ריטל פלעגט רב בערל צוקלאפּן צום טאקט, און די קינדער פלעגן, אומאויפהערלער, שעהנווייז, מיט איינטאָניקע שטימעס אין כאָר אויסזינגען די לעקציעס.

— לערנען איז א גרויסע זאך — האָט איציק געזאָגט באוועגנדיק מיטן קאָפּ; און פלעגט אוועקגיין צו זיינע געשעפטן.

אין די מארק־טעג, חגאות און זונטיקן, פלעגט איציק האָבן נאָך א באשעפטיקונג. ער פלעגט ארויסגיין צו דער קערנעצע פון דער ראָהאטקע און פלעגט אויסוואַרטן די פויערים פון די נאָענטע דערפער וואָס פלעגן קומען מיט עופות, מילכיקס און אייער צום פארקויפן. — כ׳האָב אים אמאָל געזען שטיין אָנגעשפארט אָן א סלופ, און אויפמערקזאם באטראכטן די פארצרהטע און פון דער זון אָפגעברענטע פנימער פון די מענער, די צונויפגעצויגענע ליפן און שעמעוודיקע אויגן פון די ווייבער. איציק דער זאָרעניק האָט געוווסט וועמען אָפצושטעלן, שמייכלענדיק און אויפהייבנדיק די האנט ביז צו די וואָנצעס. אין יענעם זונטיק האָט ער צום ערשטן אָפגעשטעלט א שוואכע און דערשלאָגענע פויערטע.

— וואָס האָסטו צו פארקויפן? — האָט ער גוטמוטיק געפרעגט.

— כ׳האָב א הינדל און א ביסל פוטער... האָט די באלעבאָסטע געענטפערט אָפשטעלנדיק זיך.

— לאָמיר זען... — האָט איציק גלייכגילטיק געזאָגט.

ער האָט אויסגעטאפט דאָס הינדל, די פוטער אָפגעוווינן אין דער האנט, פארזוכט, דאן א טרייסל געטון מיטן קאָפּ, מיט צווייפל און אומצופרידן:

— און וויפל מאָנסטו פארן הינדל?

— א פראַנק!

— א פראַנק? הם! און פאר דער פוטער?

— פוטער האָב איך כמעט א האלבע אָקע. כ׳ל דערפאר אויך נעמען א פראנק.

— וואָס? הייסט׳ס צוויי פראַנק פאר דער פוטער און פארן הינדל! שרייט איציק שטארק פארוואונדערט און פינקלענדיק גיך מיט די אויגן און אָפּלאָזנדיק ראַפּטום די סחורה צוריק אין די אָרעמס פון דער פויערטע, — גלייך ווי ער וואָלט זיך דערמיט אָפּגעבריט.

געקריוודעט, האָט די פויערטע געקוקט אויף איר פאראכטעטער סחורה, דאן ארום זיך. ביים ארייגגאַנג פון דער שטאָט, האָבן זיך פויערים און פויערטעס געאמפערט מיט פעטע יידענעס מיט נאָכשלעפנדיקע שאלן; ס׳איז געווען א רעש, א געפילדער, א קריגעריי, א דינגעניש פון פרייזן, אזש א פחד האָט זיך געמערקט אין אירע אויגן.

— וויפל זשע גיט איר, מיין הער? — האָט די פּויערטע גוט־מוטיק געפרעגט.

— וואָס קאָן איך געבן? — האָט דער סוחר מיט פאַראַכטונג, געזאָגט. — איך קאָן געבן אַ האַלבן פראַנק פאַר דער הון און אַלץ אַזוי פיל פאַר דער פּוטער...

מאַכנדיק צוויי שפּאַן, האָט ער נאָכאַמאָל געגומען די סחורה אין דער האַנט, אויספאַרשנדיק זי מיט אויפמערקזאַמקייט, בעת די פּויערטע האָט מן הצד באַטראַכט זיין שיטערע באָרד, זיין פון פעטראָל פאַרשמאָלצן און באַפלעקטן לייבל און זיין גאַנץ אויסזען.

— כ'קאָן דיר געבן נאָך צען באַן פאַר דער גאַנצער סחורה! האָט מיט אַמאָל איציק דער זאָרדעניק גרויסמוטיק אויסגעשריגן און, אַוועקלאָזנדיק זיך צום נאָענטן ליאַרם, האָט ער אין איין האַנט געטראָגן די פּוטער מיט דער מיט די פיס אַראָפּגעהאַנגענע הון און מיט דער אַנדערער האַנט האָט ער געגישטערט אין אַ טיפער קעשענע נאָך דריבנע גראָשנס וועלכע ער האָט נישט געקענט געפינען. מיט אַ שטורעמדיק קול האָט ער געטענהט צו דער פּויערטע, דרינגענדיק וויבּטייער דאָס געלט איז היינטיקע ציטן, ווי די פּוטער רינט ווי וואַסער פון אַלע זייטן און די עופות קומען אריין אין שטאָט אויף אַלע פירלער, אויף אַלע שטאַנגען, אין אַלע פּויער־זעקלער.

— ס'איז אַ מינדערווערטיקע סחורה! האָט ער איר, פריינדלעך, געזאָגט. הער אוים וואָס ס'זאָגט דיר אַן אָרנטלעכער מענטש. אַזוי פיל געלט וועט דיר קיינער נישט געבן. דו ביסט בראַוו און פאַרשטייסט בעסער פון מיר... אָט האָסטו דאָס געלט, באַהאַלטס גוט און זאָג נישט אוים פאַר קיינעם...

די פרוי האָט אין אַ רגע איבערגעציילט דאָס געלט אין דער לינקער דלאָניע! דאַן, ווי עמעצער וואָלט איר אַ קלאַפּ געטון, האָט זי מיט אַ קוויטש אויסגעשטרעקט די רעכטע האַנט צום סוחר:

— שטיי נאָר, שטיי! דו האָסט מיר געגעבן נאָר ניינציק באַן!

— ווי איז עס מעגלעך? — האָט איציק געענטפערט אויסדרייענדיק זיך און שמייכלענדיק טרוקן.

די פרוי האָט אים אָנגעכאַפּט ביים לייבל און אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו דער שיסל מיט פּוטער.

— שטיי! האָט איציק אַ געלאַסענער געזאָגט, אָפּשטופּנדיק זי אין אַ זייט. ס'האָסטו נאָך צען באַן!...

— וואָס פאר א צען באן! ס׳איז געווען די רייד פון א פראנק מיט צען באן! נאָר אפילו פאר דעם פרייז גיב איך דיר אויך נישט. זאָלסט מיר געבן וועניגסטנס א פראנק מיט פינפציק...

— א פראנק מיט צען! ט׳האָסטו א פראנק מיט צען! שרייט גרויס־מוטיק דער זאָדעניק.

די פרוי האָט אָבער געקעמפט צוריק צו באקומען די סחורה. דער סוחר האָט נישט נאָכגעגעבן, זיך געווערט, האָט אויפגעהויבן איבערן קאָפּ די הין מיט דער פוטער און זיך דורכגעשאַרט צווישן די אנדערע סוחרים וואָס האָבן געפּילדערט, זיך געצאַפּלט, זיך געשווירן און געקעמפט וועגן די פרייזן מיט די פויערים. די פויערטע איז אים נאָכגעגאנגען ציענדיק אים ביי די פּאָלעס פונעם לייבל; דאן האָט זי מיט איין האנט אויסגעשטרעקט דאָס געלט און מיט דער אנדערער, ווי מיט א נאָגל, האָט זי געוואָלט צוריק דעראָבערן איר האָב...

דאָס איז געווען נאָר איינע פון איציק דעם זאָדעניקס באשעפטיקונגען. די אויף אזא שווערן אופן דעראָבערטע עופות, מילכיקס, און אייער, פלעגט ער צוריק פארקויפן כדי צו פארדינען א פּאָר גראָשן... דאָס דאָזיקע מסחר זיינס איז געווען אן אמתער קאמף, וואָס פלעגט אים אויסשעפּן; צומאָל פלעגן אים די פויערטעס אָנשפּייען און די דרייסטערע פויערים פלעגן אים אָנכאַפּן ביי דער באָרד. ער פלעגט זיך אָפּווישן דעם פארשוויצטן שטערן מיט א גרויסער פאטשיילע און א זיפץ טון:

— אזוי, מיט שוויים פארדינט מען א שטיקל ברויט פאר די קינדער!

איציק האָט אָבער זיין מזל געפּרוּווט אויך אויף אנדערע וועגן. אין די הייסע זומער־טעג, ווען די נעכט זענען קורצע און מען ברענט נישט קיין גאז, פלעגט ער ארומשפּאצירן אויף זיין וועגעלע א ציבער אייז אין וועלכן ס׳האָבן זיך געקילט פלעשער מיט זאָדע־וואסער. פון א טייערער און זאָרגעוודיק אָפּגעהיטער כלי, פלעגט ער אין א גלאָז אָנגיסן א טראָפּן סיראָפּ, דאן פלעגט ער אריינשפּריצן זאָדע־וואסער פון א סיפאָן. מיט דעם דאָזיקן קאלטן געטראנק פלעגט ער זומער־צייט באדינען די יינגלעך פון די רומענישע שולן, די דינערשאפטן פון די באָיארישע הייף און אפילו די יונגע באלעבאָסטעס פון דער מאָלדאָווישער פאָרשטאָט, וואָס פלעגן אויף א רגע ארויסגיין אין זייערע

בלומען־גערטנדלעך און אים רופן מיט דינע שטימעלעך. — מיט דער־זעלבער מי פלעגט ער זיך אָנבייגן שלעפנדיק די גראָשנדיקע סחורה און שרייען מיט אן אויסגעצויגן קול:

— עלעקטרישע און זיסע זאָדע! פינף באן א גלאָז!

פון דעם דאָזיקן מסחר איז אים געבליבן דער צונאָמען דער זאָדעניק.

אויף זיינע כסדרדיקע וועגן, אלץ די זעלביקע, אויף געסלעך און ליקלעך, פאר די זעלבע הייזער, באהאווקעט פון די זעלבע הינט מיט גראָבע קולות און פון די זעלבע הינטלעך מיט דינעטשקע שטימעלעך, פלעגט איציק דער זאָדעניק טראַכטן צו זיין אָרעמקייט, צו די קינדער און צום ווייב.

ער פלעגט טראכטן און טרוימען, וואָרעם איציק איז געווען א בעל־חלומות.

קודם וואָלט ער געוואָלט קויפן אן אמתדיקן נייעם קאפעלוש פאר אברהמלען, זיין גרעסער יינגעלע, און גלאנצנדיקע שטיוועלעך דעם מיידל, וואָס האָט דערפולט צען יאָר און האָט נאָך נישט זוכה געווען צון אזא פארגניגן! ער וואָלט נאָך געוואָלט דערפולן רבקהס א ווונטש, וואָס פלעגט זיפצנדיק און קרעכצנדיק אים אלץ דערמאנען — מכח אן אייגן שטיבל... ווען זיי זאָלן האָבן אן אייגענע דירה, האָט דער זאָדעניק געטראכט, וואָלט רבקה געהאט וו צו באוועגן איר פעטן קערפער און וואָלט אפשר נישט מער געזיפצט און געפראכט... אצינד, וווינענדיק אין א ווינקל פון א צימער, אינאיינעם מיט נאָך א בינטל אָרעמע מענטשן, איז נישטאָ וו זיך אהינצוטון און מ'האָט נישט קיין איין רגע רו. „איציק! האָט זיך רבקה באקלאָגט, ווען מיר וואָלטן געהאט אונדזער אייגן צימער!" דעמלט וואָלטן זיי ביידע באמת גליקלעך געווען ווי יצחק מיט רבקהן פארצייטן, ווי ס'דערציילן די אלטע ספרים...

אזוי טיין איך האָט ער אנומלט געטראכט, א מ'דער פונעם ארומגיין און פונעם הייסן טאָג. ער האָט זיך אָפגעשטעלט אין שאָטן פון א וואנט, שיצנדיק זיך פון דער גליענדיקער זון; האָט איבערגעציילט די גרייצער און כמעט א צופרידענער אָפגעזיפצט.

ענדלעך האָט גאָט געגעבן א טרוקעניש מיט הייסע טעג און זיין סחורה ווערט געזוכט. זיין גיך און פריינטלעך רעדן, זיין כיטרע שמייכלעך האָבן אין די פאַריקע זונטיק-טעג צוגעצויגן א סך טוזשיקעס

און ביי זיי א שיין ביסל געלט פארדינט. פון זיי פלעגן מיינסטנס אריינקומען די גרעסטע רווחים: פון די מענטשן פון אנדערער אמונה. — ער פלעגט זיי פארשיטן מיט רייד, פריינטלעך צושמייכלען, צומאָל אָפּנארן, אָפּרייסן פון די פרייזן; צומאָל פלעגט ער אפילו האָבן צרות אויסצושטיין; — נאָר וואָס מאכט עס אויס! אפשר וועט פאָרט קומען א צייט און ער וועט זיך אויך ארויפארבעטן צווישן די אנדערע מענטשן פון דער וועלט; דעמלט וועט זיין געניטקייט און זיין שטייגל אָפּגעשאצט ווערן אין גאָלד...

אין זיין חלום פון א רגע, האָט איציק דער זאָרעניק געזען רבקהן א צופרידענע זיצן אויף א בייט בענקל אין זייערס א אן אייגן חדר; אברהמלען האָט ער געזען מיט בגדים וואָס זעען אים אמאָל געפעלן און צו וועלכע ער אליין האָט אויך, אין זיינע קינדער־יאָרן, געגארט: א שיינער יעגער־קאָסטיום, די ארבל און דער קאָלנער פון גרינעם קאָליר מיט ביינערנע קנעפּ! און א קאפעליטשל מיט א פעדער. און רייזעלע, זיין מיידעלע, האָט זיך אים באוויזן אין א דין קליידעלע מיט סטענגעלער באצירט... און טראָגט שפּאָגל־נייע שיכעלעך, פאר זעקס ליי א פּאָר!

אָבער א קורצער רעש האָט אים זאודרעכעט. א שטיין האָט א זעץ געטון אין דנאָ פונעם וועגעלע. ער ציטערט אויף, א ליארם פון דינע קולות. און אויפהייבנדיק דעם קאָפּ, קוקט ער מיט שנאה צו א משאטע קינדער וואָס שפּרינגען אים אין פּנים נאָר ווי שדים...

דער לערער האָט אונדז ארויסגעלאָזט פון דער שולע און מיר האָבן ווי אָפּטמאָל, איבערגעשראָקן איציקן און אים געזונגען א שוין זייט לאנג אויסגעלערנט לידל. שפּרינגנדיק אויף איין פוס, האָבן מיר געקלאפּט מיט די ווירעס און מיט די פויסטן אין די טאשן און געזונגען צום טאקט א שפּאָט־לידל.

באפאלן פון קולות און חוזק, מיטן וועגעלע באהאָגלט מיט שטיינער, האָט זיך איציק דער זאָרעניק געפעדערט אויף זיין לאנגן וועג, מיטן קאָפּ צווישן די אָרעמס מיט פארביטערטע און קומער־פולע אויגן. זיין מאָדנע שטימע האָט אָפּגעהילכט, ציטערנדיק און אויסגעלאָשן, אויף אנדערע גאַסן...

זיינע שטרעבונגען און זיין עקשנות האָבן איציקן, אין זיינע שפּעטערדיקע יאָרן, דערפירט צון א ברעג. כ'האָב געענדיקט די פאָלקס־שול, כ'האָב פארגעסן די עלעקטרישע זאָרע, דעם גאז, דעם אויפקויפער

פון דער ראהאָטקע און פון די אויף די פּלייצעס געטראָגענע קינדער. כ'בין צוריק אהיים געקומען אין אָנהייב ווינטער; און ביים עק פון דער שטאָט האָב איך מיך באַגעגנט מיט איציק דעם זאָדעניק.

כ'האָב זיך מיט אים צושמועסט:

— נו, אצינד האָב איך א שטוב, האָט ער מיר געזאָגט מיט א זיפץ. אמאָל האָבן מיר געוווינט אינאייגעם מיט אנדערע, צונויפגע־דרענגט, אז ווי צו אונדזערע יאָרן, כ'האָב נישט געקענט אָטעמען, מיר פלעגן שלאָפן צונויפגעסקיפּעטע אויף דער ערד און אויף די בעטן, נאָר אצינד האָב איך גענומען אויפשטעלן א שטוב!

איך האָב זיך צעלאַכט:

— דיין רבקה מוז זיין שטאַרק צופרידן...

— יאָ, האָט איציק אָן וואַרעמקייט געענטפערט. איך האָב מיך אָפּגעלאָזט פון מיינע געשעפטן; אצינד האָב איך א פערד און וועגעלע... אויף דעם אופן קאָן איך בעסער פאַרדינען... מיין בחור איז א לערן־ייִנגל ביי א בלעכער; די טאָכטער ארבעט אין א שניי־דעריי פאַר דריי פראַנק א וואָך... ס'איז שווער, בפרט ווינטער, — נאָר וואָס קאָן מען טון?

— וואָס זשע, דאָס אויפקויפעריי גייט נישט מער, איציק?

— ווי קאָן עס גיין? ס'איז שווער פריץ! איך האָב מיך געעלטערט און די פּויערים זענען שלעכט און פרעך געוואָרן!...

דער ייִד האָט א זיפץ געטון און זיין פאַרחשכטער בליק איז אײַנ־געטונקען געווען אין טרויער.

שפּעטער מיט צוויי טעג, אין א דעמערונג, אין א שאַרפן דעצעמ־בער־ווינט, בין איך געקומען צו זיין נייער שטוב. כ'האָב געפונען פיר ווענט צונויפגעקלעפּטע מיט שטרוי־ליים, נישט אויסגעגלעטע, נאַסע פון רעגן און שניי, ווי פיר ווענט פון בלאָטע. דער דאַך איז געווען צונויפגעשטיקעוועט פון אלטע שטיקער בלעך אויסגעלייגטע אויף גאַנס באַראַנ, צופּעליק, וועלכע האָבן געקליגגען און געהילכט אויף פאַר־שידענע אופנים אונטער די קלעפּ פונעם ווינט. ביידע פענצטער זענען פאַרשטאָפּט געווען מיט ראַגאַזשינעס און גראָבע דעקן. די טיר פון אומגעהובלע'ווטע ברעטער, איז אויך געווען אונטערגעשלאָגן און פאַרשטאָפּט מיט שמאַטעס.

פאַר דער טיר איז געשטאַנען דער וואָגן. און אין דעם דאָזיקן מאָדנעם ישוב, אין דער דאָזיקער פון איציקן אויסגעקלוגטער שטוב,

האָב איך דערהערט ווילדע יללות און געוויינען. א דינער רויך איז ארויסגעגאנגען דורכן בוידעם און דורך די בלעכן פונעם דאך. כ'האָב צוגערופן דעם נאָענטן וואכמאן וועלכער האָט זיך אונטער א פּלויט באשירמט פארן שניידנדיקן ווינט. כ'האָב אים באוויזן ער זאָל ארײַנדרינגען דורך די שמאטעס, ער זאָל עפענען די טיר און זאָל זען וואָס ס'טוט זיך דאָרטן. כ'האָב געמיינט, אז אינעווייניק דאָרטן ברענט...

ווען ער האָט געעפנט די טיר און א ביסל ליכט האָט ארײַנגעדרינגען אין דער כאטע, האָב איך געזען א פייער פון טרוקענע צווייגן און פון דערנער אויפן פּריפּעטשיק אין אונטערגרונט; און אין יענע צוויי ציטערנדיקע און געמישטע שימערן, נאָענט צו דער טיר, האָבן זיך באוויזן איציק דער זאָרעניק מיט רבקהן, זיין ווייב, צאַפּלענדיק און שרייענדיק מיט א ווילדער ווייטיק נעבן א פערד, נאָר הויט און ביין, וואָס איז געלעגן אויסגעשטרעקט אין זיין גאנצער לענג אונטער יענער ליידיקער אומגליקס־בודקע.

דער וואכמאן האָט נישט געוווּסט וואָס צו טון. ער האָט אויך גענומען שרייען, אויפאָרעגנדיק זיי, אין נאָמען פונעם געזעץ, זיי זאָלן שווייגן; דאן האָט ער אָנגעהויבן פייפן. דער ייד, אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, האָט מיך דערזען און האָט גענומען זיך שלאָגן מיט די קולעקעס אין קאָפּ. ער האָט מיר געוויזן דאָס טויטע פערד, ער האָט מיר געוויזן רבקהן: ער האָט מיר דערציילט פון זיינע צרות, וויאזוי ער האָט אָפּכאָפּעט זיין גויש־חבר, אז ער האָט געוווינט אינאיינעם מיט זיי, אין זייער ישוב, און איז דאָך געפּגרט, אפשר פון אלטקייט, אָדער פון שוואכקייט און פון הונגער; „און אצינד, פריץ לעב, בין איך געבליבן מיט גאָרנישט, אצינד מעגן מיר אויך שטארבן!...“ האָט איציק פארענדיקט אויסשטרעקנדיק צו מיר זיינע הענט, מיט א טראגישן זשעסט.

ס'איז געווען דער סוף פון א ביטערער שטרעבונג. כ'האָב קיינמאָל נישט געזען קיין שרעקלעכערע יללות און ווייטיקן, כ'האָב קיינמאָל נישט געזען אזא האָפנונגסלאָזן און צאָרנדיקן בליק!

# דאָס פערדל

אויפן עק פון שטעפאן־וואָדע־גאס, וואָס נידערט אראָפ פונעם אויבערשטן טייל שטעטל, האָט זיך פלוצים באוויזן א וואכטמאן מיט א פרעכטיקן אויסזען, וועלכער האָט געפירט פאר דער גריווע א פערדל. ווען דער מאכט־פאָרשטייער האָט זיך אָפגעשטעלט, האָט זיך דאָס פערדל אויך אָפגעשטעלט מיט דער אויסגעצווינגענער מאָרדע צו דער ערד.

דער וואכטמאן האָט אויסגעדרייט אויף רעכטס און אויף לינקס זיין פנים, וואָס האָט געהאט דאָס קאָליר פון אן אָפגעקאָכטן ראק, דער־נאָך האָט ער מיט די הענט א שאר געטאָן די טשאָפּרענע וואָס האָט זיין פיגור באצירט: א פאָר וואָנצעס ווי שפינפעדים, לאנגע ביז צו די אָרעמס דורך די באָרד־שפיצן בכיוון איבערגעלאָזטע און קינ־ציק צונויפגעפלאָכטענע מיט די וואָנצעס. א הויכער און ברייטפּלייציקער, אָנגעטאָן אין א פאָר גרויסע שטיוול וואָס האָבן געגרייכט איבער די קני, האָט ער געקוקט מיט ביטול אויף די סוחרים און באאמטערס וועלכע זענען דורכגעגאנגען אויף דער גאס, דורכן ליכט פון א פאר־פירערישער פרילינג־זון. אין דער ווייטנס — אויף אן אנדערן קרייצ־וועג, לענגאויס פון דער גלייכער גאס, האָט ער דערוויסט די אוניפאָרם פון א קאמאראד. ער האָט א צי געטאָן א רויטע שנור, האָט ארויס־געצויגן דעם „סיגנאל“ און געגעבן א לאנגן פייף, מיט באקאנטע

ביינעוודיקייטן. „מיר האָבן אָן ארעסטירטן!“ האָט דער סיגנאַל באדייט.

דער אנדערער וואכמאַן האָט געענטפערט און האָט גענומען גיין מיט דריבנע טריט צו דער באַנגעניש. ער איז געווען א נידעריקער און דינער מענטש, א שווארצלעכער און מיט אומרויקע אויגן. דער ריז האָט זיך א ריר געטון פון זיין אָרט און דאָס פערדל, געצויגן פאַר דער גריווע, איז אים נאָכגעגאנגען מיט גרויס אונטער־טעניקייט.

דאָס פערדל איז געווען אינטערעסאנטער פון די מענטשן. ס'איז געווען א באַשעפעניש וואָס האָט פאָלקאָם געשטימט מיט דער לאנגע און ווערלבער ס'האָט זיך געפונען. ס'איז נישט געווען קיין גרויסע בהמה, נאָר ארעליקע, א גוט געפלעגטע, מיט לוקסוריעזע באַמעטעס. עס איז געווען א בירגער שפּיצבוב, וואָלט מיר געקאָנט זאָגן — מיט בלאָטע באַשפּריצט, באַמעטעס פון שטריק, צעריסענע און פארקניפּטע אויף א סך ערטער. עס איז געגאנגען אנטמוטיקט, מיט אַן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ, און האָט פון מאָל צו מאָל געוואָרפן אויף די זייטן א שעמעוודיקן בליק. עס איז געווען גוט געפּאַקט און א יונגס — דאָס מיזעראַבלע לעבן האָט אָבער באַצייכנט זיינע צעשויבערטע האָר און די ארויסגעשטעקטע ריפּן. א שטיפמוטערישע סביבה, א געפּלאָגט לעבן האָבן פון אים געמאַכט א וועזן וואָס איז א רחמנות אָנצוקוקן. דער פּאָליציי־אגענט האָט עס געשלעפּט פאַר דער גריווע, האָט אויף אים געשריגן סטאָכענדיק אים:

— רע, גלאָבע! שפּאַן גיכער!

דאָס פערדל האָט געצווונגען די פיס, אפילו געמאַכט צוויי טריט גרייט צו א פולקומער אונטערטעניקייט.

— האָאָ! וווּ גייסטו? האָט אויף אים דער ריז געשריגן, ווען ער האָט זיך באַגעגנט מיט דעם קליינעם וואכמאַן.

דאָס רױטלעכע פערדל איז שטיין געבליבן, האָט א שאָקל געטון מיטן קאָפּ און מיט די פול-נאָכגעביקע בליקן געקוקט אויפן מענטשן מיט די אומגעהייערע שטיוול, וועלכן ער האָט מער נישט געקענט צו־פרידן שטעלן.

— א גוטן טאָג, מאַטעי! האָט דער ריז געשריגן.

— א גוטן! האָט דער קלענערער געמורמלט, און געקוקט א פאַר־צרהטער אין א זייט.

דער אנדערער האָט גענומען לאַכן מיט האָפּעדריקייט:

— וואָס איז מיט דיר, מאַטעי? גלייך די שיפֿן זענען דיר אונטערגעגאַנגען!

— ס'איז מיר גאָרנישט, הער נעסטאַסע, איך טראַכט נאָר, אַז אַנשטאָט מײַן מאַמע זאָל מיך אַזוי אַרויסלאָזן אויף דער וועלט, וואָלט שוין בעסער געווען איך זאָל געווען געבוירן ווערן אַ לאָשיק און אַ וואָלף זאָל מיך געווען אויפֿעסן!

דאָס פֿערדל האָט לייכט געטרייסלט מיטן קאָפּ, גלייך ווי ס'וואָלט גוט פֿאַרשטאַנען דעם דאָזיקן מעלאַנכאָלישן געדאַנק.

— אָבער וואָס איז מיט דיר, ברודער מאַטעי? האָט נעסטאַסע געפֿרעגט. ווידער האָבן די ליבעס אָנגעהויבן וואַנדערן?

— ער! וואָס זאָל איך נאָך זאָגן... גוטער ברודער, מײַן האַרץ איז שוואַרץ ווי פּעך! נאָר לאָמיר דאָס אָפּלאָזן. וואָס איז געשען? וואָס איז מיט דער קליאַטשע וואָס דו האַלטסט פֿאַר דער גריווע?

— וואָס זאָל זײַן? האָט נאַסטאַסע האָפֿעדיק געענטפֿערט. ס'איז אַ פֿערד. כ'האָב עס אַרעסטירט, מע דאַרף עס פֿירן אין פּאָליציי-אַמט. אַזוי איז דער באַפֿעל פֿונעם הער פּאָליציי-שעף. ווייסט נישט?

כ'ווייס נישט פֿון גאָרנישט. מײַנע געדאַנקען זענען איצט בײַ די באַפֿעלן?

— דו ווייסט נישט וואָס דער הער פּאָליציי האָט נעכטן געזאָגט? זײַן פּריצעלע איז אויך געווען מיט אים, און אַזוי האָט ער גיך געוואָרפֿן מיטן קאָפּ. באַפֿעל: ווי נאָר מירן זען פֿערד וואָס זענען אײַנגעשפּאַנט בײַ אַן איבערגעפֿאָרענער משא, זאָלן מיר זיי אויסשפּאַנען און אַרעסטירן... הער עפּעס שיינס. ווי איך שטיי מיר אַזוי אויף מײַן פּאָסטן, דערזע איך ווי אַ זשידאָן וויל אַרויפֿציִען באַרגאַרויף אַ פֿולן וואָגן מיט האָלץ. ס'איז געווען אָנגעלאָדן נאָר ווי פֿאַר אַ וואַגאָן. און ער האָט דאָס פֿערד געשלאָגן, און געשריגן און געוואָרפֿן: דיאָ! דיאָ! איך האָב געטראַכט צום הער פּאָליציים באַפֿעל און געלאַכט: איך דאַרף מיך צו אַלץ פּאָטריוועון? צו וואָס זיך אַרײַנמישן צווישן דעם זשידאָן און דעם פֿערד? נאָר אָט, כ'ווייס נישט פֿאַרוואָס, וואַקסט אויס די פּריצה. נו, האָב איך נישט מער געוואַרט. איך פֿאַרשטיי שוין ווי עס האַלט. זי איז אַ באַרעמהאַרציקע פּערזאָן. איך לויף צו,

כאַפּ אָן דעם באַלעגאָלע פאַר דער ברוסט, טרייסל אים אביסל אויס און גיב אויף אים א געשריי ער זאָל זיך אונטערגעבן. איך שפּאַן אויס דאָס פערד — און קום צו דער פּלאַצקאָמאַנדע! און די פּריצה, הערסטו מאַטעי, איז געווען אויסער זיך פאַר פרייד. זי האָט געזאָגט: בראַוואָ! און האָט פון א גרויסן בייטל ארויסגענומען א קליין בייטעלע און מיר דערלאַנגט צוויי ליי, טרינקגעלד.

— גוט אזוי, האָט מאַטעי געזאָגט א פארטראַכטער און אַלץ א טרויעריקער. און וואָס האָט דער זשידאַן געטון?

— וואָס זאָל ער טון? האָט נעסטאַסע מיט פאַראַכטונג אויסגערופן. זייט איך לעב האָב איך נישט געזען אזא דערשלאָגענעם און איבערגעשראָקענעם! כ'האָב אים דערלאַנגט צוויי קולעקעס, אז ער איז אין שאַנץ אריינגעפאַלן. כ'האָב גענומען דאָס פערד און איך פיר עס, ליוטן באַפעל.

— און ער, ווי איז?

— ווער? דער סוחר? ער שטייט נעבן וואָגן, אז נישט באַקומט דאָס האַלץ פּיס.

א שמייכל איז דורכגעגאַנגען איבער מאַטעיס שוואַרצלעך פּנים. ער האָט געזאָגט אין פאַרלעגנהייט:

— הייסט'ס, האָסטו אים ארעסטירט?

ביידע האָבן זיך א ביסל אָפּגעריקט אין א זייט און געקוקט אויפן פערדל. נעסטאַסע האָט אָפּגעלאָזט די גריווע. דער געפאַנגענער, נומטומיק און אונטערטעניק, האָט זיי אָנגעקוקט מיט א מענטשלעכן אויסדרוק, גלייך ווי ער וואָלט געזאָגט:

— מיינע הערן, איך בין דאָ גאָרנישט שולדיק!

דערנאָך האָט ער געוואָלט אוועקגיין. דער ריז האָט אָבער ארויסגעלאָזט א הייזעריקן געשריי:

— גאַאא! שטיי דאָ!...

דאָס פערדל האָט פאַרשטאַנען און איז שטיין געבליבן אין דעם קאָפּ טיפער צו דער ערד אראָפּגעלאָזט.

— טייי! דער הייַנטיקער טאָג קאָן איך זאָגן איז מיר אָפּגעגאַנגען ווי א מלך! האָט דער ריז געזאָגט זיגעריש, און זיין שאַרלעכרויט פּנים האָט אינגאַנצן געלאַכט, קנייטשענדיק זיך שטאַרק צו די שלייפן־צו. ביים הער קאָסטין, אויף נומער 27, איז דאָ א מיידל...

פיי! א בריה פון א מיידל. און א באלעבאָסטע... דעם גאַנצן ווינטער בין איך געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ, אָבער בלאָטע! זי האָט מיך נישט אָנגעקוקט... נאָר זייט כ'האָב מיך אָנגעטאָן מיט נייע קליידער... און מיט שטיוול ביז איבער די קני — גיב נאָר א קוק ס'אַרא וואַזשנע קאַנאַנעןשטיוול איך האָב! זע איך, אַז דאָס מיידל הייבט אָן אַרויסגיין צום טירל פאַר מיטאָגצייט... אין הוילן קאָפּ, מיט א בלום אין די האָר און מיט א פאַרטעך ווייס ווי שניי. דו! וואָס זאָל איך דיר זאָגן, אַז וויל איז צו מיר!

— דערפאַר ביסטו אַזוי אָנגעגורט אין די לענדן און פריש אָפּגעגאָלט... האָט מאַטעי... מרה־שחורהדיק געזאָגט.

— דערפאַר! האָט נעסטאַסע אויסגערופן געבנדיק אים א זעץ איבערן אַקסל מיט זיין עלעפאַנטן־לאַפּע. פאַרפירט פונעם קלאַפּ, האָט דאָס פערדל געוואָלט אַוועקגיין. נאַאַ! שטיי אויפן פלאַץ! האָט דער ריז געברילט. דער אַרעסטירטער האָט זיך אָפּגעשטעלט. לויט ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז עס געווען א ווערן וואָס האָט פאַרשטאַנען די לאַגע. אָבער דו, מאַטעי, האָט נעסטאַסע געפרעגט, אָנשפּאַרנדיק אַן עלנבויגן אָן דער קרופּע פונעם פערדל; וואָס איז מיט דיר, גלייך ווי ס'שנייעט און ס'רעגנט דיר אַריין?

— וואָס זאָל זיין? ס'איז גאָרנישט! האָט מאַטעי געענטפערט, באַקוקנדיק מיט אויפמערקזאַמקייט דעם שפּיץ פון זיין רעכטן שטיוול.

— אך! וועמען ווילסטו דאָ נאַרן? איך קען דיך נישט? כ'האָב דיך נאָך נישט געזען אין אַזאַ צושטאַנד?... הערסטו! א סך זאַכן האָט דער מענטש אויסצושטיין אויף דער וועלט. צום טייוול! צומאָל — ווי ס'איז געווען דעם ווינטער — ווייזט דיר אויס, אַז די וועלט איז נישט ווערט א פּעטרעשקע.

— אמת, הער נעסטאַסע... האָט מאַטעי צוגעשטימט, דערוואַרעמט און גערירט אין דערזעלבער צייט; און ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיטן עלנבויגן אָן דעם האַלדז פונעם אַרעסטירטן.

— זי איז ווידער אַנטלאָפן? האָט אים דער ריז געהיימניספול געפרעגט?

— ווידער! האָט פאַרצווייפלט געזיפצט דער קלייגער און שוואַרצלעכער מענטש. איך מיט דער סלוזשבע, אויף דער וואַך, קאָן נישט

זיין אין דערהיים און היטן. איינער פון דער „מאכאלא"[1] האָט מיר געזאָגט, אז צו מיר אין שטוב איז אין א טאָג געקומען איינער מיט א צילינדער... האָב איך גענומען מיין ווייב אויף א פארהער. איך זאָג איר דאָס, יענץ — און וואַרף איר אריין יענעם באַגראָב! כ'האָב זי יענע נאכט געשלאָגן, און היינט איז דערפרי איז זי אנטלאָפן! וואָס טו איך אצינד, הער נעסטאסע? איך אָן איר קאָן גישט לעבן!

— פאר וואָס זשע האָסטו זי געשלאָגן?

— אז ס'איז מיר אזוי אָנגעקומען, א רציחה... איך זאָג א וואָרט און זי ענטפערט צען!... קודם האָב איך זי געפּרעגט מיט גוטן...

און מאטעי האָט גענומען ווייזן דעם ריז וויאזוי ער האָט מיט איר גערעדט מיט גוטן, וואָס זיין ווייב האָט געענטפערט, וואָס ער האָט־נאָך געזאָגט, וויאזוי ס'האָט זיך ווייטער פארלאָפן, מיט קלעפּ, מיט געשרייען, מיט זידלערייען, מיט טרערן. דאָס פערדל, נישט רירנדיק זיך, האָט געהאלטן אויף די פּלייצעס די פרייד פונעם ריז און די פארצווייפלונג פונעם שווארצלעכן; עס האָט געפּינטלט מיט די אויגן, האָט זיי אויסגעהערט א פארטראכטער, און לויט זיין טבע, האָט עס לייכט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. דורך דעם דאָזיקן מיאוישן און פילאָזאָפישן זשעסט האָט עס ווי ארויסגעוויזן א בפרושע פארשטענדעניש צו דער לאגע, מחמת מאטעיס שיקזאל האָט זיך אויך דער פרייערבער ריז צוגעהערט. „די טרויעריקע וועלן פריילעך זיין און די פרייליכע וועלן טרויעריק ווערן!..."

— אזא שלעכטע טבע האָב איך שוין, האָט דער נידעריקער וואכמאן געזאָגט: איך בין א בעל־כעס!

— וואָס ביסטו?

— כ'בין א בעל־כעסן! האָט איבערגעחזרט מאטעי, וועלכער איז געווען געלערנטער פון זיין חבר.

נעסטאסע האָט א שמייכל צייט געשוויגן, א ביסל צעמישט. ער האָט ווי נעמראכט צו עפּעס. ער איז אָבער געווען א שטאָלצער מענטש.

---

[1]) מאכאלא — פארשטאָט.

— ווייסטו נאָר וואָס איך וואָלט געזאָגט? האָט ער פאַרגעשלאָגן מיט זיכערקייט. מיר זאָלן זיך א ביסל אָפּשטעלן ביי מײַליקן. ער האָט, הערסטו, מאטעי, יענעם ווײַן! ווײַן איז גוט סיי אין פריידן, סיי אין לײדן!

מאטעי האָט ווײטיקלעך געשמייכלט, און, אָנהויבנדיק פון ס'נײַ די מעשה פון זײַנע צרות, האָט ער אָנפּאַרטרויעט זײַן גאַנץ האַרץ, מיט די ביטערקייטן, דעם הער נעסטאסע. דער רײַז האָט זײַן גרויסע האַנט אַרײַנגעשטעקט אין דעם פערדלס גריווע, און אַלע דרײַ זענען געגאַנגען באַרג־אַראָפּ, בעת די אײַלנדיקע כמאַרעס פון די מערב־זײַט האָבן זיך געדרענגט אין צפון־זײַט.

צו מײַליקן, זענען די וואַסמענער אַרײַנגעגאַנגען אויף א רגע; דאָס פערדל איז געבליבן בראַוו אין דרויסן. אין דעם ערשטן פערטל שעה האָט זיך יעדע רגע נאַסטאַסעס פּנים צוגעקלעפּט צו דער שויב; דערנאָך, א זיכערער און צופרידענער, האָט ער זיך צוריקגעצויגן אין שאָטן, צו די אויפסנײַ אָנגעפולטע גלעזער און צו די מעשׂיות אָן א סוף.

דאָס רויטלעכע פערדל האָט פון מאָל צו מאָל אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אויסדרייענדיק אים צו די שוואַרצע פענצטער, דערנאָך אים אַראָפּגעלאָזט צו די קני, ווי זאַטשמעלט פון אומגליקלעכע און ביטערע געדאַנקען; וואָרעם עס האָט איך געהאַט א פאַרגאַנגענהייט און א לעבן פול מיט גרויזאַמע לײַדן.

ווען ס'האָט אָנגעהויבן בלאָזן א ווינט, מיט שרעקלעכע ווירבלען, ווען שוואַרצע וואָלקנס האָבן די זון פאַרשטעלט און אָנגעהויבן שיטן מיט שנײַערגן — האָט עס דאַכט זיך מיטאַמאָל גענומען א באַשלוס. עס האָט זיך א ריר געטון פונעם אָרט און גענומען פּאַמעלעך שפּאַנען פאָראויס. צוויי מאָל, דרײַ מאָל האָט עס צוריקגעקוקט, ווי אַן אַרעסטירטער וואָס ווייסט גאַנץ גוט וואָס עס האָט צו טון; דערנאָך האָט עס זײַן אומאַנטשלאָסן אויסזען געביטן; דורכן בייזן שנייִשטורעם איז עס געגאַנגען מיט א רואיקן און זיכערן טראָט.

אויף דער גאַס אויף וועלכער עס איז געגאַנגען האָבן פאַרקערט מענטשן און וועגן. עס איז זיך אָבער געגאַנגען בראַוו און קיינעם נישט געשטערט. ביי א ווענדונג, האָט א באַלעגאָלע מיט א ריזיקער אָנלאָדעניש בייז געשלאָגן זײַן מאָגער פערד מיט א לאַנגן און גראָבן שטעקן. ווי־פל מאָל ער האָט געשלאָגן, אזוי־פיל מאָל האָט ער געשריגן; דערנאָך האָט ער געבריליט מיט א שרעקלעכער שטימע; דאָס פערד

האָט געהויבן א פיס דערנאָך דעם אנדערן. עס האָט זיך געריסן צווישן די האַליאַוועס און באַלן געוואָרן פון א קראנקהאפטער דערשיטערקייט.

דער ווינט איז שטיין געבליבן, די כמארעס זענען זיך צעגאנגען און דער שניירעגן איז אוועק ווי א רויך, זיך דערווייטערט דורך דער ליכט. דאָס בילד פונעם באלעגאָלע און דאָס געשלאָגענע פערד האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין די אויגן פון דעם רויטלעכן פערדל: יענץ בילד האָט אויך דערציילט זיין לעבנס-געשיכטע פון א פארוואָגלטער, פארנאכלעסיקטער און תמיד הונגעריקער בהמה.

גלייך ווי עס וואָלט מיטאמאָל באפאלן געוואָרן פון פארביטערטע און שווערע געדאנקען, האָט דאָס פערדל נאָך מער ארונטערגעבויגן דעם קאָפּ צו דער ערד און האָט זיך דורכגעשאַרט אויף א מער פארבאָרגענעם אונטערגעסל. געטריבן פון דעם זיכערן חוש פון די בעלי-חיים, האָט עס זיך אויסגעלאָזט צו דער לאַנקע מיט דעם פרישן גראָז ביים ברעג פון שטאָט.

אויף זיינע שפּאָרן האָבן די וואכמענער ארויסגעלאָזט סיגנאלן, זיי האָבן זיך אָנגעשלאָגן איינער פון אנדערן. זיי זענען געלאָפן צו אלע קרייצוועגן — דערנאָך זענען זיי געבליבן מיט אראָפּגעלאָזטע אָרעמס קוקנדיק איינער צום אנדערן. דער בידנער געפאנגענער וועלכן זיי האָבן פארלוירן, האָט געגעבן איבער די ערשטע גראָז-פעדים און האָט געהערט די אייזערנע פענטעס פון די פערד אויף דער לאָנקע. אן אויסגעצווייגער האָט ער זיך אוועקגעלאָזט צו די באַבלעטערטע ווייגנביימער, ער האָט אראָפּגעבויגן די מאָרדע צו דער פייכטער ערד און טיף איינגעאָטעמט דעם פרילינג-ריח.

די זון איז ארויס אין לויטערקייט, די כמארעס זענען פארצערט געוואָרן אין דער אומבאקאנטקייט. אויף א טאָפּאָליע, אין דער נאָענט, האָבן צוויי אש-גרויע טערטלטויבן געוואָרקעט. דאָס פערדל האָט א לאנגן הירזשע געטון, מיט פרייד. פון זיין פינצטערער תפיסה האָט עס זיך מיטאמאָל דערשלאָגן צו א רגע פרייהייט און צו א זונענשטראל.

# פילאָזאָפיע

## I

תיכף נאָך דער מלחמה...

ס׳איז די רעדע פון דער פריערדיקער מלחמה, דהיינו, פון דער ערשטער װעלט־מלחמה. ס׳איז אװעק א סך צייט זייט דעמלט — ס׳איז אװעק אזױפיל צייט װיפל ס׳איז נייטיק געװען פאר אייניקע פון אונדזערע מיטמענטשן זיך אומצוקערן צום זומפּ פון באַרבאַריי. זיי זענען אין אים פארזונקען מיט א װילדער באַגייסטערונג. זיי דערװאַכן היינט איבעראַשטע און מיט אומצוטרוי צעדרויבלטע, אָרעמע אין הונגעריקע פונקט װי פריער מיט צװיי טויזנט יאָר װען זיי האָבן זיך צעלאָזן אין א ענלעכער אומזיניקער שחיטה. איז עס מעגלעך, פרעגן זיי זיך, אז די װעלט־הערשאַפט זאָל נישט געהערן צו די דרייסטע און שטאַרקע? זייט צװיי טויזנט יאָר זעען מיר, אז די הערשאַפט פון דער װעלט װיל געהערן דעם גייסט, און דאָך װעלן די געװאַלטזאַמע אפילו שפּעטער מיט צװיי טויזנט יאָר נישט גלייבן אין דעם דאָזיקן אמת.

באַלד נאָך דער ערשטער װעלט־מלחמה, איז מיין פריינט בענאָ פלום געשטעלט געװאָרן פאר א קריגס־געריכט, כדי צו ענטפערן אויף דער באַשולדיקונג, אז ער האָט זיך פאַרבונדן מיטן שונא.

די װערטער װאָס מ׳האָט גענוצט כדי צו באַצייכענען בנימין פלומס האַנדלונג האָבן פעסטגעשטעלט, צװישן אַנדערע, אז „ער האָט זיין לאַנד פאַרקויפט“.

א מיליטערישער פּראָקוראָר האָט נישט געקענט געפינען קיין גע־פערלעכערע און שרעקלעכערע באַשולדיקונג.

פּלום איז געווען א פאַרקויפער פונעם לאנד; דאָך האָט מען אים נישט געקאָנט פאַרשפּטן, אויפן סמך פון ווערטער; מע האָט באַדאַרפט צונויפזאמלען, קעגן מיין פריינט, פאַקטן.

די צום פּראָצעס געבראַנגטע סאָלדאַטן אלס עדות האָבן געוויזן אז „דער הער בענאָ האָט געקעמפט מיט מוט" און פלעגט זיי גוטע עצות געבן. פאַרוואָס זאָלן זיי באַלאָדן זייער געוויסן זאָגנדיק עדות קעגן זייער סערזשענט? גערעכטיקייט איז גערעכטיקייט פאַר גאָט, אזוי אז מיר קאָנען נישט אנדערש עדות זאָגן פאַר מענטשן. דער הער בענאָ פּ׳עגט זיי געבן ציגאַרן, און ס׳איז באַוווסט, אז די גרוי־זאַמסטע פּלאָג פאַר א סאָלדאַט, אויפן פראָנט, איז נישט צו האָבן קיין טוטון.

— חוץ ציגאַרן, פלעגט ער אונדז געבן עצות.

— וואָס פאַר אן עצות? האָט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט גע־פּ־עגט דער הער פּרעזידענט, דער אָבערסט באַרבע.

— גוטע עצות, האָט געענטפערט דער געפרייטער גאַזוריל אורסו.

— קאָנסט זיך דערמאָנען וואָס פאַר אן עצות?

— איך דערמאָן זיך.

— דהיינו, וואָס? רעד!

— גרייט צו דינסט, הער אָבערסט. ער פלעגט אונדז עצהן, אז מ ר זאָלן איגדערפרי וואַשן די אויגן, און נאָכן וואַשן האָט ער אונד־געעצהט מיר זאָלן זינגען און לאַכן.

— צוליב וואָס?

— דאָס ווייס איך נישט, הער אָבערסט.

— אזוי? און וואָס נאָך פאַר אן עצות האָט ער אייך געגעבן? אפשר, אז איר זאָלט אריבערגיין צום שונא?

— יאָ, הער אָבערסט, אָבער מיט א „גראַנאַט" אין יעדער האַנט.

די אַנדערע עדות האָבן געלאַכט אין דער שטיל, דערמאָנענדיק זיך אין דער זעלבער זאַך.

— אז איר זאָלט דעזערטירן, האָט ער אייך נישט צוגעראָטן?

— דאָס נישט, הער אָבערסט. דער הער סערזשענט האָט געזאָגט, אז דאָס איז דאָס ערגסטע געשעפט. ווען דער דייטש זאָל געווען האָבן וואָס צו עסן, וואָלט ער נישט געקומען אויף אונדזער קאָפּ. און, אז

דער דייטש האָט נישט וואָס צו עסן, פון וואַנען זאָל ער נאָך געבן די „קריגס־געפאנגענע“? דאן האָט ער אונדז נאָך געזאָגט, אז פון דאָרטן פון די דייטשן, איז נאָך ווייטער ביז צו אונדזער היים. דאן האָט ער נאָך געזאָגט, אז אצינד האָבן מיר נאָר איין שונא, דעם דייטש; אָבער שפּעטער קאָנען מיר האָבן צוויי: אי דעם דייטש, אי דאָס קריגס־געריכט; אזוי, אז ס'איז בעסער מיר זאָלן אינדערפרי זיך וואַשן די אויגן.

— וואָס הייסט דאָס „איר זאָלט אייך וואַשן די אויגן“? זאָגט סערזשענט פלום, וואָס באדייט דאָס „זיי זאָלן זיך אינדערפרי וואַשן די אויגן“?

— דאָס איז היגיענע, הער אָבערסט. חוץ היגיענע, איז עס דאָס וואָס מיר וואָלטן געקענט אָנרופן „אָבערגלויבן“. נאָך דעם וואָס זיי האָבן זיך געוואַשן די אויגן, זענען זיי געוואָרן האָפערדיקער און געוועזן איבערצייגט, אז ס'וועט זיי גיין גוט. איך בעט אייך אזוי גוט זיין און זיי פרעגן.

— איר פלעגט אייך פילן בעסער, בחורל?

— יאָ, הער אָבערסט; נאָך דעם האָבן מיר מער קיין דאגה נישט געהאט. מיר פלעגן זינגען, אזש די „בארבארן“ האָבן אונדז געהערט.

— די בייערן האָבן אייך געהערט?

— יאָ, הער אָבערסט.

— קוריאָז! האָט דער פּרעזידענט געמורמלט צו זיינע בייזיצער.

די ריכטער, ערלעכע אָפיצירן, זענען געזעסן ביי דער מיינונג אז דער סערזשענט בנימין פלום האָט נישט פארקויפט זיין לאנד, ווי דער פּראָקוראָר האָט באהויפּטעט. דאָך, האָבן זיי געטראַכט, וואָלט נישט געשאדט מען זאָל אים אויסמוסרן. איבערהויפּט דערפאר וואָס ער האָט זיך דערלויבט צו שמייכלען אין דער קעגנוואַרט פונעם גע־ריכט און ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אז ס'קומערט אים אפילו נישט.

לאָגיש איז עס נישט געווען, אז מע זאָל דעם סערזשענט בענאָ פלום אויסמוסערן, דאָך האָט מען אויף אים דעם מוסר־פּסק אויס־געפירט אין דעם פּריוואטן קאבינעט פונעם הער פּרעזידענט, אָבערסט בארבע.

— הער נאָר, סערזשענט פלום, כ׳זע אז דו ביסט א קלוגער בחור, ביי מיר גייען אָבער נישט אָן די פוילע שטיק. פאַרשטאנען? זאָלסט וויסן, אז איך, פערזענלעך, בין געבליבן אין צווייפל בנוגע דיר.

די אייגנטימלעכקייט פונעם אָבערסט באַרבע, איז געווען, וואָס ער פלעגט זיך נאָלן מיט א באַזונדערער זאָרגפעלטיקייט.

— כ׳פאַרשטיי נישט, הער אָבערסט... האָט געוואגט מיין פריינט בענאָ.

בענאָ פלום איז נישט מער געווען קיין סאָלדאַט! ער איז געווען אן איינפאַכער ציוויל און זיין האַלטונג, אין אזעלכע אבסורדע קליידער, האָט אויסגעזען ווי כמעט אומפאַרשעמט.

— וואָס פאַרשטייסטו נישט? האָט געצאָרנט דער אָבערסט באַרבע; אז איך בין אין צווייפל?

— דאָס פאַרשטיי איך, הער אָבערסט; אָבער צוליב וועלכן גרונט וואָלט איר געקאָנט זיין אין צווייפל? עס זענען דאָך נישט געבראַכט געוואָרן קיין שום באַווייזן. כדי ס׳זאָל גייען א רויעך, מוז דאָך זיין פייער. ווען ס׳זאָל געווען עקזיסטירן א באַווייז, וואָלט ארויסגעגאַנגען א רויעך.

— נישט אזוי, נישט אזוי, מיין הער, האָט דער אָבערסט א שמייכל געטאָן. גיי מיר נישט אום מיט סאָפיסטיקעריי. איך בין ביי דער מיינונג, אז פלום פאַרקויפט גיכער ס׳לאַנד איידער אורסו גאַוריל.

— ס׳קומט מיר נישט פאַר צו גלויבן, הער אָבערסט.

— וואָס, וואָס? האָסט עפּעס געזאָגט?

— איך וואָג צו זאָגן, הער אָבערסט, אויב איך וועט מיר דערלויבן?

— וואָס זאָל איך דערלויבן?

— אויב איר דערלויבט מיר צו אורטיילן.

— הם! איך דערלויב דיר. זאָג.

— הער אָבערסט, האָט בענאָ פלום געטענהט מיט איבערגעמאַכטער מורא; איך שטעל פעסט, אז נאָר אורסו גאַוריל האָט געקאָנט זיין לאַנד פאַרקויפן.

— וויאַזוי? איז דער אָבערסט אויפגעשפרונגען פון זיין בענקל. דו וואגסט אזוי צו רעדן? דו, א פרעמדער?

— אזוי פרעמד בין איך טאַקע נישט פון דעם לאַנד, הער אָבערסט. נאָר אויב איר גייט אוועק פון דער דאָזיקער פּרעמיזע, בעט איך אייך

איך זאָלט אַזוי גוט זיין און פּעסטשטעלן, אַז זייענדיק אַ פרעמדער, איז דאָס לאַנד נישט מיינס, בכן האָב איך נישט געקאָנט פארקויפן אַ זאך וואָס איז נישט מיינס. זייענדיק אורסו גאָווריל'ס לאַנד, האָט עס נאָר ער געקאָנט פאַרקויפן. פאַרקויפנדיק יענעמס אַ זאך, וואָלט איך, העכסטנס, געקאָנט זיין אַ שווינדלער. כ'מיין אַז צווישן שווינדלער קאָנט איר מיך אויך נישט אַריינשטעלן, הער אַבערסט, האָט מיין פריינט בענאָ פאַרגעזעצט, וואָרעס, אין דעם פאַל, כ'בעט אייך מיר מוחל זיין, וואָלט איר גופא זיך אַוועקגעשטעלט אין דער קאַטעגאָריע פון פאַר־לוימדער.

— ווי ? האָט דער אַבערסט ווידער געשריגן. דאַן האָט ער גע־שמייכלט. כ'וואָלט נישט געקאָנט זאָגן, פלוס, אַז ס'געפעלט מיר נישט וויאַזוי דו דרייסט אויס די זאכן, האָט ער פאָרגעזעצט שטאַרק געצווינגט. וואָס פאַר אַ שטודיעס האָסטו און מיט וואָס פאַרנעמסטו זיך ?

— איך בין דאָקטער אין פילאָזאָפיע, הער אַבערסט.

— גוט, כ'האָב עס באַדאַרפט באַמערקן פון אָנהויב אָן, פאַר־שטייסט ?

דער אַבערסט האָט געדרוקט בענאָ פלוסס האַנט. פון דעמלט אָן זענען זיי פאַרבליבן באַפריינדעט.

## II

מיטן גאַנצן דריקן די האַנט, איז דער אַבערסט אַליע באַרבע דאָ־אַ ביסל ברוגז געבליבן אויף בענאָ פלוס, גלייך ווי דאָס געשפּרעך וואָס איז צווישן זיי פאָרגעקומען וואָלט אים באַליידיקט, וואָלט פאַר־לעצט זיין ווירדע.

אויך מיטן אַבערסט בין איך גוט באַפריינדעט; מיר באַגעגענען זיך אין קלוב; און קומענדיק צו רייד פון בענאָן, האָט ער זיך פאַר מיר מודה געווען:

— כ'בין געבליבן מיטן איינדרוק, אז חוצפה איז דער גרעסטער כח און דער גרעסטער חסרון פון זייער ראסע. אָבער ווען איך זאָל אים געווען פארטישפּטן, פארשטייסטו מיך, אויף צען יאָר תפיסה?

— איז עס מעגלעך געווען, געערטער פרייַנט?

— ס'איז נישט מעגלעך געווען.

— וויאזוי זשע? ווי ס'זאָל נישט זיין, לעבן מיר אויך מיט א ביסל לאָגיק.

— גו יאָ, די דאָזיקע לאָגיק ברענגט מיך ארויס פון די כלים אויך מיט דיין בענאָ. ס'איז א ספּעציפישע לאָגיק.

— ס'איז א לאָגיק פון טויזנטער יאָרן... האָב איך אים געטרייסט מיר געפעלט ער יאָ. ווייסט אָבער, אָבערסט, אז מיין בענאָ קאָן נישט אונטערשיידן א ליפּעלע-בוים פון אן עפּל-בוים? ער האָט נישט קיין אנונג פון יאָגד און פישפאנג. ער איז נישט גייַעריק געווען צו זען א בינעשטאָק. ער האָט נישט געהערט זינגען נישט די לערכע, נישט די נאכטיגאל?

— באמת? האָט זיך האָפערדיק דער אָבערסט געוווּנדערט.

— יאָ, אין א טאָג, האָב איך מיט אים שפּאצירט אויפן שאָסיי גריגאָרע גיקא־וואָדע פונעם קאָפּאָו און האָב באטראכט דעם הימל דורך די קרוינען פון די אלטע ליפּעוועס, און דיין בענאָ...

— ער איז נישט מייַנער!

— ...און דיין בענאָ האָט מיך פון מאָל צו מאָל פּונקטירט מיט זיין שפּיציקער נאָז, פּיקסירנדיק מיך דורך די ברילן. פאר מיר האָט זיך אַלץ רעזומירט, אין יענער שעה, צו דעם אויסערגעוויינלעכן ליכט און צו דעם בלויען הימל; כ'האָב געפילט ווי דער פרילינג וויברירט פון דעם הימלרוים ביז צו דער ערד. די ווערטער וואָס מיר האָבן גערעדט זענען מיר געווען האַלב גלייַכגילטיק. בעת דיין בענאָ...

— ער איז נישט מייַנער!

— ...בעת בענאָ פּלוצים האָט זיך קאָנצענטרירט אויף אן אנדער פענאָמען. יענער פענאָמען פון רעלאטיווער שטאנדהאפטיקייט זענען עס געווען מיר, די מענטשן, מיט אונזער שלאַבעריקן פארשטאנד. דאָס וואָס האָט אונדז ארומגערינגלט, איז געווען בליצשנעלער געלויף פון רגעס, פאר אים אָן א שום ווערט.

— פון וואָס האָט איר געהערט? האָט זיך דער אָבערסט אײַנ־מערעסירט. הייסט עס, ער הערט נישט דעם קוקוק נישט דעם גאָלד־אמזל? הם!

— מיר האָבן געהערט פון אונדזערן א באקאנטן ייד, וואָס האָט זיך דאָ נישט לאנג געשמדט. פלום איז נישט מסכים געווען מיט אזא מין האנדלען מיטן געווים.

— שילדער נישט פאלש און פארורטייל נישט א מענטשן וועלכער האָט דאָס אפשר נישט געטון צוליב אָפּאָרטוניזם, האָב איך אים פֿאַרגעוואָרפן. און אויב ער האָט דאָס אפילו געטון צוליב אינטערעס, איז ער א אינטעלעקטואל וועמען ס'האָט זיך ביז אצינד נישט אײַנ־גענעבן זיך אויסצוצייכענען אויף די געביטן וועלכע זענען פאר אים פארשלאָסן צוליב אונדזערע פֿאָראורטיילן. ער האָט א פאמיליע פאר וועלכער ער איז זיך מקריב; ער האָט אָפּגעריסן א באריערע וועלכע האָט אים פארצוקלט בעסערע לעבנס־אויסזיכטן. ס'איז די רעדע, פלום, זאָג איך אים, פון דעם אלטעגלעבן ברויט.

— ווען ס'זאָל זיין די רעדע פון ברויט, ענטפערט ער מיר, וואָלסטו א ביסל רעכט געהאט; כאָטש די ערע האָט נישט מער ווי איין באַ־גריף, וואָלט איך מסכים געווען מיט דעם דאָזיקן מילדערנדן אומשטאנד. ס'איז אָבער נישט די רעדע פון ברויט, נאָר פון קוילימש, חוץ דעם־א לוקסוריעזע דירה און אן אויטאָמאָביל.

— פלום האָט דאָס געזאָגט? האָט זיך דער אָבערסט געוווּנדערט. אויב אזוי איז ער מיין מענטש.

— ער איז שוין פון לאנג געווען דיינער, אָבערסט, נאָר דו האָסט זיך פון אים אָפּגעטרייסלט.

— אויב אזוי, האָט זיך מיין פריינט איליע בארבע דערפרייט, וואָלט איך אים געוואָלט געזעענער קענען. כדי איך זאָל אויך אָפּשאצן דעם דאָזיקן אייגנארט פון יענע פאר וועלכע ס'איז פרעמד די טרילן פון דער לערכע און דאָס געזאַנג פון דער נאכטיגאל. איך וואָלט אים אמאָל מיטגענומען אויף יאגד.

— בעסער זאָלן מיר זיך טרעפן מאָרגן אויפדערנאכט ביי מוצי פאָרגאָרעאנו, ביי א גלעזל ווײַן, האָב איך פאָרגעשלאָגן.

— זייער גוט, האָט דער אָבערסט מסכים געווען. מאָרגן גיב איך אריין מיין דעמיסיע, וויל איך פייערן דאָס דאָזיקע געשעעניש. מיין פרוי איז שטארק געערגערט.

## III

דעם אנדערן אויפדערנאַכט האָבן מיר זיך באַגעגנט ביי מוצו פּאָרגאָרעאַנו. אייניקע יאָסער מענטשן דערמאָנען זיך נאָך אפשר אָן דער דאָזיקער איינפאַכער קרעטשמע אויף דער לעפּושנעאַנו־גאַס. א שטיקל געבראָטן פלייש האָט מען געקאָנט עסן ערגעץ אנדערש אויך אין דער אלטער הויפּטשטאָט פון דער מאָלדאָווע, נאָר בעסערן וויין ווי ביי מוצון איז נישט געווען צו געפינען אינערגעץ.

מיר האָבן זיך פארזאַמלט אלע דריי ביי א טיש: איך, דער אָבערסט און פלום. ס'האָט זיך באַוויזן פּאָרגאָרעאַנו: א קליינוווקסיקער, א רירעוודיקער, מיט גרויע אויגן.

— תיכף... האָט ער אונדז געזאָגט. ביז מען ברענגט דעם וויין, גרייט איך פאר אייך צו א פארבייסן.

מיר האָבן אָנגעהויבן רעדן פון דעם, פון יענעם. בענאָ האָט אויסגעוויזן צו זיין פארטראָגן. דער אָבערסט איז געווען גוט געלוינט.

מוצו, האָט אונדז געבראַכט פונעם ראָסט דעם צוביים, און הייסע טעלער.

— „עס קומט נאָך!" האָט ער אונדז געמאָלדן גוטמוטיק.

באמת, ס'איז עפּעס סענזאציאָנעל... האָט דער אָבערסט בארבע באמערקט, נאָכדעם ווי ער האָט פארזוכט פון דער געגדזוענער לעבער. ווער איז דער דאָזיקער מוצו פּאָרגאָרעאַנו?

— ער איז אן אבסאָלוּוענט פונעם נאציאָנאלן ליציי, האָב איך אים אינפאָרמירט. ער איז אויך א לייענער פון מיינע ביכער.

— יאָ? האָט מיט אויפגעהויבענע ברעמען, בארבע געפרעגט.

— ס'דערקענט זיך, האָט מיט א שמייכל באמערקט מיין פריינט, פלום.

דער אָבערסט האָט געשוויגן, א ביסל אומבאַקוועם. ער האָט גאָרנישט געקענט פון מיינע ווערק. אונדזערע באציונגען האָבן זיך באַגרענעצט אויף א קאָמפּאַניע פון יאַגד און פרעפעראַנס.

פּאָרגאָרעאַנו איז געקומען מיטן „איבעריקן".

— ס'קומט אויך דער וויין... האָט ער אונדז געמאָלדן, באַגייסטערט. ס'איז א וויין וועלכן כ'האָב קוים באַקומען פון א דעליקאַטן דיפּלאָמאַט. איך זאָג נישט זיין נאָמען. נאָר דער פּריץ מיכאַי ווייסט

אז ס'איז די רעדע פון זיין אקאדעמיע־קאָלעגע, הער דואיליו זאמ־פירעסקו. כ'בין געוואָר געוואָרן פון א מעקלער, אז ער האָט אין זיינע קעלערס אן אוצר, האָב איך מיר מיטגענומען דעם בעסטן פיינ־שמעקער פון יאס: דעם קענט איר אויך: א צאַרטער דיכטער — ער הייסט מיכאיל קאָדרעאנו[1]). מיר זענען אָנגעקומען אין דיפּלאָמאטישן וויינגאָרטן.

דער הער דואיליו האָט אונדז אויפגענומען א ביסל קאַלט און דערווייטערט. מיין קאָמפּאניאָן האָט, בעת מיר זענען אראָפּגעגאנגען אין קעלער, צוגעמורמלט א פּאָר אַלטע פערזן:

Cum, Paulo, sărmano, vii tu din Miramare,
Unde-ai cîntat în duo cu intristata mare
Suspinul unui val...

דער דיפּלאָמאט איז געוואָרן אויפמערקזאם צו דעם פּאָעטס אַלטע פערזן.

— ביטע, מיינע הערן, האָט ער אונדז פארבעטן, מיט א ברייטן זשעסט. ער האָט א באפעל געגעבן דעם קעלערמייסטער אָפּצוגאפּן אין גלעזער וויין פונעם פאס נומער 8.

מיר האָבן פארזוכט. ער האָט אונדז באטראכט שמייכלענדיק הויכ־מוטיק.

נאָך דעם וואָס ער האָט געמאכט אַלע ריטועלע זשעסטן און האָט פארזוכט, געגומען עטלעכע טראָפּן אונטער דער צונג, האָט מיין פיינשמעקער דערקלערט מיט באגייסטערונג:

— א געטלעך געטראנק, א פיינע אראָמע... כ'בין גליקלעך וואָס אונדזער לאנגע רייזע באקומט א שכר אין אייער אונטערערדישן פּאלאץ.

דער דיפּלאָמאט האָט א שיפן קוק געטון און א פארשטענדלעכן סימן געמאכט דעם קעלערמייסטער.

---

[1]) מיכאיל קאָדרעאנו (1876—1957), א רומענישער שרייבער, ער האָט פארעפנטלעכט פערזן אין א „פּארנאס"-פאָרם (בענדער: „דיאפאנע", 1901; „טורנול דע פילדעש" 1929), ער האָט איבערהויפּט קולטיווירט דעם סאָנעט.

— פאס 18, האָט ער באפוילן.

דער דינער האָט אָנגעצאפט אין די גלעזער א גאָלדפארביקן סענט. מיר האָבן אָפגעווישט דעם טעם פונעם ערשטן ווייָן מיט א ביסן קעז. מיר האָבן פארזוכט.

מייַן באַגלייטער, דער יאסער פּאָעט, שווייגט. ער גיט מיר א לייכטן שמייכל מיטן עלנבויגן.

איך פרעג וועגן פרייז: בין תּיכּף מסכּים. א פאס פון פינף הונדערט ליטער.

— דאָס פאס 8 האָט איר באַגלייט מיט סופּערלאַטיווע אויסרופן. שמייכלט איראָניש דער דיפּלאָמאַט צו אונדזער יאסער פּאָעט; און דאָך ציט איר פאָר א דעם?

— דער נייַטיקסט זיך נשט אין קיין לויב, האָט מייַן באַגלייטער געזאָגט.

— איך בין פולשטענדיק מסכּים, האָב איך צוגעגעבן.

— אָט איז דער וויין; כ׳האָב איך געשיקט רופן אונדזער פּאָעט, מיט וועלכן כ׳האָב אן אָפּמאַך, אז איך זאָל אים פארשטענדיקן וויפל מאָל איך נעם ארויס פון דער טונקלקייט דאָס „פּליסיקע גאָלד“, ווי ער רופט עס אָן. איך בעט אייך איר זאָלט אויך פארזוכן, האָט מוצו געזאָגט, און אים אָפּשאצן בשתיקה.

דאָך האָט דער אָבערסט בארבע פארשוועגדעט די צייט מיט אריעקטיוון און אומזיסטיקע אויסרופן.

ביים זיבעטן גלעזל, האָט מייַן פרייַנט, דער אָבערסט, מיך אינפאָרמירט, אז ער פארלאָזט די מיליטער־דינסט און קערט זיך צוריק אום צו זייַן אקעראייזן — ... ווי כ׳וויים נישט וועלכער גרויסער רוימישער גענעראל...

— ווי צינצינאַטוס... האָט אים מוצו דערגענצט.

— גוט, גוט, האָט דער קאָלאָנעל צוגעשטימט. ביסט ליבנסווירדיק מיר נאָך צו געבן א פלאש?

— זיכער. תּיכּף.

— דעמאָלט, האָט פאָרגעזעצט מייַן פרייַנט איליע בארבע, קער איך מיך אום צו פּלוגן, וועלכן כ׳וועל ענדלעך אויפגעלייגט — און איך בעט אים ער זאָל אונדז אויך געבן א מוסטער פון ספּעציפישן גייסט — אזוי רוף איך עס — כדי איך זאָל באַזומען מוט בייַזן

סיף פון דער נאַכט. איך בין זיך מודה, אַז דער ווײַן ווײַזט אים באַ־טעמטער מיט אַזאַ קרעטשמאַר און מיט אַזאַ קאָמפּאַניאָן. איבערהויפּט, אַז ס'איז נאָך צוגעקומען אַ פּאַעט.

מיבאַי קאָרדעאַנו, האָט געשווינגן, צוגרייטנדיק, אַן אומרוּיקער, אַ פּייערווערק פון אַ סאָנעט.

מײַן פרײַנט בענאָ, האָט געשמייכלט "חוצפּהדיק" און האָט באַלד אָנגענריפן דעם געווזענעם אַבערסט.

— מײַן גנעדיקער הער, האָט ער קאַלטבלוטיק געזאָגט, נאָר אַ געפּערלעכער ליבטל האָט בײַ אים געטאַנצט פון יענער זײַט ברילן; פון אַ קוימען פול מיט סאַזשע זענען אַרויסגעקומען צוויי קוימענקערערס: איינער שוואַרץ פון קאָפּ ביז פיס, דער אַנדערער ריין. פרעג איך אײַך: וועלכער פון די צוויי מענטשן גייט זיך אָפּוואַשן? איר וועט מיר תיכף ענטפערן: דער שוואַרצער.

— ניין, איז דער אַבערסט גיך אויפגעשפּרונגען, ווײַל כ'האָב פאַר־שטאַנען דײַן פּלאַן. עס וואַשט זיך דער ווײַסער און ריינער, וואָרעם ער האָט געזען זײַן קאַמעראַד שוואַרץ און שמוציק. איבעריקנס קען איך דעם אַנעקדאָט.

— איר קענט אָבער נישט, גנעדיקער הער, מײַן אַרגומענט. ווען צוויי קוימענקערערס קומען אַרויס פון דער סאַזשע פון אַ קוימען, זענען זיי ביידע שמוציק. אַזוי, אַז דער זאַץ איז אַ פאַלשער.

מײַן פרײַנט איליע באַרבו האָט זייער געלאַכט און האָט געמאַכט אַ דערקלערונג, אַז ער האָט באַנומען דאָס ספּעציפישע פון וועלכן ס'איז די רעדע. איך בין זיך אָבער משער, אַז ער איז געבליבן געטראָפן אין זײַן איינגליבע פון דעם אומבאַרגעסלעכן עזות מצר אונדזער קאָמפּאַניאָן.

שפּעטער מיט אַ שעה איז ביים זעלבן טיש דערציילט געוואָרן אַן אַלטע געשיכטע וועלכע האָט אויסגעוויזן צו פירן אונדזער פרײַנט באַרבע פון דערשטוינונג צו דערשטוינונג.

— דאָסמאָל שליסן מיר אַן ענטגילטיקן שלום מיטן אַבערסט, האָט דער פּאַעט קאָרדעאַנו געזאָגט, ווינקענדיק מיט אַן אויג צו בנימין פלום. איך בעט אײַך אַזוי גוט זײַן און אויסהערן. מוצו זאָל אויך קומען, וואָרעם ער איז אויך אַ טייל פון דעם דאָזיקן אומגעווער־זיטעט.

# IV

רבי יהושע איז געווען נע־ונד און פרעמד אין ווין.

ער איז געקומען פון ווייט, פון אונטער די קארפאטן־בערג, וווּ זיין שטאט האט אמאל געפונען א מקום־מנוחה. אויף יענער זייט גרענעץ פון דער מלוכה, אין די מקומות פונעם פוילישן קעניג, איז אויסגע־בראכן אן אויפשטאנד און זיין פאלק האט זיך געפונען אין ציטערניש און פחד. ציענדיק זיך פון שטאט צו שטאט כדי צו געפונען שיצע און א תכלית אין לעבן, איז ער אָנגעקומען אין דער רעזידענץ פון יענעם קייזערייך וואָס האָט געהאט אונטער זיין ממשלה דריי־און־דרייסיק פעלקער. וואָרעם דער טיטל אליין פונעם קייזער־קעניג פון ווין ווערט געשריבן אויף א גאנצער זייט פון א כריסאָוו, אונטער די הערבן פון זיין מאכט און דעם שווארצן אָדלער וועלכער באשוצט זיי מיטן שנאָבל און מיט די נעגל.

פונקט דעמלט איז דער קייזער ארויסגעפאָרן שפאצירן אויפן פראַטער און יהושע בן עקיבא האָט זיך אויך דאָרט געפונען אויסגעמישט צווישן עולם וועלכער האָט זיך געשטופט אויסשרייענדיק רום־ווערטער, דער המון האָט זיך געדרענגט פארהערלעכנדיק זיין הערשער, דאָך זענען איניקע אויפמערקזאם געווען אויך אויף יענעם פרעמדן אזוי מאָדנע געקליידעטן מיט א קאפטן און א שטריימל און מיט לאנגע פאות, און מיט א בליק פון אן איינזאמען וואָס זוכט נאָר אינעווייניק אין זיך כדי אויפצולעזן די סודות פון גאָט און די פארפלאָנטערטע סוגיות פונעם תלמוד.

זיין מאיעסטעט דער קייזער האָט גנעדיק געשמייכלט. אין ווין האָט מען שוין לאנג נישט געזען אזא פיטאָרעסקע דערשיינונג. ער האָט געגעבן א באפעל אויף אָפצושטעלן.

דער המון האָט געמאכט א ברייטן קרייז און א וואנט אויפן באפעל פון די דינער וואָס האָבן זיך געפונען אין דער נאָענט. נאָר יהושע בן עקיבא איז געבליבן אויפן אָרט ווו ער האָט זיך געפונען, און דער מלך, איינבייגנדיק דריי מאָל דעם פינגער פון דער רעכטער האנט, האָט אים א סימן געמאכט ער זאָל זיך דערנענטערן.

— ווער ביסטו? האָט זיין מאיעסטעט געפרעגט.

יהושע בן עקיבא, האָט געענטפערט ביקנדיק זיך מיט מורא:

— כ׳בין א בידנער פילאָזאָף, אדוני מלך.

— אזוי, איז דער מלך פרייליער געוואָרן; און זייט לאנג געפונסטו זיך אין ווין?

— די נאכט בין איך געקומען אדוני מלך.

— אזוי: האָסטו געשעפטן?

— כ׳האָב נישט קיין געשעפטן, אדוני מלך; כ׳בין אן אָרעמער מענטש.

— אזוי? און וואָס פאר א פילאָזאָף ביסטו?

— כ׳בין א פילאָזאָף לויטן ווילן און געגנער פונעם הער גאָט. מיין פילאָזאָפיע באשטייט פון קענטעניש און פארטיפונג.

— אזוי, האָט דער מלך געשמייכלט. זייער גוט. איך באגער צו דערפארן דיינע קענטענישן און פארטיפונגען. זאָג מיר אויף וואָס פארשטייסטו דיך איין באזונדערס. אפשר פארשטייסטו זיך איין אויף רייט-פערד, אויף איידל-שטיינער, אויף נאָבלע דאמען, אויף גאָלדענע גולדן?

דער עולם פון ארום, כאָטש פון דער ווייטנס, האָט זיך צוגעהערט מיט פארגעניגן און האָט זיך געפרייט פונעם מלכס גוטער שטימונג.

— איך פארשטיי מיך איין אויך אויף די זאכן, האָט רבי יהושוע בן עזיבא דערמיטיקט געענטפערט.

אויב אזוי, זאָלסטו נאָך מיטאָג קומען אין פאלאץ, האָט דער מלך באפוילן, כדי איך זאָל זיך אויך באקענען מיט דיינע פילאָזאָפישע קענטענישן. איר זאָלט אים לאָזן אריינגיין, האָט זיין עקסעלענץ באפוילן די אדיוטאנטן; און די נאָבעלע הערן האָבן זיך גענייגט.

כדי לחלוטין נישט צו פארשפעטיקן דאָס קייזערלעכע פארגעניגן, האָבן די דינער געפאקט דעם רבי יהושוע תיכף ווי די גאָלדענע קארעטע איז אָפּגעפאָרן. זיי האָבן אים נישט געלאָזט א שפאן טון, אים נישט געלאָזט אָנקוקן אנדערע גאסן און גערטנער פון ווין, נישט געלאָזט אָפּצועסן. און רבי יהושוע, צוליב דרייסטקייט, האָט נישט קיינעם געזאָגט, אז זייט צוויי טעג האָט ער גארנישט אין מויל גענעמען. ווען דער זייגער פונעם מלכס פאלאץ האָט געוויזן די שעה ווען זיין ליכטיקייט דערוואכט פונעם נאָכמיטאָג-שלאָף, האָבן די דינער געבראכט

דעם פילאָזאָף און די אריסטאָגראַטן האָבן אים פאָרגעשטעלט. דער מלך האָט זיך געפונען אין זיין מיט רויזן באַקרענצטן טורעם, אויף א ברייטן און ווייכן שטול, מיט זיין געהיים־ישפולן בעל־יועץ. רבי יהושוע איז פאַמעלער צוגעגאַנגען פאַרן מלך.

דער הערשער האָט אים א צייט אָנגעקוקט, דערנאָך האָט ער שמייכלענדיק א באַפעל געגעבן זיין בעל־יועץ און ער איז אריינגעגאַנגען אין די אינערלעכע קאַמערן פונעם פאַלאַץ און האָט זיך באַלד אומגעקערט, אויסקלייבנדיק אויפן טישל פאַר זיין עקסצעלענץ, צוויי גרויסע דימענטן.

— איינער פון די דאָזיקע שטיינער, האָט דער מלך געזאָגט צו בן עקיבא, איז אן עכטער, און דער אנדערער איז א פאַלשער. קאָנסטו מיר זאָגן, פילאָזאָף, וועלכער ס'איז דער גוטער?

— יאָ, אדוני מלך, כ'קאָן זאָגן.

— אָן דעם, אז דו זאָלסט זיי אָנרירן און זיי גענעמער באַטראַכטן, ווי די סוחרים פון אַמסטערדאַם?

— כ'קאָן אזוי אויך: נישט אָנרירנדיק און נישט באַטראַכטנדיק זיי פון דער נאָענט.

— לאָמיר זען.

— תיכף, אדוני מלך. זאָל אייער הויכקייט אזוי גוט זיין, אריינלייגן איינע פון די שטיינער אין דעם גלאָז וואַסער וואָס שטייט פאַר איך.

דער מלך האָט אריינגעוואָרפן איין שטיין אין גלאָז וואַסער.

— דער דאָזיקער שטיין איז א פאַלשער.

— וויאזוי האָסטו דעראָטן? האָט זיך דער מלך געוווּנדערט.

— זייער איינפאַך, אדוני מלך; נאָר אן אמתער דימענט פאַרלירט נישט זיין גלאַנץ אין וואַסער.

— דאן גלייבסטו, אז דער אנדערער שטיין איז דער גוטער?

— מעגלעך. נאָר איידער איך פּאָרש אויס דעם אנדערן אויף דעם זעלבן אופן, וואָלט איך מיר דערלויבט צו זאָגן, אז ער איז אויך א פאַלשער. מחמת דער געערטער ראַטגעבער האָט זיך צו גיך אומגעקערט און, ווי איך שטעל מיר פאָר, געפונען זיך די דימענטן פון דער קרוין אין א געטויערטער שאַצקאַמער, וואָס איז שטאַרק באַוואַכט, פאַרמאַכט מיט ניין טויערן און פאַרשלאָסן מיט ניין שליסלען.

דער מלך איז דערשטוינט געבליבן פון דעם ענטפער און האָט גע־נומען פּאַטשן מיט די הענט.

— מען זאָל דעם דאָזיקן פילאָזאָף געבן א גאָלדענע מטבע. זיין פילאָזאָפיע געפעלט מיר.

מען האָט דעם רבי יהושוע א גאָלדענע מטבע געגעבן. די שרייבערס האָבן זי אריינגעשריבן אין די רייסטערס און א דינער מיט עפּאָלעטן האָט זי אויף א טאַץ געבראַכט.

— זאָלסט דיך באַווייזן אין מיין פּאַלאַץ אויך מאָרגן אינדערפרי האָט דער גרויסער הערשער באַפוילן.

רבי יהושוע האָט זיך געביקט און איז, מיט דער קייזערלעכער מטבע, געגאַנגען שפּילן דעם הונגער.

פאַר דער אַכסניא זענען אוועקגעשטעלט געוואָרן וועכטער וועלכע האָבן אים פון דער נאָענט אויפגעפּאַסט. צווישן די דאָזיקע וועכטער איז ער, דעם אנדערן אינדערפרי, געגאַנגען אין שול דאַווענען, דערנאָך האָט מען אים ווידער צום פּאַלאַץ געפירט און איז אוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר די מיט חסד־פולע קייזערלעכע אויגן.

דער אַלמעכטיקער הערשער איז געווען אָנגעטון אין רייט־קליידער האָט געטראָגן הויכע שטיוול מיט זילבערנע שפּאָרענעס און א שטרויס־פעדער אין קאַפעליוש. די לייבגוואַרדיע האָט געהאַלטן ביים צייטל אן אראַבישן פערד־שוואַרצן יאָגער, וועלכער האָט געפּאָרקעט און גע־ציטערט פון אומרו אונטער דעם אויסגעשטיקטן זאָטל און די מיט גאָלד און מיט פּערל באַבלימטע צוימען.

רבי עקיבא האָט זיך געניינט, וואַרטנדיק.

דער מלך האָט געפרעגט:

— דו ווייסט, פילאָזאָף, וואָס פאַר א פערד דאָס איז?

— יאָ, אדוני מלך; ס'איז א געפערלער פערד.

דער מלך האָט גנעדיק געלאַכט:

— ס'איז אן אראַביש פערד, פילאָזאָף, אויף וועלכן איך וויל מיך היינט צום ערשטן מאָל ארויפזעצן.

— יאָ, דערהויבענער קייזער, האָט רבי יהושוע געענטפערט; מענלער, אז פון אָפּשטאַם זאָל דער דאָזיקער יאָגער זיין אן אראַבישער, אָבער לויט זיין נאַטור איז ער געפערלעך. איך דערלויב מיר צו ראָטן זיין ליכטיקייט ער זאָל זיך אויף אים נישט ארויפזעצן.

— אזוי מיינסטו? האָט דער מלך געשמייכלט.

דער געהייטראט האָט גיך צוגעגעבן:

— ווייסטו ניט, מענטש אייגער, אז אונדזער גרויסער מלך איז דער בעסטער רייטער אין זיין רייך?

— מעגלעך, איך צווייפל ניט אין דעם, האָט בן עקיבא געזאָגט דאָך וואָלט איך געבעטן זיין ליכטיקייט, אז ער זאָל צו אלעם ערשטן עמעצן אנדערש שטעלן ער זאָל זיך ארויפזעצן אויפן פערד. גוט וואָלט געווען, אז קודם זאָל זיך ארויפזעצן דער מייסטער וועלכער האָט עס דרעסירט.

דער מלך האָט נאָכגעגעבן און באפוילן עס זאָל קומען דער שטאַל־מייסטער, דער רייט־מייסטער און דער דאָקטער פון די פערד פונעם קייזערייך. דער רייט־מייסטער האָט תמיד געטראָגן קליידער פון הערשן־לעדער, שארפע שפּאָרענעס ביי די שטיוול און א יאמשאָזון ריטל אין האנט.

ווי נאָר ער האָט געהערט פון וואס ס'איז די רייד, האָט ער גאָר ניט געטראכט; אריינגעשטעלט א פוס אין דעם שטייגביגל און ארויפגעשפרונגען אויפן זאָטל. דאָס אראבישע פערד האָט זיך אָנגעשטרענגט די אויגן, מיטאמאָל א שפרונג געטאָן פאָראויס; דערנאָך נאָך עטלעכע שפּרינג, האָט עס זיך א דריי א דריי געטאָן, זיך א טרייסל געטאָן מיט פאַרדרוס און אראָפּגעלאָזט דעם שטערן אויף דער ערד. דער רייט־מייסטער פונעם קייזערטום איז ארונטערגעפאלן מיטן קאָפּ אראָפּ און געבליבן אין אָנמאכט.

דער מלך האָט געשריגן מיט פאַרדראָס:

— ווי איז עס מעגלעך געווען אזא מין זאך?

די מעדיקער פונעם פאלאץ זענען גיך געקומען און דעם מייסטער אויפגעהויבן.

— וויאזוי האָסטו דערקענט, אז ס'איז א ווילד פערד? האָט מיט א געבייזן קול דער מלך זיך אויסגעדרייט צו בן עקיבא. ווייסטו, פילאָזאָף, אז דו האָסט מיר געראטעוועט דאָס לעבן?

— כ'זע, אדוני מלך, האָט מיט א זיפץ בן עקיבא געענטפערט.

— זאָג מיר נאָר וויאזוי דו האָסט דאָס געטאָר פאַרגעזען.

— אָט וויאזוי, אדוני מלך. כ'האָב א קוק געגעבן אויפן יאָגער און געזען, אז ער האָט קלענערע אויגן ווי אנדערע פערד. זאָלסט וויסן, גלאָרייכער, אז געוויינלעך האָבן פערד גרויסע אויגן, און אזוי

אויפגעשטעלט, אז דער מענטש ווייזט זיך זיי אויס ווי א ריז פאר וועלכן זיי האָבן מורא. דעם אָבער, ווייזט דער מענטש אויס אזוי ווי ער איז, קליין און שוואך. אויפגערייצט ווי ער איז געווען, האָט ער אָנגעשטרענגט זיינע כוחות און בייגעקומען דעם רייטער.

דער מלך האָט געשמייכלט נאָכגיביק.

— ווי ס'זאָל נישט זיין, איז דיין פילאָזאָפיע א גוטע. איך באַפֿעל מע זאָל דיר געבן א גאָלדענע מטבע, און איך פארלאנג דו זאָלסט צו מיר קומען אויפדערנאכט.

— איך גיב מיך אונטער דעם באפעל פון דיין הויכקייט, האָט דער פילאָזאָף געענטפערט, און זיך צוריקגעצויגן.

אויפדערנאכט איז בן עקיבא ווידער געווען אין פאלאץ, אין די אָנגעווייניקסטע קאמערן. זיין הויכקייט איז געווען אליין און האָט אויסגעוויזן צו זיין פארטראכט.

— הער אויס, פילאָזאָף, האָט זיין ליכטיקייט געזאָגט, כ'האָב געזען, אז דו האָסט גוט דערקענט די נישט דורכזיכטיקע זאכן. לויט איך פארשטיי, קענסטו אויך די נאטור פון די שטומע חיות. וויל איך וויסן וויאזוי דו קענסט מענטשן.

— איך קען זיי, אדוני מלך, באטראכטנדיק זיי מיט אויפמערקזאמקייט און צוהערנדיק זיך צו זיי.

— אזוי? זייער גוט. אין דעם פאל, קוק מיך אָן, הער מיך אויס און קען מיך. וואָס קאָנסטו מיר זאָגן און וואָס קאָנסטו מיר פראָפעצייען?

— כ'וויים נישט וואָס זיין הויכקייט ווינטשט איך זאָל אים זאָגן. איך וויים, אז זיין הויכקייט איז א גרויסער און טאפּפערער הערשער; אז גאָט האָט זיך דערבארעמט מזכה צו זיין מיט א סך אויסער געוויינלעכע מעלות, זיין ליכטיקייט דעם מלך. ווען א מלך איז זיך סומך אויף גאָט און אויף גערעכטיקייט, קאָן איך נישט פאָרזען פאר זיין הויכקייט אין דער צוקונפט ווי נאָר א קראנץ פון ליכט. דאָס איז מיין פראָפעצייאונג.

דער פילאָזאָף האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— זאָג מיר אויך אנדערע זאכן, האָט דער מלך באפוילן.

— איך וואָלט אויך אנדערע זאכן געזאָגט, הויכער הערשער, כ'וויל מיר אָבער אָפּהיטן דעם קאָפּ.

— כ'פארשטיי נישט; דערקלער מיר וואָס דו ווילסט דערמיט זאָגן.

— כ'וויל מיר אָפּהיטן דעם קאָפּ, ליכטיקער הערשער. דאָס מאָל איז מיין פילאָזאָפיע אין א סכנה.

— דאָך בעט איך דיך דו זאָלסט מיר זאָגן.

— איך קאָן נישט און איך וואג נישט, מיין הערשער.

— איך באפעל דיר דו זאָלסט רעדן; און אין דערזעלבער צייט פארזיכער איך דיך, אז קיין האָר וועט נישט גערירט ווערן פון דיינע פאות.

רבי עקיבא האָט געשוויגן.

— איך פארזיכער דיך אויף מיין אומשטערבלעכער נשמה, האָט דער מלך פאָרגעזעצט. איך שווער אויפן קבר פון מיין טייערער מאמע, די מלכה.

דער פילאָזאָף האָט זיך אונטערגעגעבן, נייגנדיק זיך מיט אומעט.

— גרויסער הערשער, כ'האָב פארשטאנען; כ'וועל רעדן. כ'ווייס אז דיין הויכקייט, איז דער גאָר געליבטער זון פון דער גלאָרייכער פארשטאָרבענער מלכה, וואָרעם יעדער מענטש האָט א מאמע; כ'האָב אָבער באמערקט, אלמעכטיקער, אז דו ביסט נישט דער זון פונעם פארשטאָרבענעם מלך.

— דיין דרייסטקייט איבעראשט מיך! האָט אויסגעשריגן דער מלך אויפשפרינגענדיק פון זיין שטול. ווען איך זאָל נישט געווען שווערן, וואָלט זיך דיין לעבן אין דער רגע אָפּגעשטעלט.

— כ'פארשטיי... האָט זיך דער פילאָזאָף פארנייגט זיפצנדיק.

— פון וואנען? פון וואנען האָסטו געקענט דערפארן אזא סוד? האָט זיך דער מלך געקווילט. קיינער, א חוץ איין גאָט, האָט דאָס נישט געקענט וויסן, האָט זיין גרויסקייט צו זיך אליין געשטאמלט. נאָר גאָט און איך. דאָס דאָזיקע שרעקליכע געהיימעניש, האָט ער זיך אויסגעדרייט צו עקיבאן, האָט מיר מיין מאמע מודה געווען, אין דער טויטשטונדע פון איר הויכקייט. ס'האָט עס אויך געוווסט דער דאָק-טער פון איר הויכקייט, וועלכער האָט זי געעצהט זי זאָל זוכן די זרע פון א יורש אויסער דעם קייזערלעכן שלאָפצימער, מחמת זיין הויכקייט, דער פארשטאָרבענער מלך, האָט זיך ארויסגעוויזן אומפעיק און אומפרוכטבאר. ס'האָט עס נאָך געוווסט דער גלח וועלכער האָט דער גלאָרייכער קייזערין מיין מאמען א תשובה געגעבן. אָבער

דער דאָקטער אוּן דער גלח זענען שוין זייט לאנג געשטאָרבן. בכן, וויאזוי האָסטו געוווסט, אז מיין מאמע האָט געזוכט א יורש פון דער מלוכה אין די אָרעמס פון אן ארעליקן פונעם הויף פון איר הויכקייט?

— ליכטיקער מלך, האָט רבי יהושוע געשטאמלט, ווען דאָס וואָלט געשען, וואָלט איך אפשר נישט געקאָנט פארשטיין. אָבער די גלאָרייכע קייזערין — גאָט זאָל איר נשמה האָבן געבן זיך און זי באשירמען אין האפן פון אייביקער רו! — די גלאָרייכע קייזערין האָט נישט געזוכט קיין מאכט און קיין דערהויבונג ווען זי האָט זיך געווינטשן א קינד, נאָר זי האָט אין דעם ארייננעלייגט אויך איר נשמה...

— כ'וויים נישט וואָס דו ווילסט דערמיט זאָגן... האָט זיך דער מלך ווידער אויפגערעגט.

— גלאָרייכער מלך, האָט דער פילאָזאָף מיט הכנעה געזאָגט, איך בעט דיך זאָלסט זיין בארמהארציק מיט דיין קנעכט. א נאָכפאָלגער פון קיסרים אָדער פון גרויסע הערשער איז שטארק באנלייבט, אז זיין לעבן איז א סך מער ווערט פון די שטערבליכע פון נידעריקן שיכט. אזא מין לעבן קאָן מען נישט אָפּקויפן ווי נאָר מיט די אוצרות פון דער וועלט. און דיין ליכטיקייט, אין דעם אומשטאנד פון היינט אינ־דערפרי, ווען כ'האָב דיין ליכטיקייט אָפּגעראטעוועט פונעם טויט, ביסטו אזוי גוט געווען מיר צו צוווארפן נישט מער ווי איין גאָלדענע מטבע פונקט ווי פארן דערקענען די פאלשע דימענטן. בכן, האָב אי־פארשטאנען, גלאָרייכער מלך, אז דו ביסט א זון פון אן אָרעמען מענטשן, וועלכער האָט ביליק געשאצט זיין לעבן, נאָר איז אפנים גע־ווען א שיינער און טויגלעכער יונג, דערפאר האָט אים פון אלע די פא־קעניגן אויסגעוויילט. מעגלעך אז ער איז געווען איינער פון די פא־סטעכער פון אונדזערע בערג, בעת די קייזערין פלעגט אהין גיין אויף פארווײַלונג. כ'האָב מיך נעפרייט, אלמעכטיקער, אז עס קאָנען גרייכן — דורך אומוועגן, אמת — אָבער עס קאָנען גרייכן צו וועלט־הערשאפט אויך זין פון פאסטעכער. ס'איז גאָטס סדר, בכן, א גו־טער סדר.

פארנייגנדיק זיך, האָט זיך דער פילאָזאָף צוריקגעצויגן צום ארויס־גאנג און דער מלך איז געבליבן פארטראכט.

רבי יהושוע האָט זיך אליין געוווּנדערט, אוועקלאָזנדיק זיך אויף א גאָר אנדערן וועג אנשטאט צו דער אכסניא;

„ווער האָט זיך געקאָנט פאָרשטעלן, אז א געשיכטע וועלכע כ׳האָב געהערט ביי אן אָפּשטעל ביי פּאסטעבער אין די מאראמורעשער בערג וועט האָבן אזא דערפאָלג אין ווין? די מעשה איז אזא זעלטענע און טייערע, האָט בן עקיבא געטראכט גלעטנדיק די באָרד, אז איך מוז תיכף עוקר זיין פון דער שטאָט נישט איבערלאָזנדיק קיין שום שפור. קייזערלעכע שבועות האלטן נישט מער ווי ביז אין האלבער נאכט. ביי דער שעה פארמישן זיך די מלוכה־אינטערעסן און יהושוע בן עקיבא דארף זיך דערווייטערן".

אזוי איז געשען, די קייזערלעכע געהיים־אגענטן האָבן דעם פילאָזאָף נישט מער געפונען אין דער אכסניא.

כאָטש ער האָט מיט אויפמערקזאמקייט אויסגעהערט די געשיכטע און זיך לוספיק געמאכט, האָט זיך מיין פריינט בארבע גאָרנישט נישט דערמאנט וועגן איר דעם אנדערן טאָג. זי איז אין אים ארײנגעפאלן ווי א פויגל מיט גילדערנע פליגל אינעם ים־המלח. דאָך האָט ער זיך מודה געווען, אז ער האָט געחלומט א מאָדנעם חלום: ער האָט זיך געפונען אין וױנער הויף און זיך דורכגעשמועסט מיטן קייזער פראנציסק יאָזעף, וועלכער האָט אים אָנגעקערט א גליד־געשוועסטער־קינד...

## V

אזוי ווי אלע דערציילונגען און אנעקדאָטן האָבן א סוף, בין איך געצוואונגען צו צוגעבן, אז תיכף נאָך דער מלחמה...

תיכף נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין וועלכער די מענטשן פון געוואלט האָבן זיך אקעגגעשטעלט דעם גייסט, האָט מיין פריינט, דער געוועזענער אָבערסט, געבראכט די בשורה, אז בעת די פּאָגראָמען וועלכע האָבן פארשעמט אונדזער יאַס, זענען מוצו פּאָדגאָרעאנו און מיין פריינט בענאָ אומגעקומען; ס׳האָט זיי אויסגעמישט דער שניי־שטורעם מיט די בלעטער פונעם יאָר 1941 מיט דער ערד

פון דעם דאָזיקן בידנעם לאַנד. כ'האָב זיך נישט דערוואַרט איך זאָל דעם געוועזענעם אָבערסט זען אַזוי שטאַרק גערירט.

— כ'פאַרשטיי נישט צו וואָס מיר פאַרצייגערן נאָך אין דעם דאָזיקן לעבן... האָב איך אַ זיפץ געטון.

— מיר פאַרצייגערן כדי אונדזער חוב צו דערפילן... האָט ער באַשלאָסן. איך וואָלט געפילט אַ פחיתות־הכבוד ווען איך זאָל נישט פונקטיי איבערנעמען די קאָמאַנדע פון מיין אַרטילעריע־רעגימענט, כדי צו צעשמעטערן די נאַצישע האָרדע. ווי ס'זאָל נישט זיין, איז מיר בעסער באַקומען דעם קרעכשמערס רעדעס און פלומס עזות; כ'האָב געלייענט צוויי בענדער פון דיינע ביכער.

דעם דריטן, האָט מיין פריינט אָבערסט באַרבע נישט מער אויספּייעט צו לייענען. ער איז געפאַלן אין די קאַמפן פון אונטער די קאַרפּאַטן־בערג.

**ליוויו רעברעאנו**

# איציק שטרול, דעזערטיר...

— קום, איציק!

— קומט, הער קאפּאָראַל.

זיי זענען געגאנגען: דער קאַפּאָראַל פאָראויס, איציק נאָך אים, דורך דעם פארלאָזטן שוץ-גרוב, וואָס דער שניי האָט פארשיט איבער די פון די איבערגעקערטע ערדהארמאטן.

זיי זענען געגאנגען פאַרזיכטיק, טרעטנדיק נאָר אויף די פאר-פרוירענע און טיפע שפורן פון א געבטיקער פּאטרול, מיט איינגע-בויגענע קעפּ און-רוקן כדי נישט אנטדעקט צו ווערן פון די שונאים וואָס האָבן נאָכגעשפּירט פון לינקס, אָדער כדי נישט געטראָפן צו ווערן פון די קוילן וואָס האָבן פון מאָל צו מאָל געקנאַלט ווי שארפע קוויטשערייען, אויפציטערנדיק די אין דער כמורנער לופט אויפגעהוי-בענע און פארגליווערטע ווייטיקן. זיי זענען געגאנגען סאָפּענדיק וואָס אמאָל אלץ שווערער, דערנאָך שוויצנדיק...

זיי האָבן קודם פארקערעוועט אויף רעכטס, דערנאָך זענען זיי ווידער געגאנגען פאָראויס און דערנאָך האָבן זיי זיך פּלוצעם געפונען ביים ראנד פונעם וואלד מיט טעגעבוימער וועלכער האָט זיך געדרא-פעט, א געדעכטער און פארפּלאָנטערטער, אויף א שיפן בארג-רוקן. דאן, האָט דער קאפּאָראל, נאָך עטלעכע שפּאַן, זיך אזוי ראפּטעם אָפּגעשטעלט, אז איציק שטרול, וואָס איז אים נאָכגעגאנגען, ווי א גע-טרייער שאָטן, האָט זיך שיער נישט אין אים אָנגעשטויסן.

— לאָמיר זיך א ביסל אָפּרוען! האָט דער קאַפּאָראַל אָפּגעדעכעט נישט קוקנדיק צו איציקן.

— זאָלן מיר זיך אָפּרוען, הער קאַפּאָראַל! האָט דער סאָלדאַט געמורמלט, לאָזנדיק די ביקס אַראָפּגליטשן אין שניי און נעמענדיק ווישן דעם שווייס פונעם שטערן, מיטן אַרבל פונעם שינעל, אָפּריקנדיק וווּליוונגעריש צום רוקן - צו דאָס קליינע היטל. א ווייסע פּאַרע האָט אַרויסגעזוצט פון זיינע האָר און פון מויל, איינהילנדיק זיין קאָפּ אין א נעפּל וואָס איז אַלץ פאַרשוונדן, אין דער פאַרשטאַרצטער קעלט.

דער קאַפּאָראַל, א שווייגנדיקער און א פאַרטראַכטער, האָט געבלאָזן דורך די נאָזלעכער גאַנצע פּאַסמעס פון מידקייט. ער האָט אויך געוואָלט אָפּטרוקענען דעם שווייס וואָס האָט גערונען פון זיינע שלייפן האָט ער אויפגעהויבן א האַנט, נאָר אויף א האַלבן וועג האָט ער זיך איבערלייגט און האָט נאָר דאָס היטל א צי געטון איבער די אויגן וואַרפנדיק פון אונטערן דאַשיק א נישט־אַנטשלאָסענעם בליק צום אַנדערן. אָבער ווען איציק, דערשפּירנדיק זיין בליק, האָט זיך אויסגעדרייט פרעגנדיק, האָט זיך דער קאַפּאָראַל אויסגעהיט ווי דערשראָקן, איבערמאַכנדיק זיך ווי ער וואָלט געמאָסטן דעם דורכגעמאַכטן וועג.

„ער איז היינט שטאַרק פאַרכמורעט“ — האָט איציק געטראַכט אָנהענגענדיק געלאָסן די ביקס אויפן אַקסל, און אָפּגעקילטער.

זייערע שפּורן האָבן זיך באַוויזן ווי שוואַרצע פלעקן, וואָס אַמאָל אַלץ קלענערע, אויפן באַרגרוקן וואָס איז געווען באַדעקט מיט אַן אומענדלעכן ווייסן לײַלעך. דער ברוסטווער פונעם שאַנץ האָט זיך געשלענגלט ווי אַן אַשגרויער קנויל, ערטערווייז געבראָכן, פאַרשווינדנדיק אין האָריזאָנט. דער צעדרויבלענדיקער שניי האָט באַהערשט דעם גאַנצן אַרום, און איז אַזוי ווייס געווען, אַז קוקנדיק אויף אים מער, האָבן די אויגן אָנגעהויבן שמאַרצן. דער הימל איז אָבער געווען פאַרכמאַרעט און גלייכגילטיק און האָט שטאַרק אַראָפּגענידערט, ווי ער וואָלט וועלן די ערד צעקוועטשן. אין דער לופט האָט געשוועבט א שווערער טרויער וואָס האָט זיך איינגעגראָבן אין דער זעל נאָך טיפער ווי די אַלהערשנדיקע קעלט. עטלעכע אָפּגעזונדערטע ביימער, שוואַרצע, מיט נאַקעטע צווייגן, ענלעכע צו קראַנקע מענטשן וואָס בעטן מחילה, האָבן געוואַכט פאַרשטיינערטע אונטער דער משא פון איינזאַמקייט...

— שוין א לאַנגע צייט, אַז כ'האָב די זון נישט געזען — האָט איציק פּלוצעם געזאָגט, געלאַנגווײַלט פון דער שטילקייט וואָס האָט אים אָנגעהויבן צו שטיקן.

כאָטש ער האָט גערעדט שעפּטשענדיק, האָט זיין שטים אָפּגעהילכט הארט און באַפעלעריש, א שטוים געבנדיק דער רואיקייט פּנעם וואַלד ווי א שווערער קלאַפּ פון א פליגל. אן אַלטער טענענבוים האָט אויפ־געציטערט א דערשראָקענער און האָט זיינע צווייגן אָפּגעטרייסלט. דער שניי האָט זיך געזיפּט אָן רעש אויפן ווייסן קילעם... דער קאַפּאָ־ראַל האָט זיך אויסגעדרייט צו איציקן גלייך ווי זיין שטימע וואָלט אים דערוואַכט פון א צעטשטרייאונג :

— וואָס האָסטו געזאָגט ?

— די זון, זאָג איך, באַווייזט זיך נישט מער זייט לאַנג — האָט דער סאָלדאַט איבערגעחזרט, קוקנדיק צו אים מיט פרייליכע אויגן. ס'איז שפּעט, הער קאַפּאָראַל ? די נאַכט זאָל אונדז נישט פאַרכאַפּן אין דער דאָזיקער וויסטע.

— די נאַכט ? האָט דער קאַפּאָראַל געמורמלט מיטן קאָפּ אַראָפּ געלאָזט צו דער ערד, ווי ער וואָלט אַרויסגערעדט פון א הייל. נאָר א־ין גאָט קאָן וויסן וואָס עס קאָן פּאַסירן ביז נאַכט...

דאָס פרייליכקייט האָט זיך זאַנפט געלאָשן אין איציק שטרולס אויגן. דעם קאַפּאָראַלס שטימע, א משונהדיקע און א ביסל א ציטער־דיקע, איז אַריינגעדרונגען אין זיין הארצן ווי אן אומפאַרשטענדלעכע סטראשונג. ער האָט נאָך געוואָלט פאַרציען דעם שמועס, אָבער דער מוט איז אים געבליבן שטעקן אין האַלדז. דערנאָך, ווערנדיק מבולבל האָט ער ווידער גענומען ווישן דעם שווייס, נאָר דאָסמאָל מיט דער הוילער דלאָניע, קודם אויפן שטערן, דערנאָך אויפן נאַקן און דערנאָך, אויפן האַלדז. איבערהויפּט האָט ער לענגער געצערטלט דעם האַלדז ווי ער וואָלט אים טייערער געווען ווי וועלכער אַנדערער טייל פונעם קערפּער ער האָט געהאַט א לאַנגן האַלדז, א דאַרן, מיט אָנגעשוואָלענע אָדערן מיט א שטאַרק רויטער און א ביסל געקניישטער הויט, פּונקטירט מיט קאַפּעברויגע שפּרענקלען ווי שפּורן פון פּאָקן. פון אונטער דער באָרד האָבן אָנגעהויבן די ציגלקאָלירנדיקע האָר, שיטערע און שמוציקע, וועלכע האָבן אויך זייגע באַקן פאַרדעקט, פאַראייניקנדיק זיך מיט די וואָנסעס און אַרויפציענדיק זיך אויפן פּנים ביז אונטער די נרינגע מונטערע און ווי שטענדיק איבערגעשראָקענע אויגן. פון מיטן דעם

האָריקן און רויטלעכן פּנים, האָט זיך ראַפּטעם און דאָמינירנדיק אויפ־געהויבן די געבויגענע און דינע נאָז, געבנדיק אים א פרייילעכן אויסזען, אפילו ווען די אויגן און דאָס מויל האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרויער׳ זיין קאָפּ האָט דאָך אויסגעזען צי גרויס פאר זיין איינגעשרומפּענעם, מאָגערן קערפּער, אז ס׳איז זיך צום ווונדערן וואָס די גראָבע מילי־טערישע קליידער, דער זאק אויף די פּלייצעס און די שווערע ביקס האָבן אים גישט אוועקגעלייגט...

דער קאַפּאָראַל האָט זיך ארומגעקוקט, אויסשפּירנדיק אויף וועלכן וועג ער זאָל זיך ווייטער אוועקלאָזן. די שפּורן נאָך וועלכע זיי זענען ביז אהער געגאנגען, האָבן אצינד ארומגערינגלט דאָס וואלד אויף רעכטס. ער האָט זיך א קראַץ געגעבן, אויסגעשפּיגן, א קוק געטון אויף איציקן מיט פאָרוורף... ענדלעך האָט ער זיך אנטשלאָסן און גענומען גיין לינקס, נאָענט צום ראנד פונעם וואלד, מיט שיטערע טריט, ווי ער וואָלט געזוכט בביוון שפּעטער אָנצוקומען דאָרטן ווו ער דארף פאָרט אָנקומען.

איציק שטרול איז אים גיך נאָכגעגאנגען, איבערלייגנדיק פון מאָל צו מאָל די ביקס פון איין אקסל אויפן אנדערן. דאָס שווייגן האָט אים אלץ מער פארפינצטערט און געצוואונגען צו טראכטן. ער איז בטבע געווען א בארעדעוודיקער און איבערהויפּט אצינד האָט ער געפילט א ווייטיקלעכע נויטווענדיקייט צו רעדן, אפ׳ץר טאקע דערפאר ווייל דער קאַפּאָראַל איז געווען פארכמורעט און געהאט אזא אומגעוויינ־לעכן קוק.

„פארוואָס שווייגט דער דאָזיקער מענטש?“ איז אים אלץ דורכ־געגאנגען דורכן קאָפּ ווי א שטעכעניש.

איציק האָט זיך קודם געפילט שטאָלץ, וואָס מע האָט אים אויס־געקליבן צו באגלייטן אויף אויסשפּיר דעם קאַפּאָראַל יאָן גיאָרגע. זיי זענען שוין אמאָל געגאנגען אינייינעם און ס׳איז אוועק גוט. מיט גיאָר־גען וואָלט ער געגאנגען אפילו אין גיהנום אָן מורא. נאָר היינט זעט אויס דער קאַפּאָראַל ווי א פרעמדער. קיינמאָל איז ער נאָך נישט גע־ווען אזוי זויער. ווייזט אויס, אז דער היינטיקער אויסשפּיר איז גע־פערלעכער פון אלע, אז דער קאַפּאָראַל אליין איז צומישט און פאר־כמורעט. פארוואָס אשטייגער האָט מען נישט צונויפגעשטעלט א פּאטרול, ווי ס׳געהער צו זיין? סארא לייכטזין צו לאָזן גיין נאָר צוויי פארשוינען, ווען זיי האָבן בייצושטיין ווער ווייסט וואָס פאר א שווע־

ריקייטן! דאָס הייסט פּשוט מיטן אייגענעם ווילן און אָן שום נוץ זיך אריינוואַרפן אין די אָרעמס פונעם טויט... איציק שטרול ציטערט אויף און קוקט מיט מער אויפמערקזאַמקייט, ווען אויף רעכטס, ווען אויף לינקס, כדי זיך חשבון צו געבן ווו דער קאַפּאָראַל פירט אים. באַלד האָט ער פאַרשטאַנען, אַז זיי גייען צו די פּאָזיציעס פונעם שונא, נאָר אין דער זעלבער צייט דאַכט זיך, אַז זיי קערן זיך אום צוריק. וואָס זאָל דאָס הייסן? זיי ווילן זיך דאָך נישט אריינשטופּן דווקא צווישן די פייער־ליניעס, אַז זיי זאָלן געשאָסן ווערן טאַקע פון אונדזערע אייגענע?... ער האָט מורא באַקומען. די באָרד האָט ביי אים גענעמען ציטערן, אַז ער האָט זיך אומזיסט געמטייעט צונויפצודריקן די קינבאַקן.

דאָך, האָט אים מער באַאומרואיקט דעם קאַפּאָראַלס עקשנותדיק שווייגן. ער איז וואָס אַמאָל זיכערער געווען, אַז דאָס דאָזיקע שווייגן מוז האָבן עפּעס א סיבה. גיאָרגע איז געווען א היציקער מענטש, אפילו באַרימט אין באַטאַליאָן, אַז ער פאַרלירט נישט דעם קאָפּ און די האָפעריקייט אפילו אין די שרעקלעכסטע מאָמענטן, אַז ער גייט אויף אָנגריף תמיד מיט דעם היטל אויף אַן אויער און מיט יעכצן ווי אויף א חתונה, ארויסרופנדיק געלעכטער ביי די סאָלדאַטן און מאַכנדיק זיי צו פאַרגעסן די געפאַרן... חוץ דעם, האָט אים איציק גוט געקענט פון דער היים, פון פּאָלטישען, ווו ער האָט געהאַט א קליינע אכסניא מיט א געגנוג גרויסן הויף ווו ער האָט געקענט אויפנעמען דאָנערשטיק, אין טאָג פון יאַריד, די פויערים וועלכע פלעגן קומען האַנדלען. גיאָרגע איז צו אים פאַרפאָרן א צענדליק יאָרן, אַזוי, אַז זיי האָבן זיך גוט באַפריינדעט, אויסהעלפנדיק זיך מענטשלעך אין א נויט. היינט צוויי יאָר, טאַקע אין דער צייט, אין מיטן ווינטער, ווען גיאָרגע האָט זיך געקויפט א פּאָר אָקסן און ס'האָט אים נישט געקלעקט זיין געלט, איז איציק צוגעשפּרונגען ברידערלעך און, פון זיין גאַנצער אָרעמקייט, האָט ער אים געבאָרגט אכציק ליי, אַז דער מענטש זאָל נישט אָנווערן די מציאה. אמת, אַז ביזן היינטיקן טאָג האָט אים גיאָרגע נישט אָפּגעגעבן דעם חוב, אָבער ס'מאַכט נישט אויס, ווייל גיאָרגע איז א נויטבאַדאַרפטיקער מענטש, מיט פינף קינדער און אָן ערד... אצינד האָט גיאָרגע דערוואָרבן דעם גראַד פון קאַפּאָראַל, און איציק איז געבליבן א פּראָסטער סאָלדאַט, מחמת ער איז געווען שטאַרק אויסגעדאַרט און מען האָט אים נישט גענומען אין מיליטער ביז אצינד ווען

די מלחמה מאכט נישט קיין חילוק צווישן שטארקע און שוואכע, נאָר שיקט אַלעמען אין פייער. אָבער אויך אין דער מלחמה האָבן זיי געלעבט ווי פריינט. איציק האָט דאָך פארשטאנען דעם קאפּאראל אָפּצוגעבן דעם געהעריקן כבוד...

— זעסטו איציק, מיר זענען אָנגעקומען ביז אהער און כ'האָב דיר אפילו נישט באצאָלט יענעם חוב!... גאָט מיינער, פארוואָס האָב איך דיר נישט באצאָלט? דער קאפּאָראל האָט עס אזוי ראפּטעם און אזוי ווייטיקלעך ארויסגערעדט, אז איציק האָט זיך איבערגעשראָקן גלייך ווי ער וואָלט געהערט א שימפּווארט. ערשט נאָך א פויזע האָט ער אים געענטפערט זייער שטיל, אָנשטרענגענדיק זיך צו פארבאָרגן זיין באַטריבונג:

— לאָז געמאך, יאָ, האָסט צייט מיר צו באצאָלן, זאָלן מיר נאָר בלייבן לעבן!

— ריכטיק, זייער גוט געזאָגט, מיר זאָלן בלייבן לעבן — האָט גיאָרגע געמורמלט, מיט א הייזעריקער און ברוגזער שטימע וועלכע האָט געשלאָסן דעם שמועס ווי א הייסער זיגל.

איציקס געדאנקען האָבן זיך אוועקגעלאָזט מיט א העפטיקער יאָ-געניש, מאטערנדיק אין זיין נשמה, פּאוואָליע, פּאוואָליע, א משונה-דיקע מורא. צו וואָס א שטייגער האָט זיך דער קאפּאָראל געמאטערט גלייך מיט אים? אין דער זעלבער רגע ווען ער האָט זיך דערמאָנט און יענע אכציק ליי, האָט אים גיאָרגע געוואָרפן א וואָרט וועגן דעם זעלבן חוב. פארוואָס איז ער גראָד אצינד באפאלן געוואָרן פון גע-וויסנסביסע.

דאָ איז נישט קיין ריינע זאך... ער האָט נישט געהאט דעם מוט זיך פאָרצושטעלן וואָס דאָס זאָל הייסן. ער האָט זיך אָבער געפילט אזוי איינזאם ווי קיינמאָל נישט. אומזיסט האָט ער געזוכט זיך צו בארואיקן און צו טרייסטן, אז ער שרעקט זיך פאר געשפּענסטער. אין דער טיפעניש פון זיין הארץ האָט די מורא געצאפּלט אלץ ווייטיקדיקער. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאפּט אין מיטן דער נאכט, איינער אליין, אָן א שום שוץ, צווישן א שטאָט גזלנים וועלכע זענען גרייט אים צו הרגענען...

קיין גיבור איז איציק שטרול נישט געבוירן געוואָרן. נאָר א מוראדיקער און א פארדעכטיקער. אז א קינד האָט זיך צו אים זאָ-

מירעט, האָט ביי אים אָנגעהויבן צו ציטערן די באָרד און צו קלאַפּן דאָס האַרץ. אין פּלוּטסלינגען האָט דער עולם אים אַ צונאָמען געגעבן „דער האָו“. אין דער רגע ווען דער דאָקטער פון דער רעקרוטירונגס קאָמיסיע האָט אַרויסגעזאָגט די ווערטער: „אַ שוואַכינקער אָבער דאָך גוט“, האָט איציק געחלשט. דער געדאַנק אַליין, אַז ער וועט גיין אין דער מלחמה האָט אים געגרוילט. ער איז זיכער געווען, אַז ער וועט שטאַרבן ווען ער וועט הערן דעם ערשטן קאַנאָנען־דונער. מיט אַ טאָג פריער פאַרן גיין אין דער גאַרניזאָנע, האָט ער זיך געזעגנט מיטן ווייב, מיט די זעקס קינדער, מיט אַלע שכנים און באַקאַנטע, וויינענדיק ווי אַן אומבאַהאָלפענע באָבע... זיין גליק איז געווען וואָס, ווי ער איז נאָך אָנגעקומען אויפן פראָנט, האָט מען אים אַריינגעשטופּט אין פייער. מחמת ער האָט נישט געוואַגט אויסצושיסן פון דער ביקס איז ער געשטאַנען צוגעקלעבט אָן דער וואַנט פון עם שאַנץ, שיצנדיק זיך און קוקנדיק ווען אויף רעכטס און ווען אויף לינקס, צו זען וויאַזוי עס שטאַרבן אַנדערע. זעענדיק דערנאָך די אַנדערע, האָט ביי אים אָנגעהויבן פאַלן די מורא. „ווען ס'איז באַשערט בלייבט לעבן“, האָט ער זיך געטראַכט. אפילו אין דער מלחמה שטאַרבן אויך נישט קיין מענטשן אַזוי זיך און די קוילן טרעפן אויך נישט אַלע. דערנאָך האָט ער אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ צי זען מיט וועמען ער דאַרף זיך שלאָגן. נישט דערשפּירנדיק גאָרנישט, האָט ער זיך געוואונדערט און זיך נאָך מער באַרואיקט: „וואָס פאַר אַ מין מלחמה איז דאָס אַז דו ווייסט אפילו נישט וועמען דו הרגעסט?“ ער האָט אָבער דער הערט דאָס געפייף פונעם שונאס קוילן וואָס האָבן געשוועבט איבער זיין קאָפּ, און צומאָל האָט ער פאַר זיך געזען אַ ערדבאָל צעדרויבלענדיק זיך מיט אַ רעש פון מעסער־קלאַנגען. נעבן אים האָט ער דערנאָך דערפילט עפּעס מאָרנעס, גלייך ווי אַ שווערער זאַק וואָלט אַראָפּגעפאַלן. ער האָט זיך אומגעקוקט. אַ בחור איז צוזאַמענגעפאַלן אויפן דעק פונעם טראַנשיי, מיטן קאָפּ פול מיט בלוט... איציק איז מיטאַמאָל אַריין אין אַ פוריע גלייך ווי ער וואָלט באַקומען אַ זעץ מיט אַ שטעקן אין קאָפּ, האָט ער אָנגעשטעלט די ביקס און גענומען שיסן משוגענערהייט, נקמה צו נעמען פאַר דעם קאַמעראַד וועגן וועלכן ער האָט נישט געוווּסט עפּעס אַנדערש ווי נאָר, אַז ער איז פון אַ דאָרף נעבן פּאָלטיטשען און, אַז זיין מאַמע איז אַן אלמנה. דערהיצנדיק זיך וואָס אַמאָל מער, האָט ער אָנגעהויבן פילן ווי עס וואַקסט אים די

ברוסט און די אָרעמס ווערן געשפאנט. דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט מיט אַ פּאַרטרויען און מיט אַ שטאָלץ וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט. אַז ער האָט אָבער שפּעטער געהערט דעם באַפעל פון פאַר־ריקן, האָט אים ווידער גענעמען דריקן אַ מורא, דאַסמאָל דאַכט זיך אַ חערשנדיקערע. פּלוצים איז ער ווידער באַפאַלן געוואָרן פון ספקות און ישוב. אין די טראַנשעען ביסטו געשיצט, בעת אויפן פרייען פעלד דאַרפסטו דעם טויט אָנכאַפּן ביים גאָרגל כדי צו גיין ווייטער. די מורא פאַר אַ שטראָף גיכער ווי דער אָנגרעג פון דער זעלע האָבן אים באַפוילן אַרויסצוגיין פונעם שאַנץ און דאָך אין ער נישט בכח געווען דאָס צו טון, מחמת די פיס זענען אים פאַרהילצערט געוואָרן — נישט צו רירן זיי פונעם אָרט. דעמלט האָט ער דערזען דעם קאַפּאָראַל גיאָרגע ווי ער גיט אַ שפּרונג אַרויס ווי אַ פייל פונעם שאַנץ אַוועק־שפּאַנענדיק הויכמוטיק מיט דער נאָז אויפן ווינט... זעענדיק אַזוי גיאָרגען, איז איציקן דורכגעגאַנגען אַ וואַרעמער שוידער דורכן האַרץ, די פיס זענען ביי אים גרינג געוואָרן ווי אַ פעדער. ער איז באַלד אַריבערגעשפּרונגען דעם ברוסטווער גלייך ווי ער וואָלט געגאַנגען אויף אַ פאַרמעסט מיטן קאַפּאָראַל. און לויפנדיק האָט זיך זיין זעל אָנגע־פילט מיט צאָרן און מיט אַ מאָדנעם חשק צו צעמערשטן אַלע וואָס וואָלטן אים געשטאַנען אין וועג...

דערנאָך האָט ער זיך אויך צו דער מלחמה צוגעוויינט, ווי דער מענטש געוויינט זיך צו אַלץ אויף דער וועלט. ער האָט געטראַכט צום טויט און גלייך ווי ס'האָט אים נישט מער געשראָקן ווי פריער. ער האָט געלעבט ווען מיט דער מורא אונטער די פּלייצעס, און ווען גע־שטויסן פון אַ ווילדער דרייסטקייט. מיט וויפל ער האָט גענטער געפילט דאָס געפאַר, מיט אַזויפיל איז ביי אים געוואַקסן די דרייסט־קייט, בעת די ווייטקייט האָט פאַרקלעמט זיין האַרץ. אין קאַמף איז ער אויפגערייצט געוואָרן, האָט ער די אויגן פאַרמאַכט און געקנאַלט אויף רעכטס און אויף לינקס, ווי אַ חסר־דעהניק... פּאַמעלער, פּאַמעלער האָט ער באַקומען אַ מין צוטרויען צו זיך וואָס האָט אים געגעבן אַ העלדישן אויסזען. איינמאָל, נאָך אַ באַיאָנעטן־געפעכט, האָט אים דער מאַיאָר געלויבט אין דער קעגנוואַרט פונעם באַטאַליאָן. אַן אַנדערט מאָל, ווען אַ קויל האָט אים געלעכערט די לינקע פּולקע און ער איז אַרונטער געבליבן כדי אַליין צו פאַנסירן די ווונד, האָט דער בריגאַדע־קאָמאַנדאַנט, אַ גענעראַל פאַר וועלכן די רעגימענטן פלעגן ציטערן,

פארבייגייענדיק, אים געדרוקט די האנט, געפרעגט וויאזוי ער הייסט און אים געזאָגט: „בראוואָ, איציק!“ ער האָט אפילו דעם ווייב געשריבן וועגן דעם אַלעמען, אז זי האָט זיך דערשראָקן און אים א קארטל געשריבן בעטנדיק אים זייער שיין ער זאָל האמעווען זיין העלדישקייט, ווארעם די קינדער וועלן בלייבן אויף די וועגן. איציק האָט אָבער געשמייכלט פון זיין ווייבס באזאָרגטקייט. ער האָט געזען אז זי מיינט, אז ער איז דערזועלבער וואָס איז אוועקגעפאָרן. זי האָט זיך אפילו נישט געקענט מערקן, אז איר איציק טראכט אצינד צו א ממשות־דיקער אנערקענונג פאר זיין בריהשאפט אקעגן דעם שונא. פון וואנען זאָל עס אנען זיין ווייב, אז ער גופא האָט נאָר בסוד דעם דאָזיקן וונטש געצערטלט, אז א לצנותדיקער קאמאראד זאָל אים נישט נעמען אויפן זעכער. און כאָטש אזוי, האָט ער אָן אויפהער געחלומט דעקאָרירט צו ווערן, ווי ער וואָלט אין דעם זיין גאנצע צוקונפט אָנגעהאָנגען. דערפאר פלעגט ער זיך שטופן ווען ס'איז די רעדע געווען פון א געפערלעכן באפעל. עס האָט אים געציטערט דאָס הארץ, ס'האָט מיט אים געטרייסלט פאר מורא און דאָך איז ער נישט איינגעזעסן. מערער מאָל האָט ער זיך פאָרגעשטעלט ווי די גאנצע פאָרשטאָט וועט זיך וונדערן ווען זי וועט אים זען מיט דער מעדאל אויף דער ברוסט.. און גלייך ווי ער האָט געהערט אלע שעפשען: „קוקט נאָר אָן דעם האָז... א טאפּערער מאן!“

איציקס האָפנונגען זענען אָבער בטל געוואָרן זייט דער קאָמפּאניע־קאָמאנדאנט האָט זיך געביטן. דער נייער לייטנאנט, האָט אים אין משך פון צוויי וואָכן קיין גוט וואָרט נישט געזאָגט. ער פלעגט אים שעלטן אָן א פארוואָס, זיך אלעמאָל צו אים זאמירען, און אין אנדערט מאָל האָט ער אים אפילו א קלאפּ געגעבן מיט דער רייטבייטש איבערן קאָפּ. ווי ווייט ער האָט זיך נישט געפּלייסט, האָט ער נישט געקענט, נאָכקומען זיינע פארלאנגען. דעם לייטנאנטס שטרענגקייט האָט נעבראָכן זיין צוטרוי צו זיך. די מורא האָט זיך ווידער און וואָס אמאָל אלץ שטארקער איינגעגעסטעט אין זיין נשמה. דעם קאָמאנדאנטס קוליקעס פלעגן אים דערשווידערן און פלעגן אים שטעכן ווי פארגיפטעטע פיילן. לסוף איז אים געקומען אויפן גדאנק דער חשד, אז דער לייטנאנט וויל אים אומברענגען. און וואָס מער ער האָט געצאפּלט זיך צו פארטיידיקן האָט זיך דאָס דאָזיקע געפיל אלץ מער איינגעקבערט אין זיין הארץ.

„מעגלעך, אז מאקע אצינד גייען מיר צום אומקום?“ האָט איציק מיטאמאָל א טראכט געטון פינטלעגדיק מיט די אויגן ווי זאזדרעכעט פון א חלום.

זיי זענען אלץ געגאנגען... מיט פאמעלעכע טריט, איינגראָבנדיק זיך צומאָל ביזן גארטל אין דעם אומבאפלעקטן שניי, אָדער האָבן געשפאנט מידע און דערשלאָגענע צווישן די בראווע טענען־צווייגן וואָס האָבן די משא אויף די פלייצעס פון די דורכגייער אָפּגעטרייסלט.

„ווי עס שווייגט דער קאפּאָראל!“ האָט איציק געטראכט טרעטנ־דיק פאָרזיכטיק אויף זיינע שפּורן. מעגלעך, אז ער ווייסט און זאָגט מ׳ר נישט!“

ער האָט אָנגעהויבן נאָכשפּירן דעם קאפּאָראלס באוועגונגען. ער האָט געזען נאָר זיין פלייצע: דאָס היטל אָנגעריקט אויפן קאָפּ, די אָפּגעריבענע ראַנצע וואָס הענגט א צעפלאָסענע אראָפּ פון די אקסלען, די ביקס וואָס הענגט מיטן פיסק פונעם רייער פונקט אויסגעדרייט צו אים, דער זאק פון ברויט ווו עס האָבן גערעמפט זיך געקאטשעט די קוילן־אָנלאָדונגען..., דערנאָך איז אים מיטאמאָל באפאלן א שטארקע לאנגווייליקייט, ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז אן אומזעענדיקע האנט קוועטשט אים אויף די אקסלען ווי ער וואָלט אים וועלן אָפּשטעלן... ער האָט פארגיכערט די טריט ביז ער איז אָנגעקומען נאָענט צום קאַ־פּאָראל. דעמלט האָט ער זיך א ביסל בארויקט און האָט אויסגעדרייט די אויגן צו געאָרגען, ווארטנדיק כאָטש אויף איין וואָרט וואָס זאָל בארויקן זיין מאטערניש. דער קאפּאָראל האָט אָבער פאָרגעזעצט זיין שווערן, מידן גאנג, גלייך ווי ער וואָלט גאָר נישט באמערקט, אז איציק האָט זיך צו אים דערנענטערט. זיין אויסגעטרוקנט פּנים, מיט דער ברונעטער און אויף די ביינער אויסגעצויגענע הויט, איז געווען אָפּ־געהאָרעוועט און פארכמורעט פון טראכטעגישן. פון מאָל צו מאָל האָבן זיך ביי אים די וואָנצעס פון זיך אליין אויסגעדרייט, פארקרומענדיק רגעסווייז נאָך גרוויזאמער זיין אויסזען. איציק האָט זיך מיט אלע כחות באמיט צו דעראָטן וואָס עס פייניקט דעם קאפּאָראלס מח. און, מחמת דעם וואָס ער איז דערגאנגען האָט אים געגרוילט, האָט ער זיך אליין געגנארט טראכטנדיק, אז ער פארשטייט נישט גאָרנישט און זיך וווג דערנדיק אויף זיין עקשנותדיקער שטומקייט.

„אדרבא, פארוואָס עפנט ער נישט דאָס מויל?“ האָט איציק גע־מורמלט פילנדיק אלץ קלאָרער ווי די דאָזיקע פראגע שפּרייט זיך אויס

ווי א זידנדיק וואסער, אויספּרווונגריק זיין כח ביי אַלע קעסטעלער פון זיין מח און נישט קענענדיק פון אינערגעץ נישט ארויסבאַקומען דעם טרייסטנדיקן ענטפער.

מיטאמאָל האָט זיך דער קאפּאָראַל ווידער אָפּגעשטעלט, נישט זאָגנדיק קיין וואָרט, סאָפּענדיק פון מידקייט.

די שוואַרצע געדאַנקען זענען זיך באַלד צעפלויגן פון איציקס געהירן, ווי א מטשאטע איבערגעשראָקענע פייגל אין וועלכער א קינד האָט א שטיין געוואָרפן. מיט צוטרוי האָט ער אריינגעקוקט אין דעם קאַפּאָראַלס פאַרטראַכט פּנים און האָט זיין באשלוס נישט פארלוירן אפילו ווען גיאָרגע האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ ווי ער וואָלט מורא געהאט צו באגעגענען זיין בליק.

— אָבער ווי גייען מיר, הער קאַפּאָראַל? האָט איציק געזאָגט צוקלעבנדיק זיין פראגע צום קאַפּאָראַלס ליפּן מיט אזא עקשנות, אז ס'האָט אויסגעזען, אז ער וויל אומבאדינגט ארויסרייסן אַן ענטפער וואָס זאָל באַרויקן זיין אויפרעגונג.

גיאָרגע האָט אים לענגער באטראַכט. פון זיינע אויגן האָט ווי געטריפט א רחמנות וואָס מיט אזויפיל בולטער געוועזן, מיט וויפל ער האָט זיך באמיט עס צו באהאַלטן. שפּעטער האָט ער געזאָגט אין דער שטיל:

— לאָז, וועסט שוין זען... לאָז, איך דיך נישט, ווייל...

ער איז געבליבן מיט אַן אָפן מויל גלייך ווי ער וואָלט נאָך געהאט עפּעס צוצוגעבן, נאָר עפּעס אזא שווערס, אז ער האָט מורא געהאט עס זאָל נישט דערשטיקן זיין שטימע, און צעבראָכן זיינע ליפּן.

אין יענער רגע האָט איציק געפילט ווי דער שווייס האָט אים גערינען אויף די באַקן, אויף דער קלעבערדיקער באָרד, אויף דער ברוסטן אויפן גאנצן קערפּער א הייסער שווייס וואָס האָט אים דאָך נישט געקענט שיצן פאַר דער שרעקלעכער קעלט וואָס האָט מיטאמאָל אָנגעהויבן זיך ארייננגנבענען דורך אלע זיינע פאָרן, אייל דיק זיך צו פארקילן זיין הארץ. און גלייך ווי די קעלט איז ארויסגעקומען פונעם קאַפּאָראַלס אויגן און פון זיין אָפן מויל, וו מען האָט נישט געזען נישט קיין צונג, נישט קיין ציין, נאָר א קיילעכדיקן שוואַרצן פלעק, ווי א לאָך פון אַן אַנגעלאָדענער ביקס פון וועלכער עס לויערט דער טויט.

— גוט, הער קאַפּאָראל... גוט, הער קאַפּאָראל... גוט, הער קאַפּאָ־
ראל — האָט איז געשטאמלט, אלץ שטילער, גלייך ווי זיין שטימע
וואָלט זיך פילטרירן דורך אלץ געדיכטערע זיפּן.

זיין בליק איז בעת געבליבן הענגען אויף דעם קאַפּאָראלס באַקן
אַ בלאָנדזשענדיק און א מידער, ווי א פורכטיקע תפילה. אצינד האָט
ער גאָרנישט באַגעֶרט צו וויסן. ס'איז אים אויפגעשווימען אויפן גע־
דאנק דער לייטנאַנט און אין דערזעלבער צייט האָט א קינדערישן
צערטלעכקייט אָנגעפילט זיין זעל. ער האָט זיך געפילט פּונקט ווי איז
די רגעס פון פאַרן גיין אויף אָנגריף: דער מח אויסגעליידיקט פון
געדאַנקען, דאָס הארץ געשפּאַנט פון אומגעדולד. זיין לעבן איז גע־
האָנגען אויף אזא דין פעדעמל, אז וואָסער א נישט איז ברויזן וואָלט
אומשטאַנד געווען עס אויסצולעשן.

— נו, קום, איציק, קום לאָמיר נאָך גיין. האָט דער קאַפּאָראל
געזאָגט אָפּטרייסלענדיק זיך פון דעם סאָלדאַטס בליקן, מיט א אוים
רחמנות פאַרזיסטער שטימע.

איציק האָט אויפגעציטערט ווי ער וואָלט אים אריינגעשטאָכן א
מעסער אין הארץ. די דאָזיקע גוטמוטיקע שטימע האָט אים געגרוילט
ווי א שטראָף. ער האָט אָנגעהויבן שווער צו סאָפּען און אָפּריקנדיק
זיך אויף צוריק וואָס אמאָל מער דערשראָקן, האָט ער גענומען מיט
אמאָל שרייען גלייך ווי ער וואָלט גערופן נאָך הילף:

— כ'גיי נישט מער, הער קאַפּאָראל!... כ'קאָן נישט מער, הער
קאַפּאָראל!... איך זאָל אפילו וויסן, אז איר דערהרגעט מיך, הער
קאַפּאָראל!

— גיב אכטונג, איציק! גיב גוט אכטונג! האָט גיאָרגע גיך גע־
שריגן, מיט פון מאָדנע בליצן אָנגעצינדענע אויגן.

דער סאָלדאַט האָט קלאָר געזען דעם גלאַנץ אין דעם קאַפּאָראלס
אויגן און האָט פאַרשטאַנען דעם באַדייט. די פּוריע האָט אָבער אויפ־
גערודערט זיין בלוט ווי תמיד בשעת א געווירבל פון גרויסע סכנות
ער האָט מער נישט געפילט עפּעס אנדערש ווי א בלינדע נייגונג מיט
אלע כחות זיך צו פאַרטיידיקן און אזוי ארום אָפּצווענדן די באַדראָונג
איידער זי וועט אים טרעפן. ער האָט דערפאַר אלע מאָל געשריגן
איבערשרייענדיק דעם קאַפּאָראלס שטימע, און האָט זיך צוריקגעצויג.
מיט די אויגן אלץ אָנגעשטרענגט אויף יענעמס אויגן, טראָצנדיק אים..
גייענדיק אזוי מיט די פּלייצעס פאָרויס, האָט ער זיך פּאַטיקעט אָן

א טויטן וואָרצל און ראַפּטעם אריינגעפּאַלן אין א גרוב מיט שניי. דאָס אומפּאָרהאָפּטע פּאַלן האָט אים איין רגע אויסגעלאָשן זיין גאַנצן צאָרן, מאַכנדיק פּלאַץ פּאַר א דריקנדיקער שרעק. אצינד האָט ער זיך חשבון געגעבן, אז ס'איז מער נישט פּאַראַן קיין רעטונג און, אז ער דאַרף אָנעמען אָן אומזיסטיקן ווידערשטאַנד, דאָס וואָס ס'איז אים באַשערט. מוטשענדיק זיך אַרויסצוקריכן פון דעם טיפן גרוב, האָט ער געשריגן מיט שרעק:

— וואַרט, הער קאַפּאָראַל, כ'קום!... זייט רואיק וויל איך קום!

אין מח פונעם קאַפּאָראַל איז אויפגעשווימען א געדאַנק ווען איציק איז געפאַלן. ער האָט אפילו א צי געטון דעם רימען פון דער ביקס אַלס אָנהויב פון דערפילן זיין אַנטשיידנדן געדאַנק. זעענדיק אָבער זיינע פּאַרשנייטע שטיוועלעטן זיך באַמבלען אין דער לופטן, איז אים באַפאַלן א געלעכטער וואָס האָט אויסגעלויטערט זיינע וויעס און פאַרטריבן פון זיין זעל דעם יצר־הרע.

— נו, קום שוין! קום נאָך מיר! האָט ער געזאָגט גייענדיק ווייטער נישט וואַרטנדיק אויף אים.

איציק האָט זיך אויפגעהויבן פונעם גרוב, זיך אָפּגעטרייסלט פונעם שניי און נאָכגעלאָפן גיאָרגען א ביסל באַרואיקטער, גלייך ווי דאָס צעטרייסלונג וואָלט פאַרשוועכט זיינע זאָרגן...

אצינד זענען זיי געגאַנגען גיכער און אויפגעלעבטער, פילנדיק ביידע, אז זיי זענען פּטור געוואָרן פון א סכנה. ביים קאַפּאָראַל האָט זיך אויפגעבונדן די צונג און ער האָט גענומען רעדן, אז איציק האָט קוים געקאָנט נאָכקומען מיט ענטפערס. זיי האָבן זיך אָבער נאָר דער־ציילט פון פרייליכע געשעענישן וואָס האָבן זיך זיי געטראָפן זייט לאַנג, מיט יאָרן צוריק, קלייניקייטן וועלכע צילען זיך אויף אין דעם מענטשנס לעבן ווי ביליקע און בלישטשענדע פּאַצערקעס, אויף א דינעם ווערג־פּאָדעם. זיי האָבן זיך בכיוון געהיט זיך צוצורירן צום טויער פון דער מלחמה, גלייך ווי דאָ וואָלט זייער לעבן פאַרשלאָסט געוואָרן אין א קלעפּיקער בלאָטע פון וואַנען זיי קאָנען נישט מער אַרויסקריכן. זיי האָבן גערעדט אויף א הויך קול כדי צו דערשטיקן זייערע געדאַנקען וואָס האָבן נישט אויפגעהערט צו זידן אין זייער זעל, אַלץ זוכנדיק צו פאַרטונקלען זייער צופרידנקייט. פון מאָל צו מאָל האָט דער קאַפּאָראַל געלאַכט, אָבער אזוי געצוווּנגען, אז איציק האָט זיך צו אים אויסגע־

דריט א דערשראָקענער און אויך אָנגעהויבן לאָזן און אויך אזוי איבערגעמאַכט.

דער וואלד איז אצינד שיטערער געוואָרן, מיט צעוואָרפענע אײנזאמע ביימער, ווי אײנגעשטעקטע דאָ און דאָרט פון א צויבער־האַנט. די דעמערונג האָט נישט־פילנדיקערהייט אראָפּגענידערט, פארכמורענדיק וואָס אמאָל מער די לופט און אויסשפרייטנדיק אן אש־גרויע מאראקע אויף דער ווייטקייט פונעם פארפרוירענעם שניי.

די באַשטענדיקע שטילקייט, האָט ווידער אלץ באהערשט דיביידע סאָלדאטן. ווידעראמאָל האָבן זיי זיך נישט אָנגעקוקט און זייערע פּנימער האָבן זיך ווידער פארכמורעט. זיי האָבן נאָך געשמועסט, אָבער זיי האָבן זיך נאָכגעשפּירט ווי צוויי באהאלטענע שונאים. די צוגעפאלענע נאכט האָט געפּרעסט אויף זייערע נשמות און דערמוטיקט זייערע שווארצע געדאנקען.

איציק האָט זיך אלעמאָל ארומגעקוקט גלייך ווי ער וואָלט זיך יעדע רגע דערוואַרט צו באַקומען א קלאַפּ. דווקא דעם קאפּאָראלס בארעדעוודיקייט האָט אין זיין הארץ אריינגעגעבט א פאָרגעפיל פון אזא זיכערן טויט, אז אין דער רגע ווען זיי זענען ארויס פונעם וואלד, האָט ער אים מיטאמאָל א פרעג געטון:

— איר האָט א באַפעל מיך צו טייטן, הער קאפּאָראל?

גיאָרגע האָט איבערגעריסן זיין דערציילונג, גלייך ווי ער האָט זיך אים איבערגעשניטן מיט א דינעם פאָדעם, און געענטפערט נישט חידושנדיק זיך:

— איך?

— פארוואָס ווילסטו מיך הרגענען, גיאָרגע? האָט איציק פאָרגעזעצט דאָסמאָל מיט א וויינענדיקער שטימע ווי א קינד פאר א בייזן ריכטער.

א שווערער שאָטן האָט זיך באלד באוויזן אויפן קאפּאָראלס שטערן. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, האָט אויסגעגלייכט די ביקס אויפן אקסל און א מורמל געטון זייער גראָב, ווי פון א גרוב ארויס:

— שווייג!...

דערנאָך, אין א פּאָר רגעס ארום, ווידעראמאָל:

— שווייג!...

דערנאָך, כמעט אויף יעדן פאמעלעכן טריט, ווי אליין איבערגעשראָקן פון זיין שטימע:

— שווייג !...

איציק איז אנטשוויגן געוואָרן. מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן, איז ער נאָכגעגאַנגען דעם קאַפּאָראַל מיט א פּון דער משא־דאגות איינגעבוי־גענער פּלייצע. דער קאָפּ, מיטן היטל אויפן נאַקן, האָט זיך ביי אים געשאָקלט אין ריטם פון די טריט. די געהירן האָבן אים געשמאַרצט פון די זיג־זאַג־געדאַנקען קעגן וועלכע ער האָט נישט געפונען קיין שום רעטונג. אין זיין נשמה האָט געצאַפּלט דער ווילן ווידער אָנצו־הויבן דעם שמועס מיטן קאַפּאָראַל און ס׳האָט אים באַנג געטון וואָס ער האָט אים אונטערבראָכן. גיאָרגע האָט אָבער דאָסמאָל גע־שפּאַנט גלייך ווי מער דערשלאָגן אלס ער, זיפצנדיק פון מאָל צו מאָל...

זיי זענען געגאַנגען לענגאויס פון א רייע ווייסע טענענביימער וועלכע האָבן, ווי א פונקטירטע ווירע, קווער איבערגעשניטן דעם מילדן אונ־טער דער ווייסער דעק איינגעשלאָפענעם אָפּהאַנג. זיי האָבן זיך ביידע אויסגעהיט פאַר דער דראָונג וואָס האָט אויף זיי געקוקט פונעם שונאס אַנדערן באַרג־ראַנד. זיי האָבן אויסגעצויגן דעם שפּאַן פון איין בוים צום אַנדערן. דער פאַרפרוירענער שניי האָט אַזוי שטאַרק געקריצט אונטער זייערע שטיוועלעטן, אַז אין דער הערשנדיקער שטילקייט פון אַרום, האָבן זיי אַלעמאָל זיך אומגעקוקט צום פיינטלעכן פראָנט, מורא־האָבנדיק מען זאָל נישט דערהערן זייערע טריט. א טרוקענער מאָל, באַצייכנט פון עטלעכע טענענביימער, האָט זיך געשלענגלט מאַקע צופוסנס פונעם שונאס באַרג, וועלכער האָט זיך פאַרשמעלט דערוויי־טערנדיק זיך ביז ער האָט זיך באַגעגנט מיט דער רייע ווייסע טענענ־ביימער.

איציק שטרול, אַן אויסגעמאַטערטער פון טראַכטן, האָט זיך צוגע־הערט צו זייער טריט און זיי געציילט און האָט זיך אַלץ קוריאָזער אַריינגעקוקט, אָנשטרענגנדיק זיך צו דערקענען די פּלעצער. אַזוי אַרום האָט ער זיך געפילט פּאַוואָליע, פּאַוואָליע פאַרכאַפּט פון א מאָדנעם צוטרוי־אַנגסט־געפיל. ער האָט געזען, אַז ער דערנענטערט זיך אַלץ צו די פיינטלעכע ליניעס און דאָס האָט ביי אים דערוועקט א שטיקל האָפענונג. אַז דו גייסט צום שונא, הייסט עס, אַז דו גייסט פאַטרו־לירן — האָט ער זיך דערמאַנט פון דעם ביסל טעאָריע וואָס מען האָט אים אין קאָפּ אָנגעשטופּט אין דער קאַזאַרמע פון פּאָלטימישען. טעגלעך, אַז נאָר א נאַרישע מורא האָט אין אים דערוועקט די אַלע בייזע פאַר־

שטעלונגען... דער גערעדנק, אז עס קאָן אזוי געמאָלט זיין, האָט זיין פּנים פארקרומט אין א שמייכל פון גליק וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געפילט.

ער האָט זיך א ביסל בארואיקט און דאָך האָט ער זיך חשבון געגעבן אין דער טיפעניש פון דער נשמה, אז די בארואיקונג זוכט נאָר איינצושלעפערן זיין פאָרגעפיל און אים אָפּנארן. בעת ער האָט זיך געוויגט אין האָפענונגען צום גוטן, האָט ער קלאָר געפילט, אז זיינע וויטיקלעכע קווייטלענישן קאָכן אָן אויפהער אין זיין מח און זיי פייניקן אים נישט מער נאָר דערפאר ווייל, א דינע הויט פון גלייכגילטיקייט האָט זיך איבער אים איבערגעצויגן אויף וועלכער עס קען פריי שפּאצירן די פאנטאזיע פון צופרידנקייט... דער גרויסער פּחד האָט זיך איינגעגראָבט אין א באהאלטן ווינקל פון זיין נשמה, ווי א חיה אויף דער שפּור. ער האָט געפילט ווי ער בדייט זיך צארט אויס, גרייט אין יעדער רגע אים צו באפאלן... מיט דעם אלעמען, האָט אים א בארוישנדע צופרידנקייט פארלאָפּט, ער האָט זיך דערמאָנט אין זיין היים און האָט געגלויבט, אז נאָך דעם איצטיקן העלדנטאט, וועט דער לייטנאנט אים געבן א דערלויבעניש נאָך וועלכער ער גארט שוין אזא לאנגע צייט. עס קומט אים ווייניקסטנס צוויי וואָכן, לויט יושר, נאָך ער וואָלט זיך באנוגנט מיט אכט טעג אויך, זאָל ער זיך כאָטש זען מיטן ווייב און מיט די קינדער... ס׳אַרא פרייד ווען ער וועט ביינאכט אָנקלאפּן אין דער טיר פונעם פאָרצימער: „ווער איז"... „נו, עפן, איך בין עס, איציק!"... ער האָט געגומען איינטיילן די טעג און אפילו די שעהן כדי איין רגע זאָל נישט בלייבן נישט־גוט אויסגענוצט... דעם ערשטן טאָג... דעם צווייטן... דעם פערטן... היינט ווען ער זאָל נאָך דערצו האָבן די מעדאל ?...

ניי, אפשר וועט אצינד דער לייטנאנט אויך ווייכער ווערן... נאָך אלעמען איז ער גאָר נישט אזוי שלעכט, דער נייער לייטנאנט, מען דארף נאָר וויסן וויאזוי מיט אים אומצוגיין...

זיי זענען אָנגעקומען אין טאָל... דער פיינטלעכער אָפּהאנג איז געווען א קווערער ווי א יאר און אזוי נאָענט, אז ער האָט די שיין פארשטעלט ווי א טויער. די רייען ביימער האָבן זיך פאראייניקט אין א רעשטל פון א וואלד מיט אלטע טענענביימער, מיט גראָבע צווייגן אויף וועלכע דער שניי איז געשלאָפן ציטערנדיק פאר קעלט.

זיי זענען אָנגעקומען צום וועלדל. דער קאפּאָראל האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן שטאם פון א זייער גראָבן טענענבוים, מיט א גערינצלטער און פון הארץ אויסגעשמירטער קאָרע. א האקנפּאָרמיקער וואָרצל, ווי א פויערים-בעטל, האָט זיך ארויסגעהויבן פון דער ערד איבער דעם שנײַ־שיכט. גיאָרגע האָט אָפּגערייניקט דעם שניי מיטן קאָלב פון דער ביקס און האָט זיך פּאוואָליע און א מידער אנידערגעזעצט. איציק האָט זיך אוועקגעשטעלט אקעגן אים א פרעגנדיקער, מיט א פריילעכן צוטרוי אין די אויגן, סאפּענדיק שווער. דערנאָך, אזוי ווי גיאָרגע האָט זיך פארעקשנט אין שווייגן, האָט ער אים געזאָגט שמייכלענדיק:

— מיר זענען אָנגעקומען, הער קאפּאָראל?

דער קאפּאָראל האָט אָבער ניט געענטפערט. צווישן די ביימערשטאמען האָט ער געקוקט צו דעם שונאס פּאָזיציע, ווי מעסטנדיק די ווייטקייט מיט די אויגן...

אין א צייט ארום, האָט איציק ווידער אמאָל געפרעגט, ווידער שמייכלענדיק:

— מיר דאכט, אז מיר געפינען זיך טאקע אקעגן אונדזער קאָמפּאניע?

אצינד האָט דער קאפּאָראל גיך אויסגעדרייט דעם בליק צו אים און געזאָגט:

— ריכטיק... אָט דאָרטן...

און ער האָט געוויזן מיט דער האנט אין דער לופט, איציק האָט גאָרגישט געזען.

דער רויקער און גלאטער אָפּהאנג האָט זיך געצויגן ווי א בויגן פּאפּיר, אָבער זיך אויסגעלאָשן אינעם נעפּל פון דער צוגעפאלענער נאכט. ער איז געבליבן מיט פארטראכטע, נארנדיקע אויגן, טראכטנדיק, אז ס'וואָלט גוט געווען, אז צוריקצוועגס, זאָל ער מער נישט מאכן קיין אומוועג, נאָר גיין גלייך איבערן פעלד, כדי וואָס גיכער אָנצוקומען צו דער קאָמפּאניע...

דאָס שווייגן האָט זיך ווידער אוועקגעשטעלט צווישן זיי ווי א לעבעדיקער פּלויט.

דערנאָך, א ביסל שפּעטער, האָט דער קאפּאָראל געזאָגט מיט א ווייכער שטימע:

— נו, ברודער איציק, ביז אהער האָב איך דיך געבראכט... פון דאנען ווייטער קענסטו שוין גיין אליין...

דער סאָלדאט האָט אויפגעציטערט, ווי ער וואָלט אים מיט א נאָדל א שטאָך געגעבן. ער האָט א קוק געטון אויפן קאַפּאָראל, א צעמישטער, און ערשט נאָך עטלעכע רגעס האָט ער געשטאמלט:

— אָבער וווּ זאָל איך גיין, יאָן?

— אויף יענער זייט...

דער קאַפּאָראל האָט אים מיטן קאָפּ אָנגעוויזן אויפן שונאס ליניע און דערנאָך האָט ער אים געשענקט א ווארעמען בליק, וואָס האָט איציקן אָנגערעגט ער זאָל ווידער פרעגן, אין א נאָך גרעסערער פארלעגנהייט:

— ס'הייסט, פארוואָס זאָל איך גיין, יאָן?

גיאָרגען אָבער האָט די דאָזיקע פראגע אריינגעבראכט אין א פוריע ווי ער וואָלט אין זיין נשמה אויפגערעגט א קוים איינגעשטילטן אומרו. זיין בליק איז געוואָרן א קאלטער און זיין שטימע א סטראשנדע:

— וואָס מאכסטו דיר נאָך קאליע ס'מויל? פריי דיך און גיי, אז נישט... איציק האָט זיך אומוויסנדיק אָנגעכאפּט אין דעם לעצטן וואָרט, ווי אָן א רעטנדיקן שטרוי, און עס איבערגעחזרט געקווייטלט:

— אז נישט...

און ער האָט דאָס וואָרט אזוי מאָדנע ארויסגעזאָגט, אז דער קאַפּאָראל איז באלד ווייך געוואָרן, נישט חשבון-געבנדיק זיך פארוואָס, און געשטאמלט ווי א באשיצער:

— אז נישט...

אצינד האָט איציק שטרול קלאָר געפילט, אז דער גרויל איז פון זיין ווינקל ארויסגעשפרונגען און זיך אויסגעגאָסן אין אלע באהעלטענישן פון זיין נשמה ווי אן אומהיילבארע גיפט. ער האָט געוווּסט, אז אין עטלעכע רגעס ארום וועט ער אים צעשמעטערן און דאָך האָט ער זיך נישט געקענט איינהאלטן נישט צו פּרוּוון דאָס צו פארשיבן... ער האָט די ביקס אָנגעשפּארט אָן שטאם פונעם בוים, זיך אנידערגעזעצט נעבן קאַפּאָראל, מיט ביידע הענט אָנגעכאפּט זיין רעכטע האנט און דאָס מאָל האָט ער אָנגעהויבן זייער גיך צו שיטן, מורא-האָבנדיק ער זאָל נישט פארלירן די געלעגנהייט אים צו זאָגן אלץ, איידער ס'וועט זיין צו שפּעט:

— פארלאָזט מיך נישט, הער קאַפּאָראל!... וויאזוי זאָל איך אהין גיין, יאָניקע?... איך קאָן נישט יאָניקע! האָסט נישט קיין רחמנות

אויף מיר ? צי כאָטש אויף מיין ווייב און אויף מיינע בידנע קינדער! דאַרפן דערהרגענען מיך די שונאים, יאַניקע ! זיי דערהרגענען מיך... זיי דערהרגענען מיך !...

— זיי דערהרגענען דיך נישט, ווען דעם זאָלסטו גאָרנישט זאָרגן! — האָט גיאָרגע געמורמלט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ כדי נישט צו זען יענע אויגן אין וועלכע דער פּחד האָט געטאַנצט משוגענערהייט — מחמת צוליב דעם האָב איך דיך געבראַכט ביז אהער, נאָענט... זעסט נישט ? הייבסט אויף די הענט אין דער הייך און קלעטערסט פּאַוואָליע ארויף דעם אָפּהאַנג. קיינער טשעפּעט דיך נישט, אויב דו גייסט נישט מיט שלעכטע כוונות...

דער סאָלדאַט איז אויפגעשפּרונגען ווי פון א בים פון א שלאַנג ער האָט געוואָרפן פלאַקערנדיקע בליקן פון א פּלוצימדיקן צאָרן, ווי ער וואָלט ערשט איצט פאַרשטאַנען דעם קאַפּאָראַלס געראַנק.

— נו, אויב אזוי, גוט וואָס איך ווייס, און איך ריר מיך נישט פון דאַנען אפילו טויטערהייט! לאָז נאָר געמאַך, ווייל איך האָב באַנעמען די ווענדקע, ווייל כ'בין נישט אזוי נאַריש... דו ווילסט מיך מאַכן פאַר א דעזערטיר, הא ? ווי שעמסטו דיך נישט, יאַניקע ! ווען מיר וואָלטן זיך נישט געקענט פון דער היים... ס'פּאַסט דיר נאָרנישט יאַניקע, כ'לעבן ! אייגנטלעך מיט וואָס האָב איך קעגן דיר געזינדיקט וואָס דו גייסט מיך מאַכן פאַר א דעזערטיר ? וואָלסט נישט געהאַט קיין רחמנות צו לאָזן מיין הויזגעזונט אויף די וועגן און מיך צו מאַכן איך זאָל מיך שוין קיינמאָל נישט קענען אומקערן אהיים ?... נו, און איך וויל דווקא נישט זיין קיין דעזערטיר ! יך וויל נישט און וויל נישט !...

דער קאַפּאָראַל האָט אים רואיק אויסגעהערט דערנאָך האָט ער אים געזאָגט אַליין צערטלעך און ווייך :

— דו מעגסט נישט וועלן, אָבער פאַר דעם וואָס דו האָסט מורא וועסטו דיך נישט קענען ווערן !

— ס'א ליגן ! האָט איציק אויסגעשריגן א צערייצטער פון דעם קאַפּאָראַלס ווייכער שטימע.

— אומזיסט ווילסטו נישט, ווייל סיי ווי סיי ביסטו א דעזערטיר — האָט גיאָרגע געזאָגט.

— פאַרוואָס זאָל איך זיין, אז איך וויל נישט אוועקגיין ? פיל איך נישט אוים מיינע פליכטן ? קעמף איך נישט ווי יעדער אנדערער ?

— אמת, איציק, איך קאָן דיר אָבער גאָרנישט טון... גלייב מיר, ברודער! באפעל! הערסט? באפעל פונעם הער לייטנאנט... אַט אצינד ביסטו שוין נישט מער אין אונדזער קאָמפּאניע. דער ראַ־פּאָרט איז אוועקגעגאנגען היינט אינדערפרי: איציק שטרול, דעזער־טיר...

איציק האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל, א פארצווייפלטער. די פראגע „פארוואָס" האָט זיינע געהירן צעריסן ווייל ער האָט קיין צופרידענעם ענטפער נישט באקומען. ער האָט זיך חשבון געגעבן, אז ער איז א פארלוירענער און ווייסנדיק דאָס, האָט עס אים זיינע גע־דאנקען צעמישט. ער האָט געזוכט אין געדאנק אויפשטענדלערישע ווערטער אָדער ווייניקסטנס פארטיידיקונגס-ווערטער און האָט מער נישט געפונען ווי נאָר א טיפּשעוואטע, נאריש שטאמלען:

— איך וויל נישט... איך וויל נישט...

— זאָלסט יאָ וועלן, ברודער איציק — האָט אים דער קאפּאָראל במעט שעפּשענדיק, געזאָגט. מוזט וועלן, ווייל אנדערש איז נישט מעגלעך... כ'האָב געענוג געטראכט און זיך געמאטערט דעם גאנצן וועג ביז אהער און דו זעסט דאָך גאנץ גוט, אז ס'קאָן אנדערש נישט זיין...

— מיט וואָס האָב איך געפעלט, יאָניקע, ווי איז מיר? איז איציקן געלונגען ווידער צו שטאמלען נאָך מער דערשלאָגן.

— וואָס קאָן איך וויסן?... איך בין נישט שולדיק, זעסט דאָך גוט... מיר האָט דער הער לייטנאנט באפוילן איך זאָל...

גיאָרגע האָט אונטערבראָכן די ווערטער איבערגעשראָקן פון דעם סאָלדאטס אויגן וועלכע זענען גרוים געוואָרן ווי זיי וואָלטן וועלן ארויס־שפּרינגען פונעם קאָפּ.

— דו זאָלסט מיך דערהרגענען? איז איציק צוגעשטאנען.

— איך זאָל דיך דערהרגענען! האָט דער קאפּאָראל געזאָגט אין אויסגעשעפּטער. און איך זאָל דיך באגראָבן, אז ס'זאָל קיין שום שפּור נישט בלייבן... אצינד זעסטו שוין איציק, זעסט קלאָר, אז דו קאָנסט זיך מער נישט צוריק אומקערן... וויי צו אונדזער מזל!...

עס האָט געפּאָלגט א לאנג שווייגעניש. איציק האָט באטראכט א פארשטארצטער דעם קאפּאָראלס ליפּן אויף וועלכע ער האָט געלייענט זיין פּסק, און גיאָרגע איז געשטאנען מיט אן אויסגעצויגענעם האלדז, מיט די אויגן געצילט אויף אים ווי ער וואָלט געוואַרט אויף אן ענטפער

וואָס זאָל לייכטער מאַכן זיין האַרץ... די קעלט איז ווייכער געוואָרן. פונעם הימל האָבן זיך געזיפּט, וויגנדיק זיך פּוילענצעריש, לייכטע שטיקלעך שניי ווי פּאַפּירענע שמאַטקעלעך.

דערנאָך האָט א דונער אויפגעטרייסלט די שטילקייט, באַגלייט פון א שאַרף געפּייפעריי. דער גערויש האָט ווי זאַזדראַכטעט פון שלאָף די גאַנצע נאַטור. עס האָט געגומען בלאָזן א דין ווינטל צעוואַרפנדיק אין וואָזדוך די שנייפלאָקנס און אויפלעבנדיק די טענען־צווייגן אונטער וועלכע די צוויי סאָלדאַטן זענען פאַרהילצערט געוואָרן. א ריזיקע צווייג, וואָס האָט זיך איבער זיי אויסגעצויגן ווי א שווערער פליגל, האָט זיך אביסל געשאָקלט, אָן דעם, אז דער אויף אים פאַרפרוירענער שניי זאָל זיך רירן...

גיאָרגע האָט זיך שווער געריַרט פונעם אָרט, האָט אַרויפגעוואָרפן די ביקס אויפן אַקסל און געשעפּטשעט:

— אצינד גיי איך... דאַכט זיך די פון יענער זייט האָבן אונדז באַמערקט און שיסן אונדז נאָך... בלייב מיט גאָט, איציק!

ער האָט אָנגענומען זיין פאַרשוויצטע האַנט און האָט זי לייכט געדרוקט.

איציק שטרול האָט אויפגעציטערט ווי דערוואַכט פון א מיאוסן חלום און זיך אָנגעקלאַמערט אין דעם קאַפּאָראַלס האַנט, מורמלענדיק:

— איך וויל נישט... איך וויל נישט...

זיין שטימע איז איינגעטונקען געווען אין אזא גרויסער ווייטיק, אז גיאָרגע, כדי צו באַהאַלטן זיין רחמנות, האָט זיך אויף אים צע־שריגן:

— דערצערן מיך נישט, מענטש איינער, וואָרעם, אז נישט וועט זיין נאָך ערגער!... איך ראָט דיר וויאזוי דו זאָלסט דיך רעטען און דו האַלטסט מיך דאָ די נאַכט זאָל מיך פאַרכאַפּן... גיב נאָר אַכטונג!

ער האָט זיין האַנט אַרויסגעריסן און געמאַכט א פּאָר שפּאַן.

— די שלעכטע שעה זאָל דיך נישט באַוועגן דו זאָלסט דיך צוריק אומקערן, איציק, ווייל דו מאַכסט מיך אויך אומגליקלעך, און דו ראַטעוועסט זיך סיי־ווי־סיי נישט... א גוטע נאַכט!...

ער האָט זיך אויסגעלאָזט איינער אליין, אויפן זעלבן וועג אויף וועלכן זיי זענען ביידע געקומען, מיטן קאָפּ אין דער ערד, מיט א האַרץ ווי בליי. ער האָט זיך עטלעכע מאָל געצלמט ביז ער האָט זיך

געפֿילט לײַכטער אויפֿן האַרצן. דאַן האָט ער צו זיך אַלײן געזאָגט, מיט אַ טיפֿן זיפֿץ:

— איך דאַנק דיר, גאָט, וואָס דו האָסט מיר געהאָלפֿן איך זאָל אויסמײַדן אַ זינד... איך וואָלט אים געהאַט אויף מײַן געוויסן אַ גאַנץ לעבן... בידנער איציק...

גײענדיק האָט ער צוריקגעקוקט. איציק איז געשטאַנען אויפֿן זעלבן אָרט, אומבאַוועגלעך, מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם ווי אַ שטומער רוף.

דער קאַפּאָראַל איז וואָס אַמאָל אַלץ קלענער געוואָרן ביז ער איז פֿאַרשלונגען געוואָרן פֿון דער טונקלקייט וואָס איז אַלץ געדעכטער געוואָרן קוקנדיק מיט די אויגן...

ווידער האָט אַ ביקס־שאָס אויסגעקנאַלט. איציק האָט אויפֿגעציטערט און זיך אויסגעדרייט צום פֿײַנטלעכן אָפּהאַנג. ער האָט געגעבן אַ שפּאַן און זיך מיט גרויל אָפּגעשטעלט, מורמלענדיק:

— איך וויל נישט...

אין זײַן קאָפּ איז געווען אַ שרעקלעכער ווירוואַר. ער האָט מער נישט געוואַגט פּרוּוון אויסצוווײַלן עפּעס אַ געדאַנק פֿון די טויזנטער ברוכן וואָס האָבן זיך געראַנגלט אָן אַ סוף. זײַן זעל איז אָבער פֿול געווען מיט אַ פֿעסטער עקשנות פֿון וואַנען עס האָט אומאויפֿהערלעך אַרויסגעקוואָלן דער געמורמל: „איך וויל נישט"... ער האָט אויפֿגעהויבן די אויגן צום הימל ווי וואַרטנדיק פֿון דאָרטן די דערלייזונג. איבער זײַן קאָפּ האָט געשוואַרצט אַן אומבאַוועגלעכע, די ריזיקע צווײַג, וואָס איז בכּח לײַכט צו דערטראָגן די שווערסטע משׂא. און מיט־אַמאָל האָבן זיך זײַנע אַלע געדאַנקען געקלאַמערט אָן דער לאָקנדיקער צווײַג...

די שטילקייט איז אַלץ געוואַקסן, אַנטוועגנדיק די גאַנצע ערד אין טרויער־קליידער. אין דעם שווערן חשבון האָט זיך איציק שטאַרק געמוטשעט אַריבערצוּוואַרפֿן די רימענעס איבער דער אומבאַוועגלעכער צווײַג און גוט אויסצופּרוּוון דעם שלייף אויף זײַן לאַנגן האַלדז. די צווײַג האָט אַ ביסל געקרעכצט איבער זײַנע צאַפּלעניש, און דער ווינט, וואָס אַמאָל אַ בייזערער, האָט אים געדרייט און געדרייט די גאַנצע נאַכט...

דער פֿרימאָרגן איז געקומען שפּעט, באַגלייט פֿון אַלץ געדעכטערע שיסערייען. עס האָט אויפֿגעהערט צו שנייען. די זון האָט זיך באַוויזן

אין א שפּאַלט פון א כמארע, אָנצינדנדיק טויזנטער רעגנבויגנס אויף די פאַרשנייטע פעלדער.

איציק איז געהאָנגען אונטער דער אומבאַוועגלעכער צווייג, ווי א העלד אין א פאַרשריפטמעסיקער פּאָזיציע. נישט מער, ווי אנשטאט א הטל, האָט ער געהאַט א שיכט פון פרישן שניי איבער די צעשויבערטע האָר און די שטיוועלעטן זענען געווען אָפּגעטיילט פון דער ערד מיט אומגעפער צוויי טפחים. זיינע געשוואָלענע און פון די אָרביטעס אויסגעשטאַרצטע אויגן האָבן אויך איצט געקוקט דערשראָקענע אין דער לופט צו די טראַנשייען פון דער קאָמפּאַניע. די ווייסע ליכט אָבער האָט געקושט זיין בראָנדיק פּנים, אָפּווישנדיק די שפּורן פון ליידן און אויסגלעטנדיק די ריגצלען פון פאַרוואורף...

אין וואָזדוך, איבער איציק שטרולס קאָפּ, האָט די מלחמה נאָך בייזער געברויזט, נאָך אומזעטיקער, ווי א ריזיקער רויב־פויגל...

# דער וואסערטרעגער

זומער און ווינטער האָט משה חנינא געטראָגן וואסער מיט די קאנען. קיין אנדער פאך האָט ער נישט געהאט. ער פלעגט פארדינען ווייניק, אָבער, דאָס טעגלעכע ברויט איז געווען געזיכערט און אָפטמאָל פלעגט זיך געפינען א באלעבאָסטע אָדער אן אלטע דינסט אים מכבד צו זיין מיט עסן אין קיך, ווי ס׳קער צו זיין.

נאטירלעך, פלעג אים קיינער נישט טראקטירן ווי א בעטלער; משה איז נישט געווען קיין בעטלער ווי יאנקעלע סיקעל אָדער ווי די באָבע אָאנא, יענע וואָס פלעגט שטיין פאר דער טיר פונעם קלויסטער וואָווידעניא, מיט אן אויסגעשטרעקטער האנט.

דער האָרעפּאשניק איז געווען אן איידלער מענטש און דער עולם האָט עם אָפּגעשאצט. דער הער בערבולעסקו, פרעזידענט פונעם טריבונאל, פלעגט נישט נאָר ענטפערן אויף זיין באגריסונג, נאָר פלעגט אים תמיד פרעגן וואָס ער טוט, גלייכגילטיק זיך די באזונבערד, ווי זיין טבע איז געווען.

אמאָל, גערופן אלס עדות אויף א פראָצעס פאר געשלעג, איז דאָס, עדות־זאָגן פון משה חנינאן, וועלכער האָט געציטערט ווי א פיש און געל געוואָרן ווי אן אתרוג, אויסגעהערט געוואָרן פונעם הער פרעזידענט, אין דער שטילקייט פונעם זאל, ביזן סוף. און משהס דיבורים זענען באגלייבט געווען וואָרט ביי וואָרט און פארשריבן געוואָרן שווארץ אויף ווייס פונעם הער געריכטס־שרייבער. היינט צו־טאָג קאָן יעדער איינער

וואָס קאָן נאָר לייענען) איבערלייענען וואָס ער האָט געזאָגט אין דעם גרויסן טריבונאַל פון בערלאַד. דער הער פּרעזידענט פלעגט נישט קויפן קיין וואסער ביי משהן, מחמת פּירגדיק א גרויס הויז, פלעגט ער קויפן אויפן פעסל.

משה וואָלט אפשר צופרידן געווען ביזן סוף לעבן, ווען די עלטער-)וואָלט אים נישט אָפּגעשוואַכט און די מידקייט וואָלט אים נישט בא צייטנס באפאלן. דער ארבעטער האָט זיך געעלטערט און האָט קיין דעכט נישט געהאט אויף א פּענסיע ווי דער הער געריכטסדינער פונעם טריבונאַל און ווי דער הער באַאמטער פונעם ראטהויז, מיט וועמענס ווייבער ער פלעגט צומאָל זיך דורכשמועסן צווישן צוויי קאנען וואסער און דאָס ערגסטע פון דעם איז: וואָס די פעסלעך האָבן זיך פארמערט אין שטאָט און האָבן אים א ביסל קאָנקורירט, און ער האָט אָנגעהויבן אַלץ שוואכער ארבעטן, נישט מער קאָנען טראָגן דרייסיק-פערציק קאנען, ווי געבטן, ווי אייערנעכטן.

אין א קליין שטעטל, קענען זיך אלע מענטשן, און משה'ס זאָרג פאַרן מאָרגנדיקן טאָג, א אומברחמנותדיקע, א גרויזאמע, איז נישט געבליבן קיין סוד און איז אין מערערע הייזער געוואָרן א געשפּרעך-שטאָף.

„נעבעך משה! זייט דרייסיק יאָר, אז ער פּראַצעוועט אזוי, טראָגנ-דיק וואסער מיט די קאנען, פאר א שטיקל ברויט! ער קאָן שוין מער נישט! ס'איז אים שוין ביז איבערן קאָפּ... אָבער וואָס פארא אנדערע זאך וואָלט ער געקאָנט טון? ווען ער זאָל האָבן א פעסל...“

און דער דאָזיקער געדאנק: ווען דער אלטער משה וואָ'ט געהאט א פעסל, וואָלט אים בעסער געווען, ער וואָלט לייכטער און מערער פאַ-דינט, האָט אים אויך פארבאפּט און גערירט.

פונקט ווי יענע וואָס האָבן געזוכט זיין טובה, האָט משה חנינא זיין רעטונג געזען אין א פעסל און דער קרוב זעכציקער האַראָפּאשניק האָט אָנגעהויבן חלומען וועגן דעם און עס אין זיין האָפענונג געגלעט און ווי קיינעם נישט אין זיין לעבן געצערטלט. נאָר פון וואנען זאָל צו אים קומען אזא מתנה, א פארמעגן? האָט ער זיך געפרעגט, צווי-מענדיק זיין פאנטאזיע און השגה. אָבער די מענטשן, יענע וואָס פלעגן מיט אים רעדן, פלעגן אלץ דערפון שמועסן, און משה וואָלט סוף-כל-סוף נישט געוואָלט מער הערן פון דעם פעסל, מע זאָל אים נישט מער באַדרויערן, ער זאָל נישט מער חלומען: „ווי גוט וואָלט געווען ווען

דער בידנער משה זאָל האָבן א פעסל! עס וואָלט גאָר אנדערש געווען! א גרינג לעבן! ער איז אן אלטער מענטש! האָסט נאָך כח, משה? עס טוען דיר נישט וויי די אקסל?"

אלע זיינע קונים פלעגן אים אויספארשן, גלייך ווי זיי וואָלטן נישט געהאט קיין אנדערע זאָרגן.

אין יענעם טייל פון שטאָט וווּ ער פלעגט אָפטערס זיין וואסער-מסחר טרייבן, זענען געווען ווינציקע גרויסע שטיבער און עס האָבן געהויזט צוזאמענגעדרענגט א סך אָרעמעלייט. יעדער שטיין האָט דאָ געקענט חנינאן און ס'איז נישט געווען א קינד וואָס זאָל אים נישט באגלייטן מיט די אויגן ווי נאָך א היימיש געשטאלט. זיין קופערנע, פארפלאָנטערטע באָרד, זיינע אויסגעשטארצטע און תמיד טרערנדע אויגן, זיין קלאָר פנים, פלעגן נישט דערשרעקן דאָס קליינוואַרג. עס זענען נאָך געווען וואסערטרעגערס, אָבער זייענדיק יונגעלייט, פלעגן זיי צומאָל פארלאָזן דאָס פאַך און ווערן קוימענקערערס, נעלם ווערן אויף א צייט, גייענדיק דינען אויף די גיטער.

און אָט האָט זיך דער הער קאלמאנאָוויטש, דער באנקיר און פרעזידענט פון דער היגער קהלה, מישב געווען, אז ס'איז כדאי צוגויפנעמען א נדבה צו קויפן א פעסל, א פערד מיט כאָמעטעס פאר משה חנינאן.

די פרוי קאלמאנאָוויטש און דאָס פריילן קאלמאנאָוויטש, א פארזאָרגטע מיט דריי הונדערט טויזנט ליי נדן, זענען געווען ביי דער זעלבער מיינונג.

דאָס געלט איז מיט גרוים שוועריקייט געזאמלט געוואָרן. אין משך פון צוויי חדשים האָט די סומע דערגרייכט קוים ביז הונדערט און אכציק ליי, און אין א שיינעם טאָג האָט מען משהן גערופן צום הער קאלמאנאָוויטש אהיים, וווּ ער איז אויפגענומען געוואָרן אויף דער גאס, אפנים דערפאר ווייל דאָרט, פאר דעם באנקירס ווירטשאפט-געביידעס, האָט זיך געפונען דאָס פעסל, מיט א רויטלעך פערד פארטיק אָנגעכאָמעוועט, ווארטנדיק אויף זייער באלעבאָס.

עס זענען אָנוועזנד געווען א סך פון משהס קונים, וועלכע האָבן אויך בייגעשטייערט צו זיין „אויפקומען".

דער טאָג איז געווען א שיינער, א ליכטיקער און ווארעמער זומער-טאָג, און די פנימער פון די מענטשן, גרייטע אויף פרייד און גערירט צו ווערן, האָבן געוואַרט.

ווען משה האָט פאַרשטאַנען צוליב וואָס מען האָט אים גערופן, האָט ער פאַרקלענערט די טריט אויף צען מעטער פונעם פעסל און פונעם עולם, זײַנע אויגן האָבן זיך אָנגעפּולט מיט טרערן, דער קאָפּ האָט אים אָנגעהויבן זשומען, און ווען ער איז שוין געווען נאָענט, האָבן שורות טרערן גערונען אויף די צעאַקערטע און פון עמאַציע צערודערטע רויטע באַקן. ער האָט געוואָלט קושן דעם הער קאַלמאַנאָוויטשס הענט. ער האָט זיך געוועדט בעל-טובֿהש. דער גליקלעכער האָט געוואָלט רעדן, דאַנקען און ס'איז אים קוים געלונגען אַרויסצושטאַמלען דערשטיקטע עטלעכע אומפאַרשטענדלעכע ווערטער. דאָס געוויין האָט אים געהויבן זײַן האַריקע ברוסט, וואָס האָט זיך דורכגעזוצט פון זײַן צעריסן העמד, און ווי מיטאַמאָל יונגער געוואָרן, שוין נישט וויסנדיק וואָס ער טוט, איז ער אַרויפגעשפּרונגען אויף דער קעלניע, א צי געטון די וואַשקעס, אָפּגעפּאָרן א היפּשן וועג מיטן פעסל און זיך ווידער אומגעקערט, צו דער גרופּע פון זײַנע וויילטעטער.

— לאַנג לעבן זאָלט איר! זאָל אײַך גאָט געבן געזונט! אזא מין... אזא מין!...

און האָט מער נישט געקאָנט אַרויסרעדן, מיט א פּנים ווידער באַנאָסן מיט טרערן פון צופיל פרייד.

— דו זאָלסט אויך לעבן! האָט הער קאַלמאַנאָוויטש אויסגעשריגן און אוועקגעגאַנגען.

דער עולם איז זיך צעגאַנגען. משה איז אויך אוועקגעפאָרן, שטייענדיק אויף די פיס ביים רודער, מיט די לייצעס אין די הענט, גלייך ווי ער וואָלט געטריבן א קייזערלעכן עקיפּאַזש, נאָך א גלענצנדן און וווּנדערבאַרן נצחון.

נאָך דרייסיק יאָר טראָגן וואַסער מיט צוויי קאַנען, עפּעטערס מיט צוויי עמערס, אויף א קאַראָמיסל, איז משה חניגא געוואָרן אַן אַנגראָסיסט פון וואַסער, ער האָט מיטאַמאָל נעפירט דרייסיק עמערס, פינפציק פּאָר דאָניצעס. ווי גוט די וועלט איז זיך מיט אים באַגאַנגען; ווי זי האָט זיך פאַרטראַכט צו זײַנע עלטערע יאָרן, צו זײַנע אויסשעפּנדיקע קוויילענישן!

אצינד האָט ער אָבער באַדאַרפט געפונען רייכערע קונים, פון יענע וועלכע האָבן געהאַט וואָס צו טון מיט אזויפיל וואַסער וויפל ער האָט זיי געקאָנט ברענגען מיטאַמאָל. עס וואָלט זייער גוט געווען ער זאָל

מער נישט פארקויפֿן, ווי ביז נעכטן, אויף דער קאַן. ער דאַרף זיין מסחר פירן אומבאַרינגט מער אין צענטער. ער וועט האָבן צו טון מיט די נגידים פון דער שטאָט.

שוין אין דער ערשטער נאַכט פון יענעם גליקלעכן טאָג, האָט זיך משה אָנגעשלאָגן אין א שווערקייט. ביי די שטיבער פון די אָרעמע מענטשן, ערדענע באַטעס, וווּ ער האָט זיך פאַרקליבן זיינט דרייסיק יאָר, האָט זיך נישט געפונען קיין שום אָבדאַך פאַרן פערד. איז ער געצוווּנגען געווען אים איבערצולאָזן אויפן הויף, צוגעבונדן צום סלופּ פונעם פּלויט. א שטאַרקן ציי דאָס פערד פאַרן שטריק, און די ברעטער וואָלטן צעשיט געוואָרן. די גאַנצע נאַכט האָט זיך דער מענטש נישט אָפּגערוט, פראָווידענדיקט זיך אים, אז עמיצער קומט אים צונגבעגנען די בהמה. מען דאַרף זי אויך באַשיצן: עס קען רעגענען, באַלד קומט אָן דער ווינטער... פונעם געלענער ווו ער איז געלעגן איינגעקאָר-טשעט אויף דער ראָגאָזשינע, איז משה צען מאָל ארויסגעגאַנגען, און געפונען דאָס פערד פאַשען דאָס גראָז פונעם הויף. ער האָט א ביסל נאָכגעלאָזט דעם שטריק, טראַכטנדיק פאַרוונדערט, אז די בהמות הערן נישט אויף אפילו ביינאַכט צו עסן, אומדערזעטלעכע.

ער האָט זיך איבערגעצייגן אין אן אנדערער שטוב, וואָס האָט שוין געהאַט א שטיקל שטאַל. דאָ האָט ער געצאָלט צוועלף ליי א חודש, אנשטאָט פינף וויפל ער האָט ביז דעמלט געצאָלט. די הוצאות זענען נאָפּירלעך, געוואַקסן, נאָר אזוי באַדאַרף צו זיין. ער איז דאָך אַצינד אן אנדערער מענטש, אן איינגעטימער פון א פערד מיט א פעסל.

זוכנדיק קונים האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אין אומאנגענעמלעכקייטן אויף וועלכע ער האָט זיך נישט גערעכנט. ראשית איז ער קאָנקורירט געוואָרן, ווי אן אמתער סוחר מיט א נייער פירמע, מצד די אנדערע וואַסערפירערס.

ביים הער קאַלמאַנאָוויטש, אויף וועלכן ער האָט געהאַפּט, אז ער וועט ווערן זיין קונה, האָט מען אים אָפּגעזאָגט, מע האָט אים געזאָגט אז זיי האָבן זייער וואַסערטרעגער וועלכן זיי פאַרבייטן נישט. ביי הער בערקאָוויטש, א גרויסער צעלניקער, וועלכער האָט אויך עפּעס צוגעלייגט צום קויפן דאָס פעסל, האָט מען אים געזאָגט, אז ער מאָנט צו טייער, פינפציק באַן פאַר א פעסל און, אז ער מעג זיך שעמען, וואָרעם ווען ער זאָל האָבן א ביסל בושה, וואָלט ער געבראַכט עטלעכע

פעסלער אָן נעלט, כדי צו באַדאַנקען די וועלכע האָבן אים פאַר א מענטשן געמאַכט.

דערשלאָגן איבער דער מאָס, איז משה אוועקגעגאַנגען פונעם הער בערקאָוויטשס הויף, ווי א גאַרטן, אַרויסגעוואָרפן, כאָטש ער וואָלט גרייט געווען זיי צו געבן וואַסער אומזיסט, כדי איבערצובעטן זיינע בעלי-טובות.

דאָס נייע פאַר, וואָס ער האָט אזוי געגאַרט און אויסגעחלומט ווי א רעטונג, איז חנינאן נישט געלונגען. דאָס אויסהאַלטן דאָס פערד האָט אים געקאָסט צופיל לגבי דעם פאַרדינסט. צוריק קומענדיק צו זיינע אַלטע קונים, וועלכע ער פלעגט פאַרקויפן אויפן עמער, האָבן זיי אים אָנגעקוקט, אייניקע ווי אן אויפגעקומענעם מיוחס, אַנדערע ווי א בעטלער, אייניקע האָבן אים אויסגעביטן, האָבן גענומען ביי אן אַנדערן וואַסערטרעגער.

ס'איז געגאַנגען צו הארבסט, א גרויסע טרוקעניש האָט אויסגע-ראָטעט דאָס גראָז פון נעבן די שאַנצן פון די געסלער, פון די הייף, פון די פּאַשע-פעלדער פון אַרום דער שטאָט בערלאַד. האָפנונגסלאָז איז משה געלאָפן נעבן דעם אויגפולן פעסל, שרייענדיק מיט אַלע כוחות, אפשר וועט ער פאַרט דאָס וואַסער פאַרקויפן. זיין סחורה האָט זיך שווער פאַרשלייסט, און ער וואָלט באַדאַרפט פאַרקויפן מערער פון צען פעסלער, כדי צו דעקן די שפייז פאַר זיך און פאַרן פערד.

דאָס פערד האָט אָפגעצערט קוקנדיק מיט די אויגן. חנינא האָט עס נישט געגעבן נענוג עסן. די קליאַטשע האָט אָנגעהויבן שפּאַנען ווי מיט אָפגעריסענע פיס פון די קני, זיך צו פּאָטיקען, און איר אַלץ צו דער בלאָטע געבויגענע מאָרדע, איז דאַכט זיך נישט מער געשטאַ-נען הארט פאַרשלאָסן, אזוי זענען אירע ליפּן אַראָפּגעפאַלן איבער די לאַנגע ציין.

אין די אויגן פונעם אַנטמוטיקטן מענטש פלעגן זיך אָנצינדן פלאַמען פון שנאה, ווען די קאָבילע פלעג שטיין אזוי, נישט מיר, נישט דיר, מיט אויסגעשעפּטע כוחות, אין מיטן וועג. דעמלט פלעג דער עולם וואָס איז געשטאַנען פאַר די טויערן, אויפן וועג, אויס-שטאַרצן די אויגן, באַדויערן דאָס פערד, און איז קענטיק בייז געווען אויף דעם באַלעבאָס, אויף משה חנינאן. א חאַרץ פון א רוצח, אָן גאָט אין האַרץ, גלייך ווי ער וואָלט נישט געווען דער ביז דעמלט

באליבטער און געאַטעטער מענטש. די בהמה האָט גלייך ווי געוווסט; זי האָט שווער געדרעכעט, געהוסט, זיך אָנגעבלאָזן די ריפּן אויסגע־לייגטע ווי ביי א פּגירה, און אירע גרויסע טעמפּע אויגן, האָבן גע־קוקט אויפן באַלעבאָס, פולע מיט ווייטיק און מיט פאָרוווּרף — האָט דער עולם געגלייבט.

משה האָט מיט זיך א טרייסל געטון, פאר צאָרן; ער האָט פאר־דרייט, פאריסן דעם קאָפּ אויף די אקסל, נישט ווייסנדיק וואָס ער טוט, ער האָט אראָפּגעכאפּט זיין אלטן קאפּעליטש פונעם קאָפּ און מיט אים א שליידער געטון אין דער ערד; האָט זיך א כאַפּ געטון מיט ביידע הענט פאר די האָר און טרערן זענען געפלאָסן און זיך אויסגעטרוקנט אין זיינע אויגן און אויף זיין אָנגעצינדן פּנים.

ער פלעגט די בהמה נישט שלאָגן, נאָר האסן זי און זיך, זיך נאָר מער. ער פלעגט זיך צומאָל שלאָגן מיט די קוליקעס אין קאָפּ, אויס־רייסן דאָס ביסל האָר, ביז ער איז מיד געוואָרן.

די יעניקע וואָס האָבן אים געזען ווי ער באַשטראָפט זיך אזוי, אוים משוגעת האָבן זיי געטראכט, האָבן אים פאראכטעט און דערנאָך אויסגעמיטן מיט עקל און מיט מורא. די קינדער האָבן אָנגעהויבן פון אים אנטלויפן, אויסגעלערנט פון זייערע עלטערן. אייניקע האָבן גערעכנט, אז ער איז משוגע געוואָרן פאר פרייד וואָס ער איז פון אז וואסער־טרעגער א וואסער־פירער געוואָרן; פאר פארדראָס, וואָס די געשעפטן גייען אים נישט לויט ער האָט געהאָפט, האָבן אנדערע גע־אורטיילט; און, ענדלעך, האָט דאָס רוב נישט געוואָלט פון אים הערן און האָבן געהויבן די אקסל. א מענטש וואָס פארמאָגט אלץ וואָס ער באדארף און האָט זיך געווינטשן, האָבן די דאָזיקע געזאָגט, האָט נאָר איין ברירה; ארבעטן און זיין בראוו; אז ער באנארישט זיך, שיכורט, איז עס זיין עסק!

משהן איז וואָס אמאָל אלץ ערגער געגאנגען. די אלטע קונים, כמעט אלע, האָבן אים פארלאָזט. אנדערע נייע האָט זיך אים נישט איינגעגעבן צו באקומען. ער פלעגט קוים פארקויפן פערציק פעסלעך א טאָג, ווו ס'האָט זיך געלאָזט. דער עולם האָט אים אויס־געדרייט דעם רוקן, ווען ער האָט אים נישט געקענט אויסווייכן. דער הער פּרעזידענט פונעם טריבונאל פלעגט אים מער נישט ענטפערן אויף זיין באגריסונג און דער הער קאלמאנאָוויטש דאָס זעלבע.

דער אלטער, זייענדיק געווינט מיט גוטוויליקייט, מיט א שמייכל און א גוט וואָרט, האָט זיך פארפלאָנטערט אין השערות און געזינקען אין צרות און אין אָרעמקייט. זיין קליאטשע האָט געהאט געציילטע טעג צו לעבן; דאָס האָט דער באַלעבאָס גאנץ קלאָר געזען. זי צו דער־נערן פלעגט ער פארצערן ביזן לעצטן באן, זיך לאָזן הונגעריק, און זי אַלץ נישט געקענט זעטיקן. דאָס פיטערן האָט געקאָסט טייער. דער ווינטער האָט זיך דערנענטערט.

משה האָט געליגן ביי זיין געוועזענער הויזווירטין, ביי וועלכער ער האָט געוווינט דרייסיק יאָר, איינמאָל צוויי ליי, דערנאָך אכט ליי, און די טעג זענען זיך געגאנגען און ער האָט נישט געקאָנט דעם חוב באצאָלן.

זאָל ער פארקויפן דאָס פערד מיטן פעסל, האָט ער ס'רעכט דאָס צו טון? ער האָט זיי דאָך באַקומען אלס מתנה, ער האָט זיך געפרייט און מיט טרערן געדאנקט, ווען ער האָט זיי באַקומען; ער האָט דער־פאר גאָרנישט צוריקגעגעבן און אצינד וואָלטן זיינע טרערן פאלש גע־ווען! אז ער פארקויפט דאָס פערד מיטן פעסל, ווען באדאַרף ער דאָס געלט געבן? זאָל ער עס פארהאַלטן פאר זיך? מיט וואָס פאר א רעכט? און וואָס וואָלט געזאָגט די וועלט, וועלכע האָט אים פאר־זאָרגט, האָט אים געוואָלט א טובה טון? אז ער איז, אוודאי, א לא־יוצלח; אז ער איז א גנב, א שווינדלער!

א גאַנץ לעבן איז ער געווען געאַכטעט אלס א ווירדיקער און אָרנטלעכער מענטש! ניין, בעסער דער טויט, איידער די באַטריגעריי און דער עקל פון דער וועלט. דער טויט קומט אָבער נישט ווען מען רופט אים, ווען מע בעט אים. און ווען ער זאָל אפילו שטאַרבן, וואָס וואָלט דעמלט די וועלט געזאָגט? „גוט וואָס ס'איז געשטאָרבן א לא־יוצלח, א זינדיקער! ער איז נישט אומשטאַנד געווען צו אָפּבאַזען א פערד!...“

משה חנינא דאַרף זיך אליין נעמען דאָס לעבן, ער זאָל טון וואָס ס'איז נאָך נישט געטון געוואָרן, און אויף אזא אופן, אז די וועלט זאָל קלאָר פארשטיין, אז צוליבן פערד און פעסל האָט ער זיך אליין דאָס לעבן גענומען.

יאָ, צו אזא סוף דאַרף משה טראַכטן באַטאָג און באַנאַכט, און וואָס גיכער, אז דאָס פערד זאָל ביי אים נישט אויסכאַפּן.

משה האָט זיך א סך געפלאָנט ביז ער זאָל אויסגעפונען אן אויפ־קלערערישן טויט, לויט זיין מיינונג, און ער האָט אים געפונען. ער דאַרף זיך אויפהענגען אויפן שפיץ פון די האָלאָבלעס פון זיין פעסל וועקגעשטעלט ביים ראנד פונעם שאַנץ, וואָס האָט אָפּגעטיילט זיין הויף פונעם שכנס. דאָס פערד האָט ער אַראַנזשירט מיטן בויך איבערן פעסל, אונטערשפּאַרנדיק עס אזוי, צופּרעסנדיק עס מיט דער שווע־ריקייט פון זיין קערפּער, אז דאָס פעסל זאָל זיך נישט אויפהייבן, ווען משה וועט זיך אויפהענגען אויפן עק פון איין האָלאָבלע. דאָס פערד האָט ער גוט צוגעבונדן צום דנאָ פונעם פעסל, אז ס'זאָל נישט אנטלויפן.

און ס'איז געקומען עולם אויף עולם, פון בערלאַד, אים זען, און ס'איז קיין צווייפל נישט געבליבן, אז משה חנינא האָט זיך געהאָנגען פאַר דחקות און גרויס עגמת־נפש.

וו. דעמעטריוס

# אין דער קליינער זייגערמאכעריי

כדי אריינצוקומען אין דער זייגערמאכעריי פון הערשקו בלום, האָט מען געמוזט דורכגיין דורך איציקס משיינע. דער משיינע־אייגנטימער האָט הערשקון פאַרדינגען א פענצטער צום דרויסן־צו. א וואַנט, אייגנטלעך א שפּאַניש ווענטל, פון נישט־געפּאַרבטע און קוים געהובלעוועטע ברעטער מיט א טיר אויפגעהאָנגען אויף צוויי שטיקלעך לעדער, וואָס האָט אָפּגעטיילט די צוויי, אַזוי פאַרשידענע געשעפטן.

אין די אָרעמע יידישע קוואַרטאַלן איז, אייגנטלעך, דאָס שותפות פון צוויי און דריי מענטשן אין דעם זעלבן געוועלב, יעדער מיט זיין מסחר אָדער מלאָכה, געווען אן אָפּטע זאַך. אין א רעסטאָראַנט, למשל, זענען פאַראַן צוויי־דריי נישט־צונויפגעשמעלצטע קאַפּיטאַלן, דריי לאָרנטישן, דריי פאַרשווינגען: אויף אייגעמם חשבון זענען די זופּן און די מאכלים מיט סאָס, אויפן צווייטנס די בראָטנס, און דער דריטער האַלט א קרעטשמע מיט בראָנפן און וויין. אויב איינער פון די דריי האָט מזל, גייט זיי אַלעמען גוט. די נויט האָט זיי מזכה געווען מיט אַבערגלויבענישן און געעצהט זיך צו פאַראייניקן.

הערשקו בלום, איז געווען א שוואַך מענטשעלע, געעלטערט פאַר דער צייט. זיין פאַרוועלקט און גאַנץ צעקנייטשט פּנים, האָט עדות געזאָגט וועגן א כסדרדיקער איפּרעגונג, אן אומפּרוכטבאַרע און טרויעריקע באַמיונג אין יעדער רגע. די אויגן האָבן אים נישט גוט געדינט און ער האָט זיך אַלץ געגייטיקט אין זיי. די הענט האָבן אים

געציטערט אויף די קליינע ווערקציינג, און נאָר מיט זיי פלעגט ער ארבעטן די גאנצע צייט. בלום האָט זיך א גאנצן טאָג געקרומט, טראָגנדיק אויף איין אויג די לופּע, ווי א ריזיקן מאָנאָקל, און האָט זיך שרעקלעך די אויגן ארויסגענומען איבער זיין זייגערמאכעריי־טישל.

דאָס איינציקע פענצטער פון בלומס קלייטל איז געווען אראנזשירט צו מזרח־צו. אין די זומער־פרימאָרגנס, פלעגט דאָס אומגעהאמעוועטע און רייכע ליכט פארפלייצן דאָס דריבנע ווערקציינג, די מעטאלענע דעקלעך, די רעדעלעך און די שעמערירנדע פלעשלעך.

די שטראלן האָבן געשלאָגן אין דעם יירנס ווייסלאָזע אויגן, האָבן זיין שטערן געבראָטן; די קארגע רויטע האָר אויף זיין פליי־כעוואטן קאָפּ האָבן געברענט, ווי פלעמלעך; דאָס ווירבלדיקע און גלייכגילטיקע ליכט האָט ארויסגערופן פונקען און שפּילעוודיקע שטראלן פון די אלע זאכן פון אויפן טיש פון דעם עקשנותדיקן ארבעטער.

האָט הערשקו געקאָנט איבערלאָזן דאָס קלייטל און אוועקגיין ווו דאָס ליכט האָט אים נעלאָקט און ארויסגעיאָגט אין דער זעלבער צייט? דעם נויטבאדארפטיקן מענטש איז נישט אין זינען געלעגן צו שפּא־צירן. פון קליינערהייט אָן האָט ער געהאָרעוועט כדי צו לעבן — דעם אמת געזאָגט, נאָר צוליב דעם! — און איז נישט אומשטאנד געווען משיג צו זיין אפילו דאָס גליסטן אויף אָפּרו. ער פלעגט נישט ארויס־קוקן אויף דער גאס סיידן ווען ער איז בייז געווען צוליבן רעש וואָס האָט אים געשטערט די רו.

נאָך מיטאָג, האָט זיך די הייסע זומער־זון איבערגעטראָגן אויפן אנדערן טראָטואר. בלומענען איז אָבער דערפון גאָרנישט ארויס־געקומען. אלע דורכגייער האָבן געמוזט גיין אויף דער שאָטנדיקער זייט. און צופיל עולם האָט געזשומעט אויף קאלעא וואקארעשט! די טישן פון דער טשיינע האָבן זיך געצויגן ביז צו זיין פענצטער, פאר וועלכן גרופּעס־ווייז האָבן זיך אויסגעשטעלט רעדן, מאכנדיק מיט די הענט, שרייענדיק און אויפרעגנדיק זיך גאנצע שעהן. זענען אייניקע אוועקגעגאנגען, זענען געקומען אנדערע! און הערשקו בלומס אויגן און נערוון האָבן זיך שטארק גענויטיקט אין ליכט און גענצ־ליכער רו.

א פעטער, מיט א קרעפטיקן ביוסט און מיט קורצע פיס, וואָס האָבן אים געמאכט קליין און בייכיק, פלעגט איציק, פאוואָליע און שיטער דרייען דעם קאָפּ פון איין אקסל אויפן צווייטן, פון צוועלף אזייגער בייטאָג, ביז דריי־פיר אינדערפרי, ווען ער פלעגט ענדלעך פארמאכן די קליים. ער פלעגט זיצן ביים בופעט, אָדער שלעפן די פּאָפּעצעס פון איין טיש צום צווייטן, דאָס איז געווען זיין טועכץ.

א לאנגע צייט איז צווישן בלומען און איציקן נישט געווען קיין שום פריינדשאפט. דער זייגערמאכער איז געווען אָרעם, האָט מיט גרויסע צרות פארדינט דאָס ברויט פאר זיך, פארן ווייב און פאר אדאָלפן, א יינגל פון זיבעצן יאָר.

— פאר מיין בחור־ווענן פלאג איך מיך! פלעג בלום מיט שטאָלצ־קייט זאָגן זיינע קונים. מיין אדאָלף איז שטארק געלערנט אין פאר־גלייך מיט זיין עלטער. כ׳לעבן, כ׳האָב אפילו מורא. בארעכנט נאָר: ער קען דייטש, ער קען פראנצויזיש, רומעניש, ער שרייבט און רעדט די אלע שפראכן ווי זיין אייגן לשון!

דער שם ווען אדאָלפס אינטעליגענטישקייט איז אין א טאָג אָנ־געקומען אין די אויערן פונעם טשיינע־אייגנטימער. איציק איז עטלעכע מאָל אריינגעקומען אין דער ברעטער־מחיצה פון דער זייגערמאכעריי און, מאכנדיק דעם אָנשטעל, אז ער קוקט צו דעם ווערקצייג פון נעבן פענצטער, האָט ער געצילט מיט די אויערן. אדאָלף, אן איינגעהוי־קערטער מיט נאָך א יינגל, א ליציי-שילער, אין הינטערגרונט פו־נעם שמאָלן חדר, האָט איבערגעגעבן לעקציעס פון פראנצויזישער שפראך.

דער טשיינע־אייגנטימער האָט נישט געהאט קיין קינדער. ער האָט אָבער געהאט א ברודער אין הויז, וואָס פלעגט טראָגן וואסער מיט קאנען אין די דאָרטיקע שטיבער. א סך מאָל פלעגט ער צו אים טראכטן, אי מיט ליבשאפט אי מיט עקל, ווי צו א ברודער א לא־יצלח, וואָס איז נישט אומשטאַנד געווען זיך ארויפצוארבעטן צווישן די סוחרים. און דער דאָזיקער ברודער האָט געהאט א זון, א בחור פון צוואנציק יאָר, אן עם־הארץ.

איציק האָט געטראכט א טאָג, געטראכט צוויי טעג, און האָט אפילו דעם ווייב זיין מיינונג געזאָגט, און אין צוויי וואָכן ארום איז זיין פּלימעניק שוין געווען אין בוקארעשט, כדי צו לערנען. זיין פּראָפעסאָר האָט, זעלבסט פארשטענדלעך, געזאָלט זיין אדאָלף. דער פלימעניק האָט

נישט געהאט ווען צו לערנען פרעמד־ע שפּראַכן און הויכע, גוצלעכע וויסנשאַפטן, אָבער לייענען, שרייבן און רעכענען, האָט ער אומבא־דינגט באַדאַרפט אויסלערנען ביים זייגערמאַכערס זון.

הערשקו בלום איז געשטאַנען אַן אויסגעשטרעקטער פאַר שטאָלץ און די אויגן האָבן אים געגלאַנצט ווי צוויי איידעלשטיינער, בעת דער טשיינעוווירט, דער אייגנטימער פון זיין קלייטל, האָט זיך געדינגען מיט זיין זון און פעסטגעשטעלט וואָס זיין פּלימעניק באַדאַרף לערנען ביי אַדאָלפן.

דער פּלימעניק איז געווען אַ הויכער און בעל־גופיקער יאַט מיט פּירעקיקע אָרעמס, מיט אַ ברוסט ווי אַ טיש. אָפטמאָל פלעגט ער זיך אויך צוכאַפּן צו זיין טאַטנס מלאָכה, טראָגן וואַסער מיט די קאַנען, מיט אַ קליין קאַפּעליטשל אויפן שפּיץ קאָפּ, באָרוועס. אַ שטאַלקנעכט, אַ בייגלטרעגער, פלעגט ער קוים אַהיים ברענגען די עפּלעכע גראָשנס. אַז די עלטערן האָבן באַקומען דעם בריוו פונעם בוקאַרעשטער קרוב — אַן אנשטענדיקער שכן האָט זיי דעם בריוו געלייענט — האָבן זיי געוויינט און, שטראַלנדיק פון פרייד, האָבן זיי נישט פאַרצייגערט, נאָר האָבן זייער בחור אוועקגעשיקט צו די בוקאַרעשטער נגידים, כדי צו לערנען, איידער ער דערפּולט איינאונ־צוואַנציק יאָר, ווען ער וועט זיך באַדאַרפן שטעלן צום מיליטער.

אין הינטערגרונט פונעם זייגערמאַכערס קלייטל, האָט זיך דער פּלימעניק שרעקלעך געפּלאָגט צו האַלטן זיינע גראָבע פינגער אויף די דינע שטיינערנע גריפלס. און אויך אַזוי שווער האָט זיך אים אויס־געוויזן צו דערקענען: אַז דער בויך פונעם געדרוקטן בוכשטאַב d, קומט אויף דער לינקער זייט בעת דער פונעם בוכשטאַב b קומט אויף רעכטס, און אַז די p, כאָטש זי סאַמעוועט אַקוראַט אַזוי מיט b אַי מיט d, קומט אויס מיטן עק אַראָפּ. גרויסע געדרוקטע בוכשטאַבן, גרויסע געשריבענע בוכשטאַבן, קליינע געדרוקטע בוכשטאַבן, קליינע גע־שריבענע בוכשטאַבן, אַזויפיל און אַזויפיל דריבנע צייכנס ווי פּיסלעך פון אינסעקטן, אַלעעגלעכע צווישן זיך, האָבן דעם געוועזענעם שטאַלדינגער אויסגעוויזן אַלס אומעגלעכער צו דערקענען, כדי זיי אויפצושרייבן און זייערע נעמען צו געדענקען אָן קיין גרייז.

ס׳איז געווען ווינטער. אין דער זייגערמאַכעריי פלעגט מען נישט הייצן און פאַר אַן אויוון איז אפילו קיין פּלאַץ נישט געווען. אין דער זייט פון דער טשיינע איז אַ גאַנצן טאָג געווען קאַלט. דער זייגערמאַכער

פלעגט ארבעטן לויט אן אלטער געוווינהייט, דערוואַרעמענדיק זיך די הענט, פון צייט צו צייט, מיטן הויך פון זיין מויל. אדאָלף האָט גע־לימן פון קעלט, אפילו מער פון זיין שילער, וועלכער איז געוווינט געווען לאנג אויסצושטיין אפילו די שמיץ פונעם צפון־ווינט. קיין גענוג ליבט איז אויך נישט געווען ביים טישל פון די צוויי. דער זייגערמאכער איז געשטאנען ווי א וואנט פארן פענצטער, כדי צו קענען באנוצן זיין קליין ווערקצייג צום פארעכטן די זייגערס.

אין איציקס צימער איז געווען טונקל ווי אין א קעלער, און צו דעם האָט דער טשיינע־איינגטימער נישט געטראכט, מחמת ער האָט געפילט, אז זיין ווייב, וועלכע האָט אויך געהאט אָרעמע קרובים מזכה צו זיין און האָט גאָרנישט געטאָן פאר זייערטוועגן, האָט דעם פלי־מעניק נישט געקאנט ליידן. אין קאפעהויז זענען די טישן אוועקגע־שטעלט געוואָרן וועגן מסחר; אין קאפע־הויז איז געווען א רעש און ס׳איז גלייבער געווען, אז ס׳זאָל נישט וויסן יעדער איינער, וואָס פאר א מין פלימעניק איציק, דער טשיינעווירט, פארמאָגט.

דער שילער האָט זיך ביטער געפלאגט צו לערנען. דער פראָפעסאָר וואָס האָט געקאָנט אזויפיל זאכן, האָט דערוועקט אין דעם בחורס געדאנקען א גרויסן דרך־ארץ. דער שילער האָט זיך אויסגעהיט אים אָנצורירן מיטן שיך, איינגעהויקערטע ווי זיי זענען ביידע געזעסן אין הינטערגרונט פונעם קלייטל, מיט די פיס אונטערן טיש — און ער וואָלט נישט געררייכערט אפילו פאר א רענדל! ווען דער יאָט האָט זיך געפילט באלעבאָס איבער נאָך עטלעכע בוכשטאבן, אָדער אויף נאָך א סעקונדע איבער זייער צוגויפפאָרן (מחמת זיין שכל פלעגט אלץ נאָכ־אמאָל טיילן) און די לעקציע האָט זיך געענדיקט, וואָלט דער קרעפּ־טיקער בחור געוואָלט קושן די צארטע און געלע האנט, וועלכע האָט אויפן פּאָפיר אזוי שיין אָנגעשריבן די שווערע אותיות.

איציק פלעגט אָפטער קומען צו די לעקציעס. ער האָט זיך אלץ באוויגן, אזוי שווער ווי ער איז געווען, א באוויז פון גרויס אומרו, צווישן ביידע טישן, דעם זייגערמאכערס און אדאָלפס. ס׳איז אים גע־ווען ענג ווי אין א שטייג אוז, ענדלעך, האָט ער א פרעג גע־טון:

— וויאזוי גייט עס, הער אדאָלף?

— ער וועט אויסלערנען!

טראַץ דער קעלט, האָבן ריקעס שווייס זיך געגאָסן אויפן שטערן פונעם געוועזענעם שטאלדינער. די עקלער פון די בוכשטאבן האָבן אויסגעוויזן פאר אים אומענגלעך צו דערקענען, טאקע אַלע!

אין א טאָג זענען אָנוועזנד געווען אַלע פיר, די וועלכע זענען אינ־טערעסירט געווען, אז דער פּלימעניק זאָל לערנען. די לעקציע האָט זיך געענדיקט, איציק האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיטן רוקן אָן דער שלאָבע־ריקער ברעטער־טיר. דער פּלימעניק, נישט האָבנדיק וואָס צו טון אין יענער רגע, איז צוגעגאנגען צום קאלענדאר פון דער וואנט, האָט אים פארוואונדערט באטראכט, נישט־פארשטייענדיק, וואָס פאר א נוצן עס קאָן ברענגען יענץ בינטל פּאַפּירלעך. ער האָט דערנענטערט די אויגן און, זעענדיק אותיות, האָט ער געלייענט הויך, ווי סיי וועלכער שילער פון ערשטן קלאס פון דער פאָלקסשול:

„J-o-i, Joi!„ [1] האָט ער אויסגעשריגן מיט אַלע כחות, זיין פּנים איז זיך פארלאָפן מיט בלוט, פאר מורא, פאר בושה און פאר גליק.

ער האָט דעם קאָפּ געדרייט אויף אַלע זייטן, זיגעריש. דער טשיי־נעווירט האָט געלאכט, מיט א געטרייסט הארץ, א גערירטער, א גליק־לעכער.

— לאנג לעבן זאָלט איר, הער אדאָלף! האָט ער אויסגערופן, און נישט קאָנענדיק זיך באהערשן: האָט ער מיט א ציטערנדיקער האנט אָנגעבויגן דעם פּראָפעסאָרס קאָפּ און אים א קוש געגעבן אין שטערן.

— ער וועט לערנען! ער וועט גוט לערנען! האָט אדאָלף גע־שטאמלט, א פארוואונדערטער, א גערירטער, קעמפנדיק א פארשעמטער מיט זיין גערירטקייט, בעת זיין פּאָטער האָט זיך מיטן ארבל די אויגן געווישט.

[1] ד־אַ־נ־ע־ר־ש־ט־י־ק, דאַנערשטיק!

# דער פּורים-קאָסטיום

פיר חדשים דורכאַנאַנד האָט משה קיין שטעלע נישט געקאָנט קריגן. זיינע עלטערן, וועלכע האָבן אַלץ געוואָרט, האָבן אָנגעהויבן פאַרלירן דאָס געדולד, יעדער אויף זיין שטייגער: דער פאָטער האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט, די מוטער האָט דאָס מויל נישט פאַרמאַכט. איבער א קליינִיקייט פלעגט אין שטוב אויסברעכן א מחלוקת וואָס פלעגט אָפּהילכן אין געסל. די מאַמע האָט דאַכט זיך וועגן עפּעס אַנדערש נישט געטראַכט, ווי נאָר וועגן זיין תכלית. תמיד האָט זי געפונען וואָס צו זאָגן. און דאָס וואָס זי האָט איינמאָל אַרויסגערעדט האָט אין איר מוח געפונען נייע כוחות, נייע מאָטיוון, נייע סבות אַנשטאָט ס׳זאָל שוין אַמאָל א סוף נעמען.

לייבל, משהס פאָטער, קוים א פּערציקער, נישט קענענדיק איבערטראָגן דעם רעש, פלעגט קנייטשן דעם שטערן, זיך צומאָל א הייב טון און באַפּעלעריש אָנהויבן צו א-י-שן און דער טומל פלעגט אַלץ קלענער ווערן ביז מורמלען. אין א ביינאַכט האָט ער — וואָס פלעגט שלאָפן קאָפּ צו קאָפּ מיט משהן און זיך מיט אים דורכרעדן — שטילערהייט איבערגעלייגט דאָס קישן אויפן אַנדערן עק פונעם בעט. ער האָט מער נישט געוואָלט זיין, פון דאַנות פרנסה, ווייס-געוואָרענעם קאָפּ, דערנענטערן צום קאָפּ פון א לייכטזיניקן און לײדיקגייער. דער פאָטער איז זיכער געווען, אַז זיין זון איז מער ניחא געווען צו עסן

ברויט פון זיינע עלטערן און זיך ווארעמען ביי זייער אויוון, איידער צו ארבעטן אויפן באפעל פון א באלעבאָס.

און, אז משה האָט באמערקט, אז דער פּאָטער איז אויף אים ברוגז, אז ער פאראכטעט אים, איז דער קנאָפּ פונעם האלדז ביי אים געוואָרן ווי א פלוים די גרייס. כאָטש ס'איז געווען צען א זייגער ביינאכט, האָט דער בחור בלינדערהייט אראָפּגעשלעפּט זיין מאנטל פונעם בעט אין וועלכן ס'זענען געשלאָפן: שמואל, ברוך, נעמי און ראָזע, און אין וועלכן די מוטער האָט זיך אָקערשט געגרייט אריינ־צוליינן. נעמי אין אויפגעדעקטע, האָט זיך זאזדרעכעט, נאָר משה האָט מער נישט געזען וואָס ער טוט; ער האָט שיר נישט אָפּגעטרעטן ליפּען, די קאַץ, און איז ארויסגעגאנגען, כליפּענדיק מיט א שליקערצ־דיק געוויין.

פארשטייט זיך, אז נאָך א צוויי־שעהדיקן ארומלויפן, איינער אליין, איבער די מעיינעס, האָט זיך דער אכצן־יעריקער בחור צוריק אריינ־געגנבעט צו די עלטערן אין שטוב אריין א בארויקטער.

אינדערפרי, נישט מער ווארעמדיק אויפן טיי, אויסמיידנדיק דעם נאסטפריינטלעכן אויוון און דאָס ווייסע ברויט פונעם טיש, וואָס איז פון אנדערע, פונעם קלינוואָרג באפאלן געוואָרן, איז משה אוועק אין שטאָט. ער האָט געטראכט, אז די זון וועט אין יענעם טאָג נישט אונטערגיין איבערלאָזנדיק אים א האָפענונגסלאָזן, און נאָכפרעגנדיק זיך פון קלייט צו קלייט וועט ער פּאָרט קריגן א שטעלע! וועגן הונגער האָט ער נישט געטראכט. אָבער ארום עלף א זייגער, איז ער ניכער געגנויט געווען צו זוכן ווי צו לייען עטלעכע גראָשנס, איידער ארומצולויפן זוכן א שטעלע.

נאָך פינף טעג אומאונטערבראָכן ארומלויפן, האָט ער ענדלעך געפו־נען דאָס וואָס ער האָט אזוי לאנג געזוכט.

אמת, אין דער צייט האָבן די עלטערן אים צורו געלאָזט. מלכה, זיין מאמע, פלעגט אים, ווי פריער, גיבן עסן נישט ארויסלאָזנדיק א וואָרט אפילו, ווי אין ענגלישן גאסטהויז.

משה האָט א שטעלע באקומען ביי א קאָמיסיאָנער. ער האָט געקרוגן זעכציק ליי א חודש; ער האָט אָבער נישט געהאט נישט קיין שיך, נישט קיין וועש: פונעם קראגן ביז צו די זאָקן. ער האָט דאָס אלץ געמוזט שוין איינקויפן פאר בושה פארן באלעבאָס, אנדערש וואָלט ער נאָך צוגעווארט צוויי חדשים, ס'הייסט ביז פּורים.

מיט א קראגן, מיט נייע שיך, האָט זיך משהן אויסגעוויזן, אז אויך פאר זיינע עלטערן איז אָנגענעמער.

— ביסט גאָר אן אנדערער מענטש, משה! האָט אים מלכה באַוואונדערט.

— אוודאי איז ער אן אַנדערער מענטש; אז ער ארבעט, פארדינט ער! האָט זיך לייבל אָנגערופן.

— מיט וויפל פרייד איך טראכט וועגן פורים! האָט משה געזאָגט. כ'ל מיר מאכן א פורים־קאָסטיום! א בילינקן! אָבער א שיינעם! נישט קיין טייערן, ווייל ס'איז אן עבירה צוליב צוויי טעג! כ'וויל מאכן אזעלעכס וואָס איז נאָך נישט געזען געוואָרן! ס'איז מיר איינגעפאלן א געדאנק!...

— אז ס'קאָסט נישט טייער, איז גוט. מיר דארפן זיך ארויסציען פון דעם צימער, ס'איז צו נאס... ס'וואסער רינט פון די ווענט, עס טריפט אויף די קינדער אין בעט!... האָט זיך די מוטער באקלאָגט.

מלכה האָט זיך נישט אקעגנגעשטעלט. משה האָט דאָס פולע רעכט איינמאָל אין יאָר, אויף א יידישן יום־טוב, זיך צו פארוויילן ווי ס'קער צו זיין.

ווי אזוי דער מיט אזויפיל פארגעניגן אויסגעטראכטער קאָסטיום האָט באדארפט אויסצוזען, האָט ער בשום אופן נישט געוואָלט אויסזאָגן. ס'איז געווען א סוד, און די עלטערן האָבן אויף אים כבוד געלייגט, שמייכלענדיקע מיט שווערמוטיקע הערצער.

ס'פלעגט זיי נאָך א ביסל ארן, דער מנהג ביי אים, זייט א שטיקל צייט, צו בלייבן זיצן אליין ביים טיש, נאָכדעם ווי אלע האָבן זיך געלייגט שלאָפן. ביזן איינשלאָפן, פלעגט אים מלכה צוויי דריי מאָל איבערפרעגן:

— פארוואָס לייגסטו דיך נישט? וואָס ציילט ער דאָרטן?

ערשט נאָכדעם ווי אלע זענען איינגעשלאָפן, האָט משה גענומען ציילן. דאָס וואָס ער האָט מיט געדולד און פליים געציילט, איז זיכער נישט געווען קיין געלט, ווייל ס'האָט נישט געקלינגען און ס'האָט זיך עפעס געלאָזט צונויפנעמען אין א צו קליינעם קנויל.

א חודש פאר פורים, דער איינציקער פריילעכער יום־טוב ביי יידן, איז משה אהיים געקומען, ברענגענדיק, צווישן די פארפרוירענע פינגער, פאַרזיכטיק און פריילעך, — א לאַנגן פאפירענעם, האלב רויטן, האלב געלן כאלאט.

דאָס לייבטע מלבוש האָט געפלאַטערט אונטערן הויך פון זיבן מיילער: עלטערן און קינדער. משה האָט עס אוועקגעלייגט אויפן בעט כדי עס פון דאָרט־צום שלאָפן גייען — לייגן אויפן טיש.

קיינער האָט עס נישט געטאָרט אָנרירן.

— ס'איז זייער שיין! זייער שיין! האָבן די עלטערן געפּסקנט.

די קינדער האָבן זיך מער נישט געקאָנט אָפּטיילן און פלעסקענדיק מיט די הענט האָבן זיי אַרום דעם געטאַנצט און געלאַכט.

— עס בלייבט נישט אַזוי! מאָרגן אינדערפרי וועט איר שוין מעגן אָנקוקן! האָט זיך משה באַרימט. מיין באַלעבאָס איז אוועקגעפאָרן און קומט ערשט איבערמאָרגן. מאָרגן האָב איך נישט עפּעס אַנדערש צו טון, ווי נאָר זיך אָפּצוגעבן מיטן קאָסטיום. כ'האָב אַן איינפאַל!

דעם צווייטן אויפדערנאַכט איז דער כאַלאַט באמת נישט געווען צום דערקענען. אַן אויסשטעלונג פון פּאָסטמאַרקעס. משה האָט מיט געדולד אָנגעקלעבט אַ מאַרקע נעבן אַ מאַרקע, אויפן גאַנצן קאָסטיום. אַלע קיסרים און אַלע נאַציאָנאַלע עמבלעמען פון אייראָפּע, און אפשר אויך פון אַנדערע קאָנטינענטן, האָבן זיך פרייוויליק אָנגעשלאָסן אויפן פּאַפּיר פון משהס פאַרטראַכטן קאָסטיום. מיט גרויס פאַרזיכטיקייט האָט איצט דאָס יינגל — נאָכדעם ווי דיברידער און שוועסטער האָבן אים צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן מער נישט וועלן זען — אַרונטערגערוקט דאָס יום־טובדיקע בגד אונטערן ברייטסטן בעט, אונטער דער מוטערס.

דעם דאָזיקן געדאַנק פאַרווירקלעכט, — האָט שוין משה קיין שום זאָרג נישט געהאַט; ער פלעגט זיך שוין לייגן שלאָפן גלייך מיט די עלטערן. יעדן טאָג פלעגט מען, געוויינטלעך, רעדן פונעם פּורים־קאָסטיום. און דעם בחורס פרייד האָט באַדאַרפט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גרויס גליק אין דעם טאָג ווען ער וועט זיך אָנטון, ווי אין אַ קיניגליכן מאַנטל, מיט דעם לאַנגן בגד פון אַן אמתן פילאַטעליסט — לכבוד פּורים!

משה האָט פאַרפולט דריי חדשים דינסט און האָט צום דריטן מאָל באַקומען לוין. עלטערן און זון האָבן פאַרגעסן אין זייערע סקריגערייען און איבערבעטענישן, און האָבן זיך פאַרהאַלטן פריי איינער צום אַנדערן. מלכה האָט גאָר פאַרגעסן, אפילו אין טאָג פון פּורים, אין משהס קאָסטיום, וואָס איז געלעגן אונטערן בעט; זי האָט אין איר פאַרגעסן אפשר צוליבן גרויסן רחמנות וואָס ליפּע די קאַץ האָט ביי איר אַרויסגערופן. די קאַץ האָט געטראָגן און זיך אַלץ געזלאָגטערט די קינדער פאַר די פיס, אין ווייטיקן, זוכנדיק אַן אָרט וווּ געלעגן צו ווערן.

אויפדערנאכט, ווען משה איז אהיים געקומען, מלא גדולה, גרייט אנצוטון דאָס פּאַפּירענע בגד, — האָבן זיך געלאָזט הערן עפּעס שוואַכע, דינענקע קרעכצן, ווי פון אן אָפּגעצערט זויג-קינד.

— ליפּע איז געלעגן געוואָרן, האָט מלכה גערוגט. טאקע אין אונדזער צימער. דער רוח זאָל זי נעמען! נעבעך!

די איבערגעשראָקענע קינדער האָבן זיך צוגעהערט צו דעם קוויטשעריי, נישט דערקענענדיק די ענלעכקייט צו זייערע אמאָליקע געשרייען, נישט דערמאָנענדיק זיך. משה האָט געלייגט די האנט אויפן הארץ, געל געוואָרן און גענומען שעפּטשען:

— זי איז געלעגן געוואָרן אויף מיין קאָסטיום!

א געשריי, א גערודער, אומגעוואָרפענע בענקלעך. משה האָט זיך אויף די קניעס געשטעלט און אפּירגעשלעפּט דאָס פּאַפּירענע בגד, אויף וועלכן... פינף בלינדע קעצעלעך האָבן זיך אומזיסט געפּרוווט אויף די לאַפּקעלעך צו שטעלן. ליפּע אין זייער מיט, אין פארלעגנהייט, האָט זיי באלעקט איינס נאָכן אנדערן.

משה, וועלכער האָט זיך פריער אָנגעבייגן פול מיט כעס, גרייט די גאנצע קעצישע משפחה דורכן פענצטער ארויסצוווארפן, האָט איצט אוועקגענומען די הענט וועלכע האָבן זיך געביילט, מיט א געמיש אין דער נשמה און אין מאָגן פון מיטלייד און עקל.

פּורים איז אָבער געקומען און משהס איינפאל, וואָס איז אזוי פיל צייט געצערטלט געוואָרן, האָט געדארפט דערפילט ווערן אין זיין פולער מאָס. דער בחור האָט זיך בארימט אפילו פאר דעם וואָס האָט נישט געוואָלט הערן! ער האָט פאר זיך געזען גאנץ קאלעא דודעשט* פארפלייצט מיט מאסקעס. איז זיין קאָסטיום באמת געשעדיקט געוואָרן? ער האָט די קעצעלעך אראָפּגעשארט און דאָס פארביקע בגד אויפגעהויבן. ווי פליגל פון זומער-פייגעלעך, ווי פארוויאנעטע בלעטלעך, האָבן זיך די מארקעס, איינע נאָך דער אנדערער, אָפּגעקלעבט, א לייכטן און איילנדיקן פלאטער געגעבן און אראָפּגעפאלן. דאָס פייכטיקייט פון די וועגט, וו זיי זענען געלעגן, האָט גלייך ווי אָפּגעלעקט דעם גאנצן קליי פון די מארקעס! משהס שמחה איז פארשטערט געוואָרן!

---

*) קאלעא דודעשט: א יידישער קווארטאל אין בוקארעשט.

**אל. קאזאבאן**

# נפתלי

איך דערמאָן זיך ווי צו אונדז אין שטוב פלעגט אריינקומען א גאָר אלטער ייד, כדי צו פארקויפן אלע מינים קליינקייטן אָדער „גאלאנ־טעריע“, ווי ער פלעגט עס רופן. ער האָט געהייסן נפתלי. גלייך ווי איך זע אים אצינד: א הויכער, מיט א גרויסער באָרד, א לאנגע ווי ביי אן אסירישן קעניג. פון אונטער זיין פארשטאָלצענעם קאפעליטש האָבן זיך ארונטערגעקרייזלט, צוויי שניי־ווייסע פאות, און אזעלכע לאנגע, אז זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיט דער באָרד. כ'האָב אים באטראכט מיט אויגן פון א וואכ־הונט, און ווען איך זאָל נישט געווען מורא האָבן פארן טאטן, ווייס איך נישט, כ'לעבן, וואָס עס וואָלטן זיך אויסגעקלויבן פונעם אלטן נפתלים „צירינג“.

סיי ער האָט יאָ עפעס געהאט צו פארקויפן, סיי נישט, פלעגט דער אלטער זייער אָפט צו אונדז אריינקומען, און מחמת ער האָט תמיד געהאט עפעס צו דערציילן, האָבן מיר זיך צוגעוווינט און אים אפילו באטראכט ווי א פארטרויענס־פערזאָן. נפתלי איז געווען א בארעדעוודיקער, און ווי עס ווייזט אויס, האָט ער א סך איבער־געלעבט און זיך א סך אָנגעהערט. מיין טאטע, וויפל מאָל ער האָט אים געטראָפן אין שטוב, פלעגט ער אים בעטן זיצן; מכבד זיין מיט א גלעזל ראָם מיט קאווע און א סך מאָל זיך מיט אים אריינלאָזן אין א שמועס, פארגעסנדיק אין זיינע עסקים. מיר איז אויך געפעלן נפתלין אויסצוהערן. ער האָט געהאט א געלאסענע שטימע און פלעגט זי בא־

גלייטן מיט געמאָסטענע זשעסטן, ווי אן אמתער פילאָזאָף. דאָך וואָלט איך שטארק צופרידן געווען ווען איך זאָל זיך קאָנען טשעפּען צו זיין באָרד. ווען ער זאָל נישט געהען האָבן יענע לאנגע, ווייסע באָרד און ווען ער זאָל נישט געווען גלעטן זיינע פאות, בין איך זיכער, אז איך וואָלט פאר נפתלין א גרויסן דרך־ארץ געהאט, אפשר נאָך א גרעסערן ווי כ'האָב געהאט פארן העבר פּראָפעסאָר. די מאמע פלעגט אים מכבד זיין, דעם העבר נפתלי. נישט איינמאָל האָט זי אים אריינגערופן אין קיך כדי אים געבן צו געניסן פון אונדזערע מאכלים. מחמת ער איז שטארק אָרעם געווען, פלעגט זיך נפתלי לחלוטין נישט שעמען צו מאָגען: „כ'האָב היינט גאָרנישט געגעסן, כ'לעבן ווי ניין".

זומער־צייט, פלעגט נפתלי א טבע האָבן אריינצוגיין אין הינטער־גרונט פונעם גאָרטן, און זיך שלאָפן־לייגן אין שאָטן פון אן אלטן ניסן־בוים. אין א טאָג האָב איך אים געפונען אין א טיפן שלאָף מיט א שווארץ, אָפן מויל, מיט זיין ווייסער באָרד, אויסגעשפרייט אויף דער ברוסט. א גרינע פליג איז אים אומגעגאנגען אויפן שטערן, דער־נאָך אויף דער נאָז, אויף די אויגן, אויף די קין באקן און אפילו עטלעבע מאָל אריינגעגאנגען אין די נאָזלעכער. נפתלי האָט גאָרנישט נישט געפילט. ער האָט אזוי שטארק געשנאָרכעט, אז די צווייגן פונעם ניסנ־בוים, וואָס האָבן אים באשאָטנט, האָבן אזש געציטערט. שטייענדיק פאר אזא ספּעקטאקל, איז מיר א שלעכטער געדאנק איינגעפאלן. כ'האָב מיד תיכף א לאָז געטון הינטער דער שטוב, וו כ'האָב געוווסט, אז עס געפונט זיך א פעסל מיט סמאָלע. נישט קומערנדיק זיך וואָס איך פארשמיר מיר די הענט, האָב איך גענומען ארויסשלעפן פון דער שווארצער פאסטע א היבש שטיק. מיט קלאָגנדיקע שלייפן, מיט א נאָך נישט אויסגעקלאָרטער חרטה, בין איך צוגעלאָפן צום אָרט וו נפתלי איז געשלאָפן. ווען כ'האָב געפילט, אז די סמאָלע האָט זיך גע־נוג צעטאָפּעט פון דער ווארעמקייט פון מיין האנט, האָב איך מיך איבערגעבויגן איבער דעם איינגעשלאָפענעם אלטיטשקן און, מיט גע־נוג געשיקטקייט, אז כ'זאָל אים נישט זאזדרעכען, האָב איך אים אריינ־געלייגט סמאָלע אין דער באָרד. און אזוי ווי נפתלי האָט נישט באוויזן קיין שום סימן, אז ער פילט וואָס איך טו אים, האָב איך אָנגעהויבן אויסמישן די האָר מיטן פער, פארוואנדלענדיק די באָרד פונעם אסי־רישן קעניג אין אן אמתן וואלץ.

כ׳האָב נישט געהאַט דעם מוט צו וואַרטן, אַז נפתלי זאָל אויפֿשטיין און כ׳האָב זיך אָפּגעטראָגן אין שטאָט. אויפֿדערנאַכט, ווען כ׳האָב מיך אומגעקערט, האָט מיך דער טאַטע אָפּגעוואַרט פֿאַרן טויער.

— „דו האָסט נפתלין אַריינגעלייגט פּעך אין דער באָרד?“

כ׳האָב געוואָלט לייקענען, אָבער דער טאַטע האָט מיך אַזוי שאַרף אָנגעקוקט, אַז כ׳האָב אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ביז יענעם טאָג, האָב איך נישט געוווּסט פֿאַרוואָס טאַטע דער טאַטע האָט צו שלאָגן. ער האָט מיך געשלאָגן מיט חשבון, אין דריי הפסקות. אַ גליק וואָס די מאַמע האָט מיך אָפּגעראַטעוועט. כ׳האָב מיך געלייגט הונגעריק. זיי האָבן מיר אַפֿילו קיין שטיקל ברויט נישט געוואָלט געבן.

דעם אַנדערן טאָג, אַז איך בין געגאַנגען אין שולע און האָב מיך באַקלאָגט וואָס כ׳האָב געהאַט אויסצושטיין צוליב נפתלים באָרד, האָב מיך די קאָלעגן באַרויִקט:

— לאָמיר אים שלאָגן!

אויף אַ דאָנערשטיק נאָכמיטאָג, האָבן מיר פֿעסטגעשטעלט דעם טאָג פֿון נקמה. דער פּלאַן איז שוין געמאַכט געוואָרן. מיר האָבן געוווּסט, אַז נפתלי פֿלעגט יעדן טאָג, דורכגיין דורך אַ זייטיקער זייער ווייניק באַטרעטענער גאַס. מײַנע חברים האָבן זיך אַלע אויסבאַהאַלטן צווישן די בוריאַנעס פֿון אַ ליידיק אָרט. איך האָב מיך אַרויפֿגעדראַפּעט אויף אַ פּלויט, כּדי זיי צו געבן דעם סיגנאַל ווען דער „שונא“ וועט זיך דערנענטערן.

כ׳האָב נישט געוואַרט קיין סך און האָב אים תּיכּף דערזען אָנקומען, איינגעבויגן אונטער דער משא פֿון דער באָטשע אין וועלכער ער האָט געהאַט דאָס קלייטל מיט „גאַלאַנטעריע“. ס׳האָט מיר אָנגעהויבן שטאַרק זעצן דאָס האַרץ און ווען ער האָט זיך דערנענטערט צו אונדזער אָרט, האָב איך מיך מיטאַמאָל אויפֿגעשטעלט כּדי צו געבן דעם סיגנאַל. נאָר כ׳ווייס נישט וויאַזוי ס׳איז געשען, אַז כ׳האָב געמאַכט אַ שלעכטע באַוועגונג און, פֿאַרלירנדיק דאָס גלייכגעוויכט, בין איך אַרונטערגעפֿאַלן פֿונעם פּלויט מיטן קאָפּ אַראָפּ, אויפֿן פֿלאַסטער פֿון דער גאַס. אַ שרעקלעכער זשום האָט מיר געקלינגען אין די אויערן; כ׳האָב געזען ווי דער הימל בויגן פֿאַלט איין און, דערנאָך, האָב איך שוין גאָרנישט געפֿילט.

ערשט נאָענט צו דער היים, האָב איך מיך זאַדרעכעט אויף נפתלים הענט. קודם האָב איך אים נישט דערקענט. ער האָט געהאַט אַן

אָפּגעגאָלטע באָרד און אויף זיין איצטיקן קליינעם פּנים, האָט מען גע־קענט זען די גראַמשן פון א ברימווע וואָס איז געפירט געווען פון א גישט געשיקטער האנט. דער אלטער האָט מיך אָנגעקוקט מיט באַזאָרגטע אויגן און האָט קוים גערעכעט אונטער דער משא פון מיין קערפּער. ווען כ׳האָב מיר חשבון געגעבן, אז ער האָט זיך אָפּגעגאָלט די באָרד כדי פּטור צו ווערן פונעם פּעד וואָס איך האָב אים אָנגעקלעפּט, האָב איך אים געבעטן ער זאָל מיך אראָפּלאָזן, מיטן תירוץ, אז איך פיל מיך שוין בכח צו גיין מיט די פיס.

נפתלי האָט מיך באגלייט ביז אהיים. מיינע עלטערן, דערשראָקענע ווען זיי האָבן מיך געזען, האָבן תיכף געשיקט נאָך א דאָקטער-איך בין אנידערגעפאלן אויפן רוקן, אויף דער ערשטער קאנאפּע. ווען נפתלי האָט זיך אָנגעבויגן אויפצוהייבן זיין באָבשע, האָב איך אים צוגערופן צו מיר:

— שטייט... גייט נישט אוועק, העט נפתלי!...

דער אלטער האָט צוגעריקט א בענקל נעבן מיר און גלייך ווי דאָס גאנצע קאָפּווייטיק איז מיר פארשוואונדן, ווען ער האָט מיין שטערן אָנגערירט, מיט זיין קאלטער און טרוקענער האנט.

**אל. קאזאבאן**

# פאר א ווילטעטיקן צוועק

יענע פאָרשטאָט פון באָטאָשאַן איז געשלאָפן א זאַטשמעלעטע פון דער זון-היץ פון יולי. אין די קליינע און נידעריקע שטיבער, מיט פון בלאָטע באַשפּריצטע ווענט, ווי א מיידל מיט זומער־שפּרענקלער ליגן די פאָרשטעטלער אין שאָטן באַהאַלטן, ווי חיות אין די נאָרעס. כמעט קיינער וואגט נישט אין גאס ארויסצוגיין. ווי נאָר עס שטעקט עמיצער ארויס דעם קאָפּ, פילט ער גלייך ווי מען וואָלט אים מיט א פייערדיקן שטעקן א זעץ געטון, אזוי פאלט, פאליענדיק, דער מבול פון שטראַלן. דאָ און דאָרט, אן איינזאמער בוים, פארן טויער פון א שטוב, זעט אויס פארעלטערט מיט זיינע וויים־געוואָרענע בלעטער פון דעם פאָרעד וואָס פארפּלייצט די גאס. די בלויקייט פונעם הימל ווארפט זיך אין אש־קאָליר און מען זעט נישט קיין שוואלב איבער די דעכער פליען.

אין מיטן דער דרוקנדיקער שטילקייט, לאָזט זיך הערן, פּלוצים, אָפּשאלנד, ווי א פארצווייפלטער געיאָמער, דאָס שרייען פון א פרובטן־הענדלער. ביים אָנהייב־גאס, באווייזט זיך תיכף אָשר דער עפּל־הענדלער, קאָכשלעפנדיק א הילצערן וועגעלע, מיט פיר סקריפּענדיקע רעדער. ער ומט הינקענדיק אויפן מיטן וועג און שפּאנט שווער צווישן די גרויסע און הארטע שטיינער וועלכע שטעלן זיך אים פאַרדריסלעך אין וועג. כמעט האָרבאטע פון אזויפיל פאטיקען, סאָפּעט ער שווער ווי אן אָנגעצינדן פערד. זיין פּנים פארפּלייצט מיט א גרויער באָרד, מער

געשטרייפט מיט שווארצע און ווייסע פּאסן, איז פול מיט שוויים. א שוואר־צער פלאסטער, פארשטאָפּט, געגצלער, זיין לינק אויג, בעת דאָס רעכטע פינטלט כסדר, צווישן די וויעס וואָס זעגען ביז בלוט אויפגעגעסן פון אנטציגדונג. זיין קאָפּ ציטערט כסדר ווי גלייך ער וואָלט צוגעבונדן געווען צום גוף דורך א גומעלאסטישן האלדז. וויפל מאָל ער שרייט אויס זיין סחורה, באפעספיקט ער זיך אויף די פיס, אַיִם מורא ער זאָל נישט אנידערפאלן. זיין גאנץ פארמעגן פונעם וועגעלע מאכט אויס לערד צען קילאָגראם פארפוילטע עפל, אויף וועלכע עס זשומען ארום, מיט אומרו, א מחנה גרויע פליגן. פון א הויף, פון הינטער א טירל, שטעלט אים אָפּ א געשריי, און עס גייט צו צום וועגעלע א מאָגערע און האלב נאקעטע פרוי. זי האלט ביי דער האנט א נישט־אָפּגעוואשן קינד, וואָס וויינט רייבנדיק זיך מיט די קלעקעם די אויגן. נאָך א לאנג דינגעניש, קויפט די פרוי א זשמענע עפל, כדי איינצושטילן דעם קינדס געוויין.

טוענדיק א לייכטן זיפץ, האָט אָשר צוגעשטופּט דאָס וועגעלע צום שאָטן פון א נאָענטן פלויט און האָט זיך אראָפּגעזעצט אין פאָרעד, אויפן שפיציכיקן זוים פונעם טראָטואר. א שטיקל צייט איז ער געבליבן אומבאוועגלעך, מיט א פארקרומט פנים פון אן אינערלעכער ווייטיק. דערנאָך, נישט אָפּווישנדיק דעם שוויים פונעם שטערן, האָט ער פונעם גארטל ארויסגעשלעפּט א לאנגן זאָק, וווּ ער פלעג זיין פארמעגן האלטן, און האָט אין דעם אריינגעלאָזט דאָס געלט וואָס ער האָט גענומען ביי דער פרוי. ער האָט א ביסל א טראכט געגעבן: דערנאָך האָט ער, אין די פאָלעם פונעם רעקל, אויסגעשיט דאָס גאנצע געלט פונעם בייטל. נאָך דעם וואָס ער האָט זיך אומגעקוקט אויף רעכטס און אויף לינקס, ווי א באזאָרגטער, האָט ער גענומען ציילן די ניקלענע גראָשנס מיט דער פאָרזיכטיקייט פון א באנקיר וועלכער וואָלט געציילט גאָר גאָלדענע מטבעות.

א „בראגע“[1]־פארקויפער איז פארביי־געגאנגען. דער אלטער האָט געקוקט, מיט פארברענטע ליפּן פון דאָרשט, צו דער דאָניצע מיט קאלט וואסער, ער האָט אויך א קוק געגעבן צום געלט פון דער פאָלע און נאָך א קורצן חשבון, האָט ער די האנט אויסגעשטרעקט צום בראגע־פארקויפער, פארטיק אים אָפּצושטעלן. און ווי דערמאָנענדיק

[1]) בראגע—רוסיש אוידבראגע; דייטש—הירזעגעטראנק. א בולגאריש קלייען־געטראנק.

זיך עפּעס, האָט ער מיט באַדויערונג אַראָפּגעלאָזט די האַנט אין געבנדיק אַ טרוקענעם שלונג, האָט ער גיך צוגעיפּגענומען דאָס געלט און עס צוריקגעלייגט אין גאַרטל.

נאָך אַ ביסל זיצן, האָט ער זיך אויפגעהויבן נאָך מידער. די רע־דער פוּנעם וועגעלע האָבן ווידער גענומען סקריפּען און דאָס שרייען פוּנעם עפּל־הענדלער האָט ווידער אָנגעהויבן אָפּצוהילכן וויינענדיק און איינטאָניק, לענג־אויס דער גאַס וואָס איז דערטראַנקען אין דער היץ פון דער יולי־זון. אַרומשלעפּנדיק זיך אַזוי איבער דער פאַרשטאָט, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט צו אַ גאַס וואָס איז נענטער צום צענטער. ביי אַ קרייצוועג האָט ער זיך אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט, טראַכטנדיק וווהין ער זאָל זיך ווענדן. ער האָט מורא געהאַט פאַר די סערזשענטן. אומברחמנותדיקע, פלעגן זיי אים נישט דערלויבן צו צירקולירן אויסער דער פאַרשטאָט. ווי ער איז אַזוי געשטאַנען אומאַנטשלאָסן, דערהערט ער עפּעס פרייליכע אויסרופן וועלכע זענען געקומען פון אונטערן שאָטן־בוים פון אַ קרעטשמע, וווּ עס האָבן זיך אָפּגעקילט, טרונקענדיק „שפּריץ"[1] שטאָט־געסט. צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען אַ העך אונטער־קאָמיסאַר. צוליב דער היץ, האָט ער אויפגעקנעפּלט דעם מונדיר און אויסגעטאָן דעם קראַגן פונעם האַלדז. דער ייד האָט אַ באַוועגונג געמאַכט מיט דער דעה זיך צוריק אומצוקערן אין דער פאַרשטאָט פון וואַנען ער איז געקומען, אָבער ווי אונטערגעשטופּט פון אַן אומ־גערעכטן באַשלוס, האָט ער ווייטער אַ שלעפּ געטאָן און איז פאַרביי געפאָרן פאַר דער קרעטשמע. פונקט אין דער רגע, האָט זיך דערהערט אַ שטימע פון אונטערן שאָטנבוים: „אָט איז דאָ אייגער!... דעם לאָז איך אויך נישט אָפּ!..."

דער ייד האָט גענומען שפּאַנען גיכער, באַפאַלן פון אַן אומבאַ־גרינדעטער מורא. ער האָט זיך אָבער נישט קיין סך דערווייטערט און שוין געהערט ווי מען רופט אים: „שטיי אַביסל, ייד אייגער!"

ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אַ ציטערנדיקער זיך אָפּגעש־טעלט. נאָך אים איז תיכף געקומען דער אונטערקאָמיסאַר. ער איז געקומען פאַרקנעפּלענדיק זיך דעם מונדיר. דער אַלטער, וועלכער האָט זיך דערוואַרטעט אויף זידלערייען און אפשר געשלאָגן צו ווערן ווייל

[1]) ווייַן מיט סאָדעוואַסער אַריינגעשפּריצט.

ער האָט געוואגט ארויסצוטרעטן פון דער פאָרשטאָט, איז געבליבן געפלעפט, ווען דער פּאָליציסט האָט אים פריינטלעך געפרעגט:

—וואָס טוסטו אָשר ?... ווי גייען די געשעפטן ?

דער ייד האָט אים אָנגעקוקט מיט חשד מיט זיין רויט אויג, אין וועלכן ס'האָט נאָך געציטערט די שרעק, און גאָרנישט געענטפערט.

דער אונטערקאָמיסאר האָט אים דאן אויסגעשטרעקט א געל שטיקל פאפיר, זאָרגעוודיק צונויפגעלייגט:

— זע... אָשר... א טעאטער-בילעט. גיי אויך אין טעאטער !...

א פארחדושטער, האָט דער אלטער געפרעגט:

— פאר מיינעט וועגן ?... איך ?... וואָס זאָל איך מיט דעם טון ?

— וואָס הייסט, וואָס זאָלסט טון ?... זאָלסט גיין אין טעאטער... ס'איז שטארק שיין... ס'קאָסט דיך נאָר א צוואנציקער! האָט אים דער פּאָליציסט רואיק געענטפערט, ארייגשטופנדיק אים מיט געוואלט דעם בילעט אין דער האנט.

מיט אָפענע דלאָניעס פאר דער ברוסט, האָט זיך דער ייד צו־ריקגעריקט:

— איך זאָל געבן א צוואנציקער ?... וואָס האָב איך דען געטון ?!...

באהערשנדיק זיך, האָט דער פּאָליציסט אים אויפגעקלערט:

— דו האָסט גאָרנישט געטון... ווער זאָגט דען ?... נאָר פאר־שטייסט... כ'האָב אזא באפעל, זיי צו פארטיילן. ס'איז א פאָרשטעלונג פאר א ווילטעטיקן צוועק, פאר בלינדע... דו דארפסט אויך געבן א צוואנציקער... דער פרעפעקט, פארשטייסט שוין...

— איך גיב נישט !... וואָס זאָל איך טון ! האָט זיך דער אלטער געקלאָגט... מיין גאנצע סחורה באטרעפט א צוואנציקער !... דערהרגע מיך בעסער, הער קאָמיסאר ! כ'בין נישט שולדיק !!...

קעגן דעם יידנס פארצווייפלונג, איז דער פּאָליציסט א רגע גע־בליבן אין פארלעגנהייט, אָבער, נאָך א קורצן יישוב, האָט ער גע־שמייכלט:

— לאָז, אָשר !... כ'האָב געשפאסט... דו ביסט אָרעם... זיי נישט באזאָרגט !... כ'בין דיר נאָכגעלאָפן, נאָר כדי דיך צו בעטן זאָלסט מיר אויסבייטן א צוואנציקער... כ'ווייס, אז דו האָסט דריבנע געלט... נו, בייט מיר אויס אָ דעם צוואנציקער !

דער ייד, זעענדיק ווי ער ווייזט אים א צוואנציקער, האָט זיך גע־איילט ארויסצונעמען דעם בייטל און מיט א ציטערדיקער האנט האָט

ער זיך געאײלט אויסצוצײלן אַלע גראָשנס וואָס ער האָט געהאַט. עס זענען געווען פּונקט צוואַנציק לײ.

— ביטע, הער קאָמיסאַר!

דער אונטערקאָמיסאַר, ווײַבאַלד ער האָט זיך געזען מיטן געלט אין דער האַנט, האָט גענומען געשמאַק לאַכן און אַנשטאָט אים צו געבן דעם צוואַנציקער, האָט ער אים אַרײַנגעוואָרפן אין וועגעלע — דעם טעאַטער־בילעט:

— נאַ ייד! גײ אין טעאַטער! וואָרעם איך בין דאָך נישט מחויב צו באַצאָלן פאַר דײַנעט וועגן!...

און אַנטציקט אויף וואָס פאַר אַן אופן ער האָט געוווסט צו "פאַר־שלײַסן" נאָך אַ בילעט פאַר אַ וווילטעטיקן צוועק, איז ער אַרײַנגע־אַנגען אין קרעטשמע, אַ פרײַלעכער, מיטן היטל אויפן נאַקן באַרליקט.

**ג. בראַעסקו**

# הערשקו פּאַריזער

אַז עס קומען אָן די ווייַנאַכטן און די קינדער פּאַרזאַמלען זיך, אין די יום־טוב־פּעריען, אַרום דער הרובע, דערמאָן איך מיך אין אַ בידנעם שניידער, אַן אַרבעטסמענטש, מיט אַ פּאַטריאַרכאַלער באָרד.

הערשקו פּאַריזער האָט געוווינט אין יאַס אויף אַ גאַס וואָס האָט דעמאָלט געהייסן, כ׳ווייס נישט פאַרוואָס, די רוסישע גאַס, הגם ס׳האָט זיך דאָרט נישט געפונען קיין פּיס פון קיין רוס.

גלייך ווי איך זע אים שטייען אויף די פּיס זומער, ווינטער, מיט אַ קאָפּל פון שוואַרצן סאַמעט אויפן קאָפּ, אומגייענדיק מיט אַ שווערער שער, וועלכע בייסט, סקריפּענדיק, פּאַרשידענע שטאָפן, געפירט פונעם מייסטערס האַנט אויף ווירעס וואָס קרייצן זיך געהיימנישפול, געצווייגענע מיט אַ בלוי קריידל, אַ דינס ווי אַ קאָזשע פון זייף.

איך בין געזעסן היפּאָקריטיש, בראַוו נעבן אים, האָב נאָכגעשפּירט ווען ער האָט אוועקגעלייגט די שער, זי אַ כאַפּ געטון און גענומען בראָקן רעשטלעך שטאָף, אַנפּילנדיק די שטוב מיט מיסט, מיט דעם יירנס געשרייען, וועלכער, אין ווערסטל און אין פּאָפּעצים, הויבנדיק די אָרעמס און די ברעמען פלעגט מיך אָנשעלטן ווען עס פלעגט טרעפן איך זאָל צעשניידן אַ גאַרטעלע, אויסלאָזנדיק אויף מיר, זיין גאַנצן צאָרן. שרה, אין טרויער־קליידער, איינגעהילט מיט אַ טיכל פון שוואַרצן זייד, פלעגט אים גוטמוטיק באַרויקן, אויף אַ שפּראַך וואָס האָט מיר אויסגעוויזן האָניק־זיס. פאַרגעסנדיק אין די טעפּלעך וואָס האָבן שטיל

געזאָטן, אויפן פריפעטשיק, איז זי אויף מיר אָנגעפאלן און מיר אָנגעקלאפט מיטן הילצערנעם לעפל, ווייל כ׳האָט נישט געהאט קיין זיצפלייש. אייפעריק צו פאריכטן א שאָדן האָב איך אן אנדערן געמאכט. איילנדיק מיך, האָב איך איבערגעקערט א טעפל אויפן פייער, אָנפולנדיק די שטוב מיט אפעטיט פון עסן, פון צווימשערן, ארויסרופנדיק פון דעם שכנותדיקן צימער, די ארבעטערינס, הערשקוס מיידלעך, צוויי גרויסע פריילנס, וועלכע אָפיצירן פלעגן מאכן דעם הויף — די שנייִדעריי איז געווען א ציווילע און א מיליטערישע — און איינע א קלענערע, מיט אזויפיל שפרענקלעך וויפל עס פאסט איר.

גיזעלען, אצינד גיב איך מיר חשבון, האָב איך ליב געהאט אין געהיים, כאָטש כ׳פלעג מיך מיט איר שטענדיק קריגן, ווייל זי פלעגט זיך צו מיר פארקרומען, וויפל מאָל כ׳פלעג אָפטון א שפיצל.

— ביסט משוגע געוואָרן אָדער וואָס איז מיט דיר ? הייט, גיי אהיים !

כ׳פלעג אהיים גיין, פארדראָסיק, באגלייט פון די מיידלעכס געלעכטער, וועלכע כ׳האָב איבערגעלאָזט שיינעטשקע הינטער מיר, באדויערנדיק וואָס איך קאָן נישט גיזעלען אָנכאפן פאר א צאָפ, וועלכע פלעגט ביי אזא געלעגנהייט מיר ארייַנוואַרפן א קולעק אין פלייצע, און אנטלויפן.

הערשקו פאריזער האָט מיך געקענט פון די וויקעלעך. ער האָט מיר געמאכט די ערשטע פאָר לאנגע הויזן. אין זיין שטוב האָב איך געגעסן אלע גוטע זאכן: היימישע פארפל מיט פוידל, האָניק-לעקעך מיט ניס, צוקערלעקעך אין טאָג פון פורים אָדער מיר פלעגן פראזשען, שטייענדיק מיט גיזעלען פאר דער הרובע, קוקורוז-באָב וואָס פלעגט אונדז שווארץ מאכן די ציין.

ער האָט געוווינט נעבן דעם פעטער ניקו, דער אפוטרופוס און שונא פון מיינע קינדעריאָרן. ער האָט מיך אנטערבט ווען כ׳בין נאָך קיין צען יאָר נישט אלט געווען, פאָרזעענדיק, אז איך וועל קיין לייט נישט זיין, ווייל איך פלעג צערייסן שיך און קליידער.

דער פעטער ניקו איז געבליבן א בחור, ער האָט געלעבט, אזוי האָט מען זיך אונטערגעשושקעט אין שטוב, מיט קאטינקאן, די הויזבאלעבאָסטע, אן אויפגערעגטע מיט אוירינגלעך פון פאצערקים און מיט א ווייס טיכל, וועלכע האָט געקענט אלע זיינע שוואכקייטן: פלעגט אים היילן, דרייען ציגארן, מאכן א קיכל, איין איינציקס, פון רייז, ארום-

געגאַרטלט מיט א גרויסן קראַנץ, צוויי פינגער די גרעב, כדי עס זאָל שוין קלעקן אַלס א קוילעטש אויף פּאַסחע.

ווינטער־צייט, צום זונאונטערגאַנג, פלעגט זי גרייטן דעם טיש װעגן קאָרטן־שפּיל, אַרום װעלכן עס פלעגן זיך אַרומזעצן פיר פאַרזעסענע בחורים, שטעכלדיקע ווי די איגעלן.

הער קאַסטאַקע, הער אַלעקו, הער וואַסיליקע און פעטער ניקו, זיפּנדיק געמיטלעך די קאַווע, רייכערנדיק ווי אויף א פאַרמעסט, האָבן געשפּילט א פּרעפעראַנס. שפּעטער איז זיך דער שפּיל צעפאַלן: איינער איז געשטאָרבן, אַן אַנדערער איז קראַנק געוואָרן און דעם הער קאַסטאַקע האָב איך שוין א לענגערע צייט נישט געזען. אין א פּראָס־טיקן ווײנאַכט בעת כ׳בין ווי א בעל־תשובה געגאַנגען נעבן דעם פעטער ניקו, האָבן מיר אים באַגעגנט אויף דער גאַס, פאַרעלטערט, אָרעם אָנגעטון, מחמת דאָס פאַרמעגן האָט ער שוין לאַנג געפּטרט.

— סערוווס.

— סערוווס.

— וואָס מאַכט איר גאָר, פּריץ ניקו ?... שוין א לאַנגע צייט, אַז כ׳האָב אייך נישט געזען.

— איך האָב אייך אויך נישט געזען.

און ענדיקנדיק דעם שמועס, האָבן זיי זיך אָנגעקוקט אָפּוועגנדיק מיט די אויגן וואָס די צייט האָט אָפּגעטון.

— אוי... האָט זיך דער פעטער ניקו פּלוצים אָנגערופן, דערפרייט וואָס ער האָט זיך דערמאָנט, גוט וואָס כ׳האָב אייך באַגעגנט. איך זענט מיר שולדיק געבליבן א האַלב רענדל, איר דערמאָנט אייך ?

— איך ?

— פונעם פּרעפעראַנס.

— מעגלעך, איך זאָג נישט ניין.

— גיט מיר אָפּ, איר ווייסט דאָך, אַז דער וואָס באַצאָלט זיינע חובות ווערט רייך.

— כ׳האָב נישט, פּריץ.

— אוממעגלעך.

— גלייבט מיר, אָט וואָס איך האָב... דאָס איז מיין גאַנץ פאַר־מעגן. און האָט דערביי אַרויסגענומען פונעם אַלטן, געפּלעקטן װעסטל, אים צו ווייזן עטלעכע קופּערנע גראָשנס.

— גיט מיר וויפל איר האָט, ס'איז נישט קיין בושה. היינט א ביסל, מאָרגן א ביסל, ווערט איר פטור פון א חוב.

און ארייגלייגנדיק די גרייצער אין קעשענע, איז ער מיט מיר אוועקגעגאנגען, איבערלאָזנדיק דעם פריץ קאָסטאקע א צעמישטן, אָן א זיי-געזונט, א פארפרוירענעם אויפן ראנד פונעם טראָטואר.

איך בין נאָכגעגאנגען, אויך א פארפרוירענער, דעם פעטער ניקו, אנטשלאָסן אויפן וועג אים צו זאָגן, ווי אין יעדן סוף פעריען, אז איך באדארף א פאָר הויזן.

כ'האָב אָבער אלץ אָפּגעלייגט מיין וידוי, ווארטנדיק די מענטשן זאָלן דורכגיין, אָפּטשטעלנדיק מיר ווי געווייגלעך א לעצטן טערמין, דאָס הויז מיטן גרינעם פלויט, וועלכס איך בין איבערגעגאנגען נישט האָבנדיק דעם מוט זיך מודה צו זיין אין מיין חטא. ער האָט מיר געמאכט א פאָר הויזן לכבוד דעם הייליקן דומיטרו. ס'איז אמת, אז די דעמלטיקע שפילן זענען געווען אויסערסט ווילדע, פון וועלכע מע האָט אָפּגעשפּאָרט צעריסענע אין צעפליקטע הויזן.

די אלטע קראנקנשוועסטער, וועלכע האָט געדינט אין שולע פארן עסן, פלעגט דערציילן די שכנים, [אז זי האָט אין איר לעבן צוויי טייערע זאכן פארלוירן: דעם מאן וואָס איז על-פי טעות געשאָסן געוואָרן אויף א יאגד, תיכף נאָך דער חתונה און די אויגן, לאטענדיק מיינע הויזן יעדן אויפדערנאכט. אָנקומענדיק נאָנט צום פעער ניקוס הויז, אָפּלייגנדיק אויף אן אנדערט מאָל וואָס כ'האָב אים געוואָלט זאָגן, בין איך אריינגעגאנגען, מיטן חשק זיך צו שפילן, צו הערשקו פאריזער.

ס'איז געווען שבת, די נאכט איז צוגעפאלן. אויפן טיש האָבן געברענט צוויי ליכט וואָס האָבן זייער שיין, אויסגעשפרייט ביזן הינטערגרונט פונעם הויף, באשפריצנדיק מיט ליכט דאָס שטיסל, דאָס קאווע-מילעכל און די אוועקגעלייגטע טאָץ, אונטערן קאָכער, וואָס האָט ריזיק ארויסגעשיינט פון דער מיט פון דער ברייט געעפנטער מעשעער שיסל. אין שטוב זענען געווען געסט, פרויען אין אלטמאָדישע זיידענע קליידער, אָפּגעמאטערטע פון דאגות און פון געב רטן, וועלכע האָבן געלאסן דערציילט, געשעענישן פון זייער הבנעהדיק לעבן, רעדנדיק אין דער רייי אָדער אלע מיטאמאָל זופנדיק פונעם טיי, ביי וועלכע זיי האָבן געווארעמט זייערע פון שטוב-ארבעט פארהארטעוועטע הענט.

איך בין געבליבן צעמישט אין מיטן שטוב, וואָס איז געווען יום־טובדיק אויפגערוימט.

— ביסט געקומען ?

— כ׳גיי.

— גו שטיי, וואָס איילסטו דיך... גיזעלע ! דער חבר דיינער איז דיר געקומען... ווילסט א טיי ?

— מע וואַרט אויף מיר אינדערהיים, זאָג איך, לאָזנדיק מיך ארויסגיין פון דער טיר.

כ׳האָב מיך אָבער אומגעקערט א פארשעמטער, בייז ווי א צערייצטער באראן אויף גיזעלען, וועלכע האָט מיר ארויסגעשלעפט דעם סטאָן וואָס האָט מיר ארויסגעשטעקט דורך די לעכער פון די הויזן. נישט וויסנדיק וואָס צו טון, האָב איך אָנגעהויבן וויינען. כ׳ווייס נישט, צי האָב איך געוויינט פאר בושה אָדער ווייל גיזעלע, וועלכע האָט טייער באצאָלט דאָס כיטרעקייט, האָט געזיפצט גלייך מיט מיר. מאדאם שׂרה, אן אויפגעבראכטע, האָט געערדט, כ׳ווייס נישט וואָס מיט איר מאן, נעמענדיק פאר עדות די געסט ענדיקנדיק, אויף רומעניש :

— ער איז א קינד.

— אז ער איז א קינד דארף ער צערייסן די קליידער !

— לאָז ער זיין געזונט. ער האָט פארמעגן פון זיין טאטן. מאך אים א פאָר הויזן.

— כ׳האָב אים דאָך שוין געמאכט א פאָר.

— נו, וועסטו אים נאָך מאכן א פאָר, מירן זען וואָס ס׳וועט זיין.

— אז דער פריץ ניקו וועט דאָס הערן.

— גיי רעדט מיט אים, וואָס האָסטו מורא. ער וועט דיך דערהרגענען ?

דער אלטער האָט געהויבן די אקסלען, זיך אָנגעטון דעם קאפעלישׁ איבער דער סאמעטענער יארמלקע און איז ארויסגעגאנגען.

ביי הערשקו פאריזער האָבן זיך געניית פריצים, סוחרים און ערדבאזיצער, וואָס טראָגן גראָבע קליידער פון ציגל־קאָלירנדיקן „שיאק“ וואָס ווערט אויסגעהארטעוועט אין א שטייסל אין די מאָנאסטירן, א זאך וואָס האָט נישט קיין טויט, אן איין־איינציקער מאָדעל, מיט איין־און איינציקן מין קנעפלער, מיט איין מין אונטערשלאק.

אין יענע צייטן, האָט יעדער פריץ געהאט א יידן פאר א בעל־יועץ,

מיט ווײַטן ער פֿלעגט זיך באַראַטן אין זײַנע געשעפֿטן; ער פֿלעגט פֿאַר אים אויסזוכן היפּאָטעקעס, און אַרענדאַר פֿאַר זײַן גוט, פֿלעגט אים ברענגען דאָקטוירים פֿון משערנאָוויץ, רוסישע פֿערד פֿון באַסאַראַביע, ער פֿלעגט זיך מיט אים עצהן ווען ס'פֿלעגן קומען שדכנים.

הערשקו פֿאַריזער האָב איך פֿאַרכאַפּט אין דעם פֿעטער ניקוס הויז זינט כ'בין אויף דער וועלט געקומען. ער פֿלעגט אַרבעטן פֿאַר אים און פֿאַר אונדז — מיר זענען דאָך פֿיר ברידער געווען — ברייטע בגדים, אויסגעדונגענע ביז צון אַ פּרוטה, פֿלעגט אויסהערן זײַנע קלאָגעבצער, ונדזערע שטיפֿערייען, זײַנע לאָרעבצער און די אַלץ איבערגעחזרטע מעשה וועגן זײַן דורכגעמאַכטן וועג קיין הוש, דאָס איינציקע מאָל ווען ער איז געפֿאָרן רײַטנדיק און גזלנים האָבן אים געוואָלט הרגענען.

דער פֿעטער ניקו פֿלעגט נישט אַרויסגיין פֿון הערשקו פֿאַריזערס וואַרט, וועלכער פֿלעגט, דעם אמת געזאָגט, זיך נישט אַרײַנמישן, ווי נאָר אין שווערע מאָמענטן. ער האָט אים באַוויגן צו קויפֿן פֿאַר די שוועסטער אַ קלאַוויר, זיי מאַכן קליידלעך מיט אַ לאַנגן עק, נאָכדעם וואָס זיי האָבן געענדיקט די שולע. נאָר וואָס איז דאָ צו רעדן, זיי האָבן געמוזט זײַן גוטע-ברודער, מחמת זיי האָבן געהאַט די זעלבע ליידנשאַפֿטן, זיי האָבן ליב געהאַט שוואַרצע קאַווע און פֿלעגן שמעקן טאַבעקע, ווינטשנדיק זיך „צו געזונט“ נאָכדעם ווי זיי פֿלעגן זיך צענים, אַז די קעץ פֿלעגן, צעשויבערטע, מיט אויפֿגעשטעלטע עקן, אַרויסשפּרינגען דורכן פֿענצטער.

ווען כ'האָב אים געזען אַוועקגיין, האָב איך מער קיין דאגה נישט געהאַט, כ'האָב געווינען די הויזן. כ'האָב מיך אומגעקערט צו גיזעלען. זי האָט אויך געענדיקט דאָס וויינען. מיר האָבן זיך דערנענטערט. אָנקוקנדיק זיך באַרואיקטע, האָבן מיר זיך אַרויסגעגנבעט אויף דער גאַס, צולויפֿנדיק זיך גליטשן ביים ראַנד פֿונעם טראָטואַר. מיר זענען נעווען אומאיבערטראַפּענע, באַרימטע צווישן די קינדער פֿון דער פּאָרשטאָט; מיר פֿלעגן קריצן דאָס אײַז אויסדרייענדיק קונציק דעם קנאָפּל זיך געגליטשט מיט צונויפֿגענומענע פֿיס, זיך אַרונטערגעלאָזט אָדער געזויגן מיט פֿאַרגעניגן אײַז-צאָפּנס אָפּגעריסענע פֿון דער סטרעכיע, זיך געלאָזט שלעפּן פֿון די וואַסערפֿירערס וועלכע האָבן אונדז געקענט, אויפֿהענגענדיק זיך אָן דעם אין אײַזן געקאָוועטן שליטן, אָדער צוגעפּלעטשט די נאָז, ערב ניי-יאָר אָן די פֿענצטער פֿון די באַקאַליעס מיט

פארפרוירענע טירן, אויסגעששטיקטע פונעם פראָסט, פירנדיק דאָס טראַדיציאָנאַלע קליינע אקעראייזן פאַר צוויי פייגן, אין מיטן העלן טאָג. מיר האָבן זיך אומגעקערט אהיים געשוואָלענע פון פראָסט, מיט איינגעקלעמטע קינבאקן, מיט צעריסענע שיך, נאסע פון שניי.

— קוקט זיי נאָר אָן, כ׳בעט אייך, דאָס זענען שדים, נישט עפּעס אנדערש. וואָס דאַרפסטו זיך אים נאָכנעמען ? ער איז משוגע, דו אָבער ביסט דאָך א פריילן... קוק דיך נאָר אָן אין שפּיגל, פּאַסט עס פאַר דיר ? ...

כ׳בין זיך מודה, נאָך אזויפיל יאָרן, אז ס׳האָט איר זייער גוט געפּאַסט. כ׳האָב זי אָנגעקוקט מיט ליבשאַפט ווי זי, א פלאַם-פייעררויטע, ברויט זיך מיטן טיי וואָס די מאַדאַם שרה, א בארואיקטע נאָכן אויסזידלען אונדז, האָט אונדז אוועקגעשטעלט. ווען הערשקו פאַריזער איז אריינגעקומען און געזען אין וואָסער א צושטאַנד איך געפֿון מיך, האָט ער מיך גענומען אויפן צימבל :

— איך ווייס נישט וואָס דו טראַכסט דיר ?... א פריציש קינד ביסטו ?...

נאָר באַטראַכנדיק אונדז ביידע, האָט ער געהויבן די אקסלען, ווי זיין טבע איז געווען, און אָנגעהויבן לאַכן אינייגעם מיט אונדז, מיטן גאַנצן הויזגעזונט.

— קום אהער !

אוועקשטעלנדיק מיך גלייך, מיט צענומענע פיס אין מיטן שטוב, האָט ער מיר געהייסן אויפהויבן די הויזן און אָנשטעלנדיק די ברילן האָט ער אָנגעהויבן שרייען : „זעקס און-פערציק, זעכציק, דריי און-צוואַנציק...“ נומערן וועלכע האָבן מיר געטלעך אין די אויערן געקליגנען, וועלכע ס׳האָט געלאָסן אריינגעשריבן אין א ביכעלע פאַר מאָסן, איינע פון די פריילינס, די גרעסטע, אן איינגעבויגענע איבערן טיש מיט א שאַל אויף די פּלייצעס, מיט א שיינער, ווייסער הויט פון אן אריסטאָקראַטע.

עס זענען יאָרן פאַרלאָפן זייט דעמלט. הערשקו פאַריזער איז מיט דער צייט עלטערער געוואָרן, האָט באַדאַרפט פירן א שווערן קאַמף מיט דער קאָנקורענץ. וויפל מאָל איך פלעג קומען קיין יאַס, פלעג איך מיך לאָזן פאַרשלעפּן פון זכרונות אויף דער רוסישער גאַס. מיט

א פארקלעקטע הארץ פלעג איך באטראכטן דאָס נידעריקע קלייטל, בא שוצט פון דער זעלבער שמאָלער, שווארצער, מיט ווייסע אותיות באַ־שריבענער שילד:

הערשקו פאריזער
ציווילער און מיליטערישער
שניידער

איינגערעסט אין א מעטער מיט אן אָפענער שער, און אָפגעווישטע פון די רעגנס, פון דער צייט. דערנעבן איז האָט מען אויסגעבויט א נייע קלייט, מיט פענצטער פון איין שויב מיט פולע פאַליצעס, מיט א לאַקנדיקער פירמע באטיטלט, מיט גאָלדענע אותיות:

„מאָדערנע שניידעריי"

נאָך הערשקו פאריזער, ווערליק די מאדאם שרה האָט געזאָגט, מיט אויסזיכטן צו פארקנסן די מיידלעך, האָט נאָך געלעבט, גאָט צו דאנ־קען, גוט, האָבנדיק נאָך עפעס פון די אלטע קליענטן, פענסיאָנארן, וועלכע האָבן אים נישט געלאָזט שטארבן פאר הונגער.

דער פראָגרעס, גלייך ווי די נאטור, האָט אָבער זיינע פאטאלע גע־זעצן. ס'איז נישט פאָריבער קיין סך צייט, און אקעגן הערשקו פאריזער האָט זיך געעפנט נאָך א ווארשטאט:

„אמעריקאנישע שניידעריי"

כ'האָב מיך אומגעקערט באזאָרגט צו דער וווינונג פון מיין בעל־טובהניק. דאָס הייזל האָט שטארק געזינקען. די שילד איז נעלם גע־וואָרן. ביי א פענצטער־אויג, צווישן דער אנגעפערטעסטע צווישן דער מאָדערנער און דער אמעריקאנער שניידעריי, האָט אן אנאָנס, געשריבן מיט גרויסע אָרנאמענטיק, אָנגעוויזן די פארבייגייער: הערשקו פאריזער „דער על־טסטער שניידער פון דער רוסישער גאס", צוגעשריבן מיט זיין אומ־געשיקטער האנט, ווי פון א קליין קינד.

דאָס איז געווען אלץ וואָס דער אלטער האָט אויסגעפונען קעגן דער דעראָבערנדיקער יוגנט.

איך בין אריינגעגאנגען אים זען. די מאדאם שרה איז געשטאָרבן. כמעט באגלייך מיטן פעטער ניקו. די מיידלעך זענען געווען ביי זייערע שטיבער. גייזלע האָט אויסגעוואנדערט קיין אמעריקע. הערשקו פאריזער האָט געדאווענט באוועגנדיק סעראפיש מיט די ליפן, בלאס ווי א גוסס.

כ'האָב אים נישט געפרעגט... צו וואָס פרעגן !... מיר האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט צוויי וועלטן.

מיר וואָלטן זיך שוין נישט דערקענט.

נאָר די קאוואַלירן, אָנגעשפּאַרטע אָן די „מוסקאַטום“ - פּלאַנצן וואָס האָבן געוועקט אונטער די פענצטערלעך, האָבן מיך פון שטוב אַרויס-באַגלייט, גאַלאַנטע, באַפּרידיקטע, מיט זייערע בליקן פון אַמאָל...

**אל. סאכיא**

# ארבעטלאָזיקייט אָן ראסע

איבער די הינטער־געסלעך האָבן זיך געשאָטן די ערשטע שניי־עלעך. אָבער אין הארץ פון דער שטאָט, דאָרטן ווו דאָס לעבן פולסירט העכסטיק און שטיינער פארדעקן געגצלעך דאָס פנים פון דער ערד, האָט מען נאָך נישט געזען די דאָזיקע ווינטער־שליחים. די ערשטע שנייעלעך זענען געפאלן פארנאכט, לייכטע, דריבנע שטערנדלעך, קושנדיק מיט פחד די בלאָטע פון די פאָרשטעט. אין מערב־זייט איז דער הימל געווען מוטנע און אין די פענצטער האָבן זיך די ליכטער גיך אָנגעצינדן. דערנאָך, האָט אָנגעהויבן שלאָגן א טרוקענער שניידנדיקער ווינט, א ברענגער פון פראָסט.

לייב גאָלדנבערג שפאנט אומגעלומפערט, נישט אויסמיידנדיק די פאָטעקעס, ער האָט א גאנג פון אן איבערגעשראָקענעם מענטשן און ער לויפט אנשטאָט צו גיין. אונטער די פאָדעשוועס פילט ער ווי דער ווינטער בייסט אים דורך די שיך, א גיריקער און פיינטלעכער. ער קערט זיך אום אהיים נאָך שעה:ווייז אומגיין. היינט, פונקט ווי אין אנדערע טעג, האָט ער געפרווט אין אומצאָליקע פלעצער, ער האָט אָבער באקומען דעם זעלבן ענטפער: „מיר דארפן נישט, אויך מיר זאָגן אָפּ“.

דעם דאָזיקן רעפרען, וואָס גיט א זעץ אין הארצן ווי א קלאפּ פון א קינדזשאל, הערט ער זייט אזויפיל חדשים און אלץ הערנדיק אים, ווערט בטל דער בטחון צו געפונען ארבעט.

גאָלדנבערג איז פריער געווען א סוחר פון דער אָרעמשאפט. ער האָט אין דער פאָרשטאָט געהאַט א קלייטל פון צעלניק. די געשעפטן זענען געגאנגען א שטיקל צייט, דערנאָך האָט ער געמוזט ליקווידירן.

דער באנקראָט...

מע האָט אראָפּגעצויגן די לאָדנס, מע האָט פארחתמעט, און א ביסל שפּעטער, האָט א הודנדיקער וואָגן אויפגעהויבן די סחורה. ס"איז נישט געווען קיין סך: עטלעכע טוץ צווירן פון פארשידענע קאָלירן, עטלעכע טוץ נאָדלען, א ביסל גלאָזווארג און שיכבענדלעך. דער וואָגן איז געווען כמעט פול, ווייל ער איז געקומען אָנגעלאָדן פון אנדערע אָנזעצערס. אויף דער גאס איז זיך צונויפגעקומען דער גאנצער לומפּנפּאַק, ווי צו א בער. די גאנצע געשיכטע האָט זיך אָבער גיך געענדיקט.

לייב גאָלדנבערג דערמאָנט זיך קוים. דעמלט איז ער שוין נישט געווען ביים גאנצן שכל. ער ווייסט נאָר, אז דאָס געשעעניש איז פאָרגעקומען זומער, אין פולן חודש יולי. צוויי שטייער-אגענטן האָבן זיך אויסגעטון די רעקלעך. זיי זענען געווען נאסע פון שוויים. זיי האָבן דאכט זיך געשימפּט. עטלעכע סאָלדאטן, מיט איינגעשטעקטע באַיאָנעטן אין די ביקסן, האָבן דעם וואָגן געהיט. דער עולם האָט געשריגן. די סוחרים, די באלבירערס, די שוסטערס זענען זיך צונויפגעלאָפן און ארומגערינגלט דעם וואָגן. זיי האָבן אויך געשימפּט. זיי זענען געווען אויפגערעגט.

דער גאנצער ספּעקטאקל האָט אויסגעזען ווי א לויה, א טרויעריקער, אָבער ס'האָט אין אים געשפּראָצט אן אָנהויב פון אן אויפשטאנד. נאָר א קליינער, א נישטיקער, אין וועלכן קיינער האָט נישט אויפגעהויבן א האנט.

ס'איז אָבער אזוי געווען.

דער וואָגן האָט אָנגעהויבן שטארק הודען, טויב צו ווערן. די אגענטן זענען אין אים אריינגעשפּרונגען. די סאָלדאטן אויך. זיי האָבן אויסגעוויזן דערשראָקענע. נאָך זיי האָט זיך אויפגעהויבן א כמארע פון פאָרעך 'מיט א טעם פון בענזין, באגלייט פון די נאָכגעשרייען פון דער 'מאסע.

שׂרה (גאָלדנבערגס ווייב) האָט אויסגעבראָכן אין א געוויין. אין יענעם געדרענג, האָט זיך דער באנקראָטירטער לייב, דערמאָנט אין

די קינדער. פינף האָט ער געהאט. ער האָט דערזען שטעונען, דעם גרעסטן, ווי ער איז געשטאנען מיט אַן אויסגעצויגענעם האלדז נאָכן וואָגן. פון זיינע הויזנקעשענעם האָבן ארויסגעשטעקט עטלעכע שיכבענדלער. אזויפיל האָט ער אָפּגעראטעוועט. ער האָט געהאלטן ביי דער האנט אייזיקן, שטארק דערשראָקן. אייזיק האָט געהאט אראָפּגעהאָנגענע אויערן ווי שאָלעכץ פון ציבעלעס און די רויטע האָר, צעשויבערטע פאר שרעק, האָבן אומגעוויינלעך געגלאנצט קעגן דער זון.

שרה האָט אלץ געוויינט. אין דער פרויען-גרופּע האָט מען נאָך געהערט כליפּעריען, איינגעדושעטע אין טיכלעך אָדער אין פארטעכער. מע האָט געשאָלטן.

לייב גאָלדנבערג איז מיטאמאָל באפאלן געוואָרן פון בושה. פון מיטן דער גאס האָט ער געקוקט צו זיין פּוסטער קלייט. די טיר איז געווען צעפּראלט, די פענצטער אָפן, ביימלען און פלעשער צעוואָרפענע אויף דער ערד. ער האָט זיך א וואָרף געטון אויף שרהן און כמעט מיט ברוטאליטעט זי ארויסגעשטופּט אין הויף. ער האָט א ברוגזער אָנגעשריגן אויף שטעונען. ווענדנדיק זיך דערנאָך צו די אָנוועזנדע, האָט ער מיט א הארטער שטימע געזאָגט:

— ליבע מענטשן, ס'איז עמעצער געשטאָרבן? פארוואָס וויינט מען? אזוי וויל די מאכט... לאָזט, איך וועט אויך קומען די ריי!

דער עולם האָט אויפגעוואכט. מען איז זיך צעגאנגען. עמיצער האָט געבאָמבקעט:

— א רוחעשער ייד! א שטארקער מענטש!...

זייט דעמלט זענען פארביי זעקס פולע חדשים, און לייב האָט זיך נאָך אלץ נישט איינגעאָרדנט. נאָך איין ארבעטלאָזער. ער גייט אוועק פון דער היים אינדערפרי און קערט זיך אום ביינאכט. ער זוכט ארבעט. ער וואָלט געטון סיי וואָס. מען געפינט נישט. אזעלכע מענטשן ווי ער באגעגנט מען אויף אלע גאסן, אין אלע ווינקלען, אויף די מארק-פלעצער אָדער אין די פאָלקס-גערטנער. די ארבעטלאָזע דערקענט מען לויטן גאנג, לויטן הוידען פון די אָרעמס אָדער, ווי לייב זאָגט, „לויטן גלאנץ פון די אויגן". זייט א שטיקל צייט האָט אפילו שרה אויסגעלערנט צו לייענען אין די אויגן.

צופּאָר, ביי יעדן אומקערן פון דער שטאָט, פלעגט זי אים פרעגן צי ער האָט געפונען ארבעט. אצינד נישט. זי ווארפט אויף אים נאָך

איין בליק ווי גאָר ער טרעט איבער די שוועל, און פארשטייט שוין. לייב ברעכט זיך איין די לענדן, ווי א פארשטומטע הארמאָניקע, און פאלט אריין אין בעט. דאָס איז שוין אין גאָלדנבערגס משפחה א מין מנהג. פון יענער רגע אָן, ווערן די זעקס נפשות פון דער שטוב גענעלער פארשטומט, ביז אין קאיאָר, ווען דער קאָפּ פון דער פאמיליע לאָזט זיך ווידער אוועק צו זוכן...

די פינצטערניש האָט אלץ איינגעהילט. עס פינקלען, שיטערע, אומזיכערע ליכטלעך. דער ווינט בלאָזט עקשנותדיק, בעת לייב גאָלדנבערג ציט צונויף פאָרזיכטיק דעם מאנטל פון זיין יוגנט. ער האָט נאָך עטלעכע שריט ביז אהיים. ער וואָלט וועלן, אז דער וועג זאָל זיין א לאנגער. ער זאָל נאָך דויערן. די אומקערענישן זענען געוואָרן אן אמתער ליידנסוועג. עס ווארט אויף אים שׂרה, א געעלטערטע, אן אויסגעטרוקנטע ווי א באָקסער. די קינדער ווי די שאָטנס — פינף. זענען זיי ביי אים געבוירן געוואָרן? ווען האָט ער זיי געמאכט? ער ווייסט גאנץ גוט, אז נישט שׂרה, נישט שמעון, נישט דאָס קליינע חיהקעלע, קיינער פון די וואָס ווארטן אויף אים אצינד מיט אויפריכטיקער ליבע, זענען נישט שולדיק. אָבער לייב האָט אויך נישט מיט גאָרנישט געזינדיקט. אכט־און פערציק יאָר האָט ער געהאָרעוועט מיט די זיינע, מיט פלייס און האָט זיך נישט געקאָנט דעראָביען. געבן אים זענען אונטערגעוואקסן די קינדער, יונגע שפּראָצונגען, וועלכע האָבן זיך געוואלגערט אויף די פרייע פעלדער, צעוואָרפענע און פארווילדעוועטע. מיט וואָס זענען זיי שולדיק? לייב גאָלדענבערג פילט זיין ווארעם הארץ טראָץ דעם פיינטלעכן פראָסט.

אונטער די פלייצעס הערן זיך טריט פון אן איילנדיקן מענטש. ער ציטערט אויף. דאָס, ווייל ערשט נעכטן האָט ער געזען מיט זיינע איגענע אויגן ווי איינער איסקאָוויטש, פון בארוף א רייזנדער (א גענוג שטארקער מאן) איז אויסגעפאטשט געוואָרן אין מיטן גאס און אנידערגעוואָרפן געוואָרן אויף דער ערד. די אנטיסעמיטן האָבן אָנגעהויבן שלאָגן. דערפאר שרעקט ער זיך פארן קלענסטן שאָרך. אין צענטער פון דער שטאָט, מיידט ער אויס די יונגע גרופּעס און קוקט זיך אלעמאָל ארום צי מען פארפאָלגט אים נישט.

די טריט פון הינטער זיינע פלייצעס האָבן זיך שטארק דערנענטערט. גאָלדענבערג טראכט ער זאָל אים לאָזן דורכגיין און פארקלענערט זיין שפאן. דער דורכגייער גייט זיך אָבער זיין וועג, גלייכגילטיק, מיט אן אויפגעהויבענעם קאָלנער, פארטיפט אין זיינע מחשבות. גאָלדנבערג

קוקט זיך גוט צו און דערקענט אין דעם „שונא“ זיין שכן, האראַלאמביע אַאַנצע. ער שרייט אים נאָך פון פרייד. האראלאמביע שטעלט זיך אָפּ:

— דו ביסט עס, לייב?

— יאָ.

—דו זוכסט נאָך אלץ?

—איך זוך און געפון נישט. כ׳האָב געהערט, אז דו האָסט זיך איינגעדונגען.

— כמעט ווי גאָרנישט.

— גאָרנישט, גאָרנישט, נאָר דאָך האָסטו עפּעס. פארדינסט כאָטש דאָס שטיקל ברויט. איך האָב אפילו דאָס אויך נישט...

לייב גאָלדנבערג איז אָנגעקומען ביז פאר דער שטוב. פארן זאָגן א גוטע נאכט האראלאמביען, פרעגט ער:

— האָסט מיר נישט געזאָגט וואָס פאר א באשעפטיקונג דו האָסט געפונען?

— וואָס גייט׳ס דיך אָן? שיסט אוים האראלאמביע אַאַנצע. ס׳איז מיין זאך און איך וויל דיר נישט אָפּגעבן קיין חשבון.

לייב בלייבט איבערראשט, כמעט דערשראָקן, פאר אזא ענטפער.

— איך פארשטיי נישט פארוואָס דו ביסט ברוגז. כ׳האָב געוווסט אז דו ביסט ארבעטלאָז גלייך ווי איך. שרה האָט מיר געבראכט די בשורה, אז דו האָסט געפונען א שטעלע. אז איך וועל אויך אמאָל געפונען א באשעפטיקונג, וועל איך דיר זאָגן מיט פארגעניגן.

— איך וועל דיך קיינמאָל נישט פרעגן. און זאָלסט מיר נישט זאָגן, ווייל ס׳אינטערעסירט מיך נישט.

האראלאמביע האָט זיך ראפּטעם אָפּגעריסן. ער איז אוועק.

לייב גאָלדענבערג פארשטייט שוין גאָרנישט. ער דערקענט נאָר דעם רוקן פון א מענטש, א הויכן, אן איינגעבויגענעם ווי אונטערן דרוק פון א משא, וואָס איז גיך פארשוונדן אין דער נאכט. אן אומגעהויערער טרויער האָט פארפלייצט זיין הארץ.

האראלאמביע אַאַנצען באטראכט ער פאר א פריינט. זיי וווינען אויף דער זעלבער גאס אן ערך פון 11 יאָר. וויפל ער האָט געהאט דאָס קלייטל, האָט ער אים באדינט גאָר ערלעך און אָפט האָט ער זיך געצײלט צווישן זיינע בעלי־חובות. אַאַנצע האָט זיך ארויסגעוויזן ווי א גויטבאדארפטיקער מענטש און לייב האָט אים געגלייבט. ער

שטאמט פון די מעהעדיגצער געגנטן. א פּיער, פארכאפּט פונעם מי־ראזש פון דער שטאָט. ער איז געווען א וועכטער ביי דער אוזינע, ער פלעגט דאָרטן עפּעס פארעגיסטרירן, און אין קווארטאל האָט ער געגילט אלם א באאמטער. אין טאָג ווען מע האָט אים אָפּגעזאָגט פון דער אר־בעט, איז ער אריין געקומען אין קלייט. ער האָט אויסגעזען שטארק דער־שלאָגן. ער האָט אים געזאָגט:

— לייב, איך בין אן ארבעטלאָזער!

ער האָט אים דעמ־מוטיקט, פארזיכערנדיק, אז מע קאָן נאָך גע־פונען ארבעט. צוויי חדשים שפּעטער, איז הארא־לאמביע ביי־געוועזן ווען מע האָט ביי לייבן אויפגעהויבן די סחורות.

נאָך דעם, פלעגן זיי זיך טרעפן זעלטענער. גאָלדנבערג האָט מער נישט געהאט קיין קלייט. צומאָל פלעגן זיי גיין איינינעם, זוכן אר־בעט. ביים עק גאס פלעגן זיי זיך ווינטשן הצלחה און דערנאָך זיך צע־טיילן.

לייב איז שטיין געבליבן פאר דער שטוב. ווי קליין איז עלנט זי ווייזט אים אוים. א צימער און א זאל. ווען זי זאָל כאָטש זיינע זיין! דורך דעם דינעם פאָרהאנג, ביים שוואכן ליכט פונעם לאָמפּ, דערקענט ער שאָטנס ווי אין קינאָמאטאָגראף. שרהס שאָטן איז דער לענגסטער פון אלע.

— הארא־לאמביע איז אויך געוואָרן אן אנטיסעמיט!

שרה באגעגנט אים מיט אויסגעלאָשענע אויגן און מידע באווע־גונגען. שמעון טעסעט עפּעס, אין מיטן שטוב. חיה האָט אים געבעטן ער זאָל איר מאכן א קליין וויגעלע, גאָר א קליינס, פאר איר ליאלקע.

שמואל בלעטערט א ביכל מיט שווארצע, אָפּגעריבענע טאָוולען. ער האָט פאראיאָרן, געענדיקט די פאָלקס־שול און האָט געוואָלט איינ־טרעטן אין גימנאזיום, ס'איז אָבער נישט מעגלעך געווען. די אנדערע צוויי, אייזיק און לייב, זיצן איינגעקאָרטשעטע אין מיטן בעט, אלע בפּיקן וועגדן זיך צו לייבן און ווערן פארשטומט.

אן אנדערט מאָל, פלעגט דעם פאָטערס דערשיינען זיין אן אמ־תער יום־טוב. זיי פלעגן אים פאלן אויפן האלדז, דערנאָך פלעגט קו־מען דאָס באזוכעניש. זיי פלעגן תמיד געפונען א ביימעלע מיט ראָזשינקעס, עפּלעכע באָקסערן, בייגל אָדער צוקערלעך. ווי גליקלעך זיי וואָלטן אצינד געווען ווען לייב וואָלט אריינגעקומען מיט א ווייס ברויט אונ־טער די אָרעם. זיי וואָלטן עס צעטיילט אויף זיבן חלקים, טראכט זיך

לוי מיט שטראַלנדיקע אויגן און מיט א ווייס כמעט דורכזיכטיק פנים. ער מיט חיהן וואָלטן געגומען די גרעסערע רייפטלער. ווייל זיי זענען די קלענסטע. זיי האָבן היינט איפדערגאכט אזוי ווייניק געגעסן...!

לייב אָבער, זאָגט א גוטן אָוונט און קוקט נישט צו קיינעם. ער בייט עטלעכע שטילע ווערטער מיט שׂרהן, דערנאָך שטרעקט ער זיך אויס אין בעט. די קינדער ווערן גיך אנטשלאָפן. מען לעשט אויס דעם לאָמפּ און די טונקלייט פון דרויסן באהעפט זיך מיט דער פון אינעווייניק, ווערנדיק איינע.

עס זענען נאָך אוועק אייניקע חדשים. אין גאָלדנבערגס לעבן האָט זיך גאָרנישט געביטן. הארלאמביע אָאנצע האָט ער זעלטן באגעגנט, אויפדערנאכט, אויך זיין גאס. זיי האָבן זיך באגריסט און קיינער פון זיי האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט. הארלאמביע זעט אויך אויס געעלטערט, זיין רוקן האָט זיך ביי אים שטארק איינגעבויגן. ער שפּאנט דאכט זיך אנדערש. ער האָט א שפּרינגענדיקן גאנג, ווי א שטאָרך. לייב האָט דאָס געקאָנט גוט באמערקן, וויפל מאָל אָאנצע איז פארביי געגאנגען, איבערלויפנדיק אים. אין יעדן פאל קומט עפּעס פאָר אין הארלאמביעס לעבן וואָס גאָלדנבערג קאָן נישט באגרייפן. ער באטראכט זייער פריינטשאפט ענטגילטיק אָפּגעריסן. און דאָס דערפאר וויל ער איז, צופעליק, א ייד. „איך וואָלט געקאָנט זיין א קריסט און ער א ייד“, טראכט ביי זיך לייב זייער אָפט, „איך אָבער, וואָלט אים נישט געהאסט. פארוואָס זאָל איך אים האסן?“

אינצווישן איז שמעון קראנק געוואָרן. ער האָט זיך פארקילט די לונגען און אצינד ליגט ער אויסגעשטרעקט, פארנעמענדיק אליין דאָס בעט פון די קינדער. ער דולדעט נישט קיינעם נעבן זיך חוץ חיהן, די אנדערע קינדער מוזן שלאָפן אינאיינעם מיט די עלטערן.

לייב יאָגט זיך ארום פון אינדערפרי ביז אויפדערנאכט, ווי א הונט, און געפינט נישט קיין זיכערע פרנסה. ער טראָגט אָפּ ערגעץ א בריוו, א קויש מיט בלומען, רייבט ערגעץ אין א ביורא דעם פארקעט און שלעפּט אזוי ארוים וועכנטלעך אזויפיל, אז דאָס הויזגעזינט זאָל נישט קראפּירן פאר הונגער.

אצינד קומט דער פרילינג. ער איז אָנגעקומען צום ראנד פון דער שטאָט. ער וועט בקרוב ארייגדרינגען, און דאָס דאָזיקע געשעעניש דערפרייט, באַלויכטעט צוגלייך אי מענטשן אי געגנשטאנדן.

גאָלדנבערג שטייט פאר א געשעפט פון שטאָפן. ער פילט זיך בע-סער. ער האָט אויסגעטון דעם מאנטל און האַלט אים אויפן אָרעם. אין גיכן וועט ער פון אים פטור ווערן. ער קוקט אריין אין שויפענ-צטער צו די פארשידנארטיקע שטאָפן. זיי זענען נישט אזוי וואזשנע, נאָר ווען ער זאָל האָבן מיט וואָס, וואָלט ער געקויפט שטעונען כאָטש אויף א פאָר הויזן. שטעון איז אַלץ נישט געזונט. מעגלעך ער וועט נישט געגעזן ווערן. די היילמיטלען קאָסטן טייער. די לעצטע רעצעפטן זענען אומזיסט פארשריבן געוואָרן. זיי ליגן באהאלטן אין א בוד, שׂרה זאָל זיי אויך נישט זען. ער וואָלט בארארפט האָבן א פאָר הויזן, און אפשר שיך...

לייב גאָלדנבערגס אויגן ווערן פאַראַליע, פאוואָליע, באַנעצט. די טרערן גליטשן זיך, גליטשן זיך, צעשטויסנדיק זיך אין די שטעכלינקעס פון דער באָרד. א געדעכטע מאראקע פארשטעלט אים די ראיה און ער קאָן מער נישט אונטערשיידן די קאָלירן פון די שטאָפן פון דער וויטרינע גלייך ווי אלע זענען אשגרוי און ווייטער פון אים, א סך ווייטער.

עמעצער רופט אים. נישט אויפן נאָמען. ער מאכט אים א סימן מיט דער האנט. ס'איז א פעטער מאן, ריין אָנגעטון, מיט א הארטן קראגן און א גלאנצנדיקן פליך. לייב ווישט זיך גיך אוים די אויגן און לויפט צו. ס'איז דער באלעבאָס פונעם שטאָפן-געשעפט. ער רופט אים אריין.

— מיט וואָס באַשעפטיקסטו זיך?

– מיט גאָרנישט, ענטפערט לייב א צעמישטער.

— וואָס הייסט?

— איך בין אן ארבעטלאָזער.

— אָבער פריער?

— א סוחר.

דער פעטער מאן רעדט מיט א קאַלטן און מוסרדיק קול.

— וואָס פאר א סוחר?

— א סוחר פון דער פאָרשטאָט.

— איר זענט אויך א סוחר?

גאָלדנבערגן האָט פאַרדראָסן דער הויכער, חוצפּדיקער טאָן. דאָך האָט ער געטראַכט, אַז דאָ וועט ער קאָנען פאַרדינען אַ באַן און האָט גענומען רעדן הכנעהדיק, אויף אַ נידעריקן קול:

— צו וואָס אַזויפיל פראַגעס? איך בין אַרבעטלאָז זייט אַ יאָר. כ'האָב פינף קינדער. איך בין אַ מענטש וואָס זוכט. איך קאָן טון סיי־וואָס. איך זאָג מיך נישט אָפּ פאַר גאָרנישט.

— דער איז גוט פאַר אַזאַ זאַך! זאָגט אַן אַלטער מאַן פון אונטערן לאָדנטיש.

— אוודאי, האָט מיט איבערצייגונג געענטפערט דער פעטער מאַן. אויב אַזוי, קום זשע מיט מיר!

גאָלדנבערג איז אים נאָכגעגאַנגען. מע האָט אים אַריינגעפירט אין אַ צימער וואָס איז געווען אָפּגעטיילט פונעם געשעפט דורך אַ לייוונטענער וואַנט. ס'האָט זיך באַוויזן אַ קינד וואָס האָט געבראַכט צו טראָגן אַ שוואַרצן קאָסטיום. ער האָט אים דערלאַנגט אַ פּאָר הויזן.

— טו זיי אָן!

לייב האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען. דאָך האָט ער די הויזן גענומען פונעם קינדס הענט. ער האָט געוואָלט זיינע אויסטון אָבער דער פעטער מאַן האָט זיך ווידער אַריינגעמישט:

— ניין, ניין... איבער דיינע. זיי זענען גענוג ברייט.

ענדלעך האָט זיי גאָלדנבערג אָנגעטון. לכתחילה האָט ער געטראַכט אים איבערצופרעגן וועגן דעם אָנטאָן, נאָר מען זאָגט, אַז דער פעטער מאַן, דער באַלעבאָס פון אַזויפיל שאַפן און קאָסטיומען, זאָל האָבן אַ גוט האַרץ, און וויל זיי אים שענקען. „ער האָט מיך אפשר גענומען אַ טרויעריקן פאַר דער וויטרינע, ווי איך בין אָפּגעריסן, און ס'האָט אים באַרירט. אַז איך וועל נעמען פרעגן וועט ער ברוגז ווערן".

דאָס קינד האָט אים נאָך דערלאַנגט אַ רעקל. אין דער לינקער האַנט האַלט ער אַ צילינדער. ער האָט אים נישט באַמערקט. דאָס רעקל איז אָבער נישט געווען אַ געוויינלעך רעקל, נאָר אַ פראַק. אַן אַמתדיקער פראַק, מיט עקן כמעט ביז צו די קנעפּל און ער טוט אים אָן דעם צילינדער אויבן קאָפּ מיט אַן ערנסטן זשעסט.

— דריי דיך אויס, האָט דער פעטער מאַן געזאָגט. און גאָלדנבערג האָט זיך אויסגעדרייט. ער האָט זיך עטלעכע מאָל אויסגעדרייט...

— ס'פּאַסט דיר גוט! ווו איז די בלום? בהמה, ברענג די בלום! דאָס קינד האָט גענומען זוכן.

— ווו איז זי געווען? ווער האָט זי גענומען?

— כ'לעבן זי איז געווען. אָט איז זי! און ער האָט פון דער ערד אויפגעהויבן א פאלשע כריזאנטעם. דער פעטער הער האָט זי צוגעשפּילעט צום לאץ פונעם פראק.

— זשאן, זשאאאאן!...

פון אונטערן פאָרהאנג האָט זיך באוויזן דער אלטער מאן.

— נו, וואָס זאָגסטו? ס'פּאסט אים?

— כ'האָב דיר נישט געזאָגט פון אָנהויב אָן? אָבער כ'מיין, אז ס'איז נישט גענוג דער קאָסטיום אליין. מע דאַרף נאָך האָבן א פּיי־פעלע.

— לאָז געמאך, זשאן. מיר קאָמפּראָמיטירן זיך.

— מיין טייערער, וואָס נוגע רעקלאמע איז נישט פאראן קיי שום קאָמפּראָמיטירונג. וואָס פאר א פראגע? האָסטו געהערט, קאָמפּראָמיס אין מסחר! אזויפיל גרויסע פירמעס, מיט א וועלטנאָמען, פירן איבער די גאסן סטארעס מיט אייזלען, קלאָוונען, שלענג, און דו שעמסט זיך אז א מענטש אין א עלעגאנטן פראק, וועט פייפן פאר אונדזער געשעפט. הייט!

דער הער זשאן האָט ארויסגענעמען פונעם וועסטל־קעשענע א מעטאלן שפּילעכל. דאָס פּייפעלע. ער האָט עס איבערגעגעבן גאָלדנבערגן. גאָלדנבערג איז אָבער שטיין געבליבן מיט דעם אין דער האנט.

— לייג עס אריין אין מויל און פייף, האָט זשאן געזאָגט מיט א פריינטלעכער שטימע. גאָלדנבערג האָט אָבער אויסגעזען גאנץ צעחושט. ענדלעך האָט ער דאָס פּייפעלע אריינגעלייגט אין מויל, ער האָט אָבער נישט געקאָנט פייפן.

— האלט עס אויף דער צונג און שטרענג דיך אָן!

ער האָט זיך אומזיסט אָנגעשטרענגט.

— אך, גיב עס מיר. הער זשאן לייגט עס אריין אין מויל, נערוועז. ער האָט זיך עטלעכע מאָל געקרימט, אָבער אומזיסט.

— עי, צום טייוול, דער שווינדלער האָט אונדז אָפּגענארט! אנו גיב עס אהער.

אָבער דער פליכעוואָטער און פעטער מאן האָט אויך נישט געקאָנט ארויסבאקומען קיין שום קלאנג.

נעבן זיי, האָט דאָס קינד וואָס האָט די קליידער געבראכט זיי פארפאָלגט מיט אָנגעצינדענע אויגן. ער האָט געזאָגט:

— גיט עס מיר!...

וויאזוי דאָס קינד האָט עס נאָר אָוועקגעלייגט אויף דער צונג, האָט עס אָנגעהויבן שארף צו פייפן.

— דו ביסט אָבער צו קליין. דו דארפסט נאָך וואקסן.

מע האָט עס ווידער איבערגעגעבן גאָלדנבערגן. ער האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט עס ארייַנצוליגן אין מויל. ער האָט גענומען אויסטון דעם פראק.

— וואָס טוסטו? פרעגן די צוויי הערן.

— ניין, כ׳קאָן נישט, אזא מין זאך!...

— וואָס הייסט דו קאָנסט נישט?

— כ׳האָב געמיינט, אז איר ווינטשט עפּעס אנדערש. אָבער אזוי, ניין, ניין...

— אוודאי, אנשטאָט צו פארדינען א גראָשן, איז דיר מער ניחא צו בעטלען. צוויי צוואנציקער א טאָג וואָלט דיר קאליע געמאכט. מיר קענען דעם נייעם ארט פון ארבעטלאָזע!

— ניין, האָט לייב קאטעגאָריש געענטפערט.

ער האָט זיך געפילט אויסגעשעמט, פארטיק אנידערצופאלן, פאר די הערן און פארן קינד וועמענס פנים ס׳איז שטענדיק רויק געבליבן.

— איך בין א געוועזענער סוחר, א סך מענטשן קענען מיך. נאָר כ׳האָב א זון, שמעון. ער איז העכער פון מיר. חוץ דעם איז ער רירעוודיק, זייער רירעוודיק. צו אזא זאך דארף מען א יונגן מענטשן.

גאָלדנבערג האָט געליגנערט. פאר זיינע אויגן איז דערשיינען שמעון, מיטן בלייכן אויסגעלאָשענעם געשטאלט, ווי א פלאנץ אָן זון. ער איז געבליבן מיטן פראק האלב אויסגעטון. ער האָט אינגאנצן ארויסגעצויגן דעם לינקן ארבל. ער האָט זיך ארומגעקוקט מיט מידע אויגן ווי ער וואָלט גאָרנישט דערקענט. די ביידע הערן האָבן געווארט. דאָס קינד האָט אויך געקוקט דאָסמאָל אומפּרעסיאָנירט.

— נו, וויפל ווערטו אונדז אָפּהאלטן? האָט דער הער זשאן ווידער געזאָגט. ביטע! און האָט אים דערלאנגט 40 ליי. איך רעכן דאָס פאר א גאנצן טאָג, כאָטש עס זענען נאָך דאָ עטלעכע שעה ביז נאכט.

לייב האָט גענומען דאָס געלט. ער האָט צוריק אָנגעטון דעם פראק. שוין א לאנגע צייט, אז ער האָט נישט פארדינט 40 ליי אין איין טאָג.

— און היינט איז נישט נייטיק קיין פייפעלע. מיט דער צייט וועסטו אויסלערנען בלאָזן. דערווייל וועסטו שטיין פארן מאגאזין און וועסט נאָר מאכן פארשידענע באוועגונגען.

גאָלדנבערג קווענקלט זיך ווידער. ער האָט אויסגעצויגן דעם האלדז און געפרעגט:

— וואָס פאר א באוועגונגען?

— אוודאי מוזטו עפּעס טון. נישט אומזיסט האָב איך דיך אנגאזשירט. אנדערש, וואָלט איך געקאָנט זייער גוט אָנטון א מאנעקין און פּטור מיטן געשעפט.

— יאָ, אָבער וואָס דארף איך טון?

דער באלעבאָס פונעם מאגאזין איז געוואָרן ערנסט.

— שטענדיק וועסטו פארנעמען דעם מיטן פונעם טראָטואר פון פארן מאגאזין. וועסט באגריסן די דורכגייער. אָבער נישט מיט א געוויינלעכן סאלוט. דו בייגסט זיך איין ביז צו דער ערד. דערנאָך שטרעקסטו אויס דעם צילינדער מיט דער גאנצער לענג פונעם אָרעם צו אונדזער וויטרינע מיט שטאָפן. די אלע באוועגונגען וועסטו אויספירן ווי וויט מעגלעך איבערטריבן. עס מאכט נישט אויס, אז דו וועסט ארויסרופן האָפעריקייט. אונדזער כוונה איז, דו זאָלסט אָפציען דעם דורכגייער פון זיינע געדאנקען און ער זאָל אָנקוקן אונדזער וויטרינע. ס'איז געוואונטשן, אז יעדע באוועגונג זאָלסטו אויספירן באגלייט פונעם פייפעלע. דאָס אָבער שפּעטער, נאָך דעם וואָס דו וועסט זיך צו דעם צוגעוויינען. כ'מיין, אז מיר מאָנען נישט ביי דיר קיין שום אויסערגעוויינלעכע זאך, א זייער גרינגע ארבעט. אן איינפאכע גימנאסטיק.

און דער הער זשאן האָט געשמייכלט זייער ליבנסווירדיק.

לייב האָט שוין גאָרנישט געהערט. דער פראק האָט ברייט געריגען אויף אים, און די הויזן האָבן געצלעלער איינגעשלונגען די שיך, ווישנדיק די בריק. זיין קליינער קערפּער האָט זיך פארלוירן אין דעם שווארצן שטאָף פון דעם עלעגאנטן קאָסטיום, בעת דער גאָר הויכער צילינדער, האָט אים אראָפּגעפּרעסט די אויערן, ענלעך צו די פליגלעך פון א נאקעט הינדעלע. ער האָט זיך אויסגעגלייכט די חוט-השדרה מיט א באוועגונג פון לעצטער אָנשטרענגונג. ער האָט פיקס ארייגעקוקט אין די אויגן פונעם „פּראָפעסאָר" מיט דער אָדלער-נאָז, וועלכער האָט אים מיט אזא ערנסקייט און מיט איינצלהייטן איבערגעגעבן, די ערשטע לעקציעס פון זיין נייער מלאָכה.

און לייב גאָלדנבערג איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס. ער האָט פאַרנעמען די מיט פונעם טראָטואַר. פון ביידע זייטן זענען דורכגעגאַנגען די געוויינלעכע דורכגייער. ס'איז אים באַפאַלן אַ בושה און ער האָט געוואָלט אַנטלויפן. ער האָט אָבער געטראַכט, אַז ער וואָלט געווען אויף חוזק ווען ער זאָל לויפן אויף די גאַסן אין פראַק און מיטן צילינדער. מען וואָלט אים געקאָנט כאַפּן און שלאָגן, אָדער גאָר אויספייפן. און וווּ זאָל ער גיין? אַהיים? ער איז געשטאַנען פאַרטמט אין דעם גאַלאַ-קאָסטיום.

פון צווישן די שטאָפן פון דער וויטרינע האָט זיך באַוויזן דעם באַלעבאָס'ס פליכעוואַטע קאָפּ. ער האָט געקלאָפּט נערוועז אין דער שויב. דערשראָקן, האָט לייב אויפגעציטערט. כמעט אומבאַוווּסטזיניק, האָט ער אַראָפּגענומען דעם צילינדער פונעם קאָפּ. ער האָט זיך שטאַרק איינגעבויגן, איבערברעכנדיק זיך. דאַן האָט ער מיט אַ פאַרצווייפלטער באַוועגונג, אויסגעשטרעקט דעם אָרעם צו דער וויטרינע. דערנאָך, האָבן זיך די באַוועגונגען איבערגעחזרט אָן אויפהער, גיך און ווילנדיק מער ווי ער געפינט זיך און וואָס ער טוט.

פון יענער זייט וויטרינע מיט שטאָפן, האָבן ביידע באַלעבאַטים אויפמערקזאַם נאָכגעשפּירט, פרייענדיק זיך איבער דער אומדערוואַרטעטער טויגלעכקייט פון לייב גאָלדנבערג.

תיכף ווי מע האָט געגעמען שליסן די געשעפטן, האָט מען לייבן אַריינגערופן. ער האָט איבערגעגעבן, דעם זעלבן קינד, דעם קאָסטיום און דעם צילינדער.

— זעסטו שוין ווי ס'גייט? האָט איינער פון די באַלעבאַטים, אַ צופרידענער, געזאָגט. גאָלדנבערג האָט גאָרנישט געענטפערט און איז אַרויסגעגאַנגען פונעם מאַגאַזין.

— מעגלעך, אַז דער משוגענער זאָל שוין מאָרגן נישט קומען.

— ווייסעך וואָס. דו קענסט נישט קיין מענטשן, נישט די צייטן וועלכע מיר לעבן איבער, האָט דער הער זשאַן געענטפערט, נישט אויפהייבנדיק די נאָז פון אַ רעגיסטער.

לייב האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט פאַרגעסן דעם מאַנטל אין קלייט, ער האָט אָבער קיין מוט געהאַט זיך אומצוקערן. „מעגלעך, אַז איך וועל שוין קיינמאָל נישט צוריקגיין". ער האָט אַרויסגענומען דאָס פּייפעלע און עס אַריינגעשטעקט אין מויל. ער האָט געפּרוווט אויף אַלע אופנים מאַכנדיק אמתע אָנשטרענגונגען, נאָר אָן אַ רעזולטאַט.

דאָס פּייפעלע האָט נישט געוואָלט שווײַגן. ער איז געגאַנגען מיט איילעניש און זיך דאָך פון מאָל צו מאָל אָפּגעשטעלט באַשעפטיקט מיט דעם קליינעם אינסטרומענט.

אויפן עק גאַס האָט ער געזען האַראַלאַמביע אַנטקעגן. ער איז גע־גאַנגען מיט די הענט אין די קעשענעס. ער האָט געוואַרט. גאָלדנבערג האָט אים געזאָגט גוטן־אָוונט און זיך אָפּגעשטעלט.

— ביסט נאָך אַלץ ברוגז אויף מיר?

האַראַלאַמביע איז געבליבן אומבאַוועגן און נישט געענטפערט.

— כ׳מיין, אַז כ׳האָב דיך קיינמאָל נישט געערגערט. וואָס בין איך שולדיק, אַז...

— ברוגז בין איך נישט. פאַרוואָס זאָל איך זיין? נאָר כ׳האָב נישט ליב, אַז עמיצער זאָל זיך אַריינמישן אין מיינע געשעפטן.

— נישט דאָס איז די סיבה. דו ביסט קענען מיר, האַראַלאַמביע. ביסט דען דער איינציקער? פאַר אונדז, ווערט דאָס לעבן אַלץ שווע־רער... דאָך האָב איך געפונען אַ שטעלע. אָקערשט זייט אַ פּאָר שעה. איך פאַרנעם מיך מיט אַ מין רעקלאַמע...

— רעקלאַמע? האָט אַנטקעגן מיט איבעראַשונג געפרעגט.

— יאָ, אַזאַ מין. גאָלדנבערג האָט זיך איבערגעשראָקן פאַרן גע־דאַנק, אַז זיין שכן וואָלט געקאָנט דערפאַרן זיין נייע באַשעפטיקונג.

— מסתמא ביסטו צופרידן. עס מוז זיין אַ גרינגע דינסט.

— ניין, ס׳איז נישט קיין שווערע.

— מאַכסט רעקלאַמע גייענדיק צי שטייענדיק אויף אַ פּלאַץ?

— וואָס ווילסטו דערמיט זאָגן?

— מיר האָט פון תמיד אָן אינטערעסירט רעקלאַמע, פּרוווט אַנטקע אים דערקלערן, באַשייפּערלעך צעמישט. מע זאָגט, אַז אין אַמעריקע ווערט געמאַכט רעקלאַמע אויף אַ זייער ברייטן מאַסשטאַב. אָבער וואָס האָסטו אין מויל? עס שטערט דיך ביים רעדן.

— בע, אַ נאַרישקייט! אַ מין פּייפעלע. כ׳האָב עס געקויפט פאַר אייניקן. כ׳האָב נאָך אַנדערע זאַכן גענעמען פאַר די קינדער. אַמענטש מיט אַ געהאַלט. און לייב האָט זיך אָנגעשטרענגט צום לאַכן. ביידע האָבן געשוויגן. גאָלדנבערג האָט ווידער אָנגעהויבן.

— די לעצטע צייט האָסטו דיך נאָך געענדערט. כ׳האָב עס אויך באַמערקט ביים גיין. טרעטסט אַנדערש. גלייך ווי דו ווייסט נישט ווי־אַזוי צו גיין.

— ביסט משוגע! פון וואנען האסטו דאס גענומען?

— נו, א גוטע נאכט, הארלאמביע, וואָרעם באלד ווערסטו ווידער ברוגז און כ'וויל נישט. כ'האָב דיר געזאָגט, אז מיר קאָנען זיך מער נישט איינפארשטיין...

אַאנצע איז געבליבן אויפן עק נאס, פארפרעמדעט, איינגעבויגן, מיט די הענט אין די קעשענעס. לייב גאָלדנבערג האָט זיך באשלאָסן שוין קיינמאָל נישט צו רעדן מיט הארלאמביען. ס'האָט אים באנג געטון וואָס ער האָט אים אָפּגעשטעלט ווען ער האָט גאנץ גוט געקאָנט זיך גיין זיין וועג. ער איז ווייניקסטענס צופרידן וואָס ער איז פאַר-זיכטיק געווען און האָט אים נישט אויסגעזאָגט זיין נייע באשעפטי-קונג. קיינער דארף עס נישט וויסן. וואָס וואָלט געווען ווען מע זאָל זיך דערוויסן, אז לייב גאָלדנבערג, אָנגעטון ווי א קלאון, מאכט זיך משוגע פאר א קלייט! די גאנצע פּאַרשטאָט וואָלט זיך צונויפגעלאָפן אים זען. ער האָט אויפגעציטערט ביי דעם געדאנק. נישט שרה, נישט שמעון דארפן עס וויסן. אבסאָלוט קיינער נישט.

ער האָט נאָך געהאט עטלעכע טריט ביז אהיים, אז דאָס פּייפעלע פונעם מויל האָט אומדערוואַרטעט ארויסגעלאָזט שארפע און לאנגע שווּיפּטשערייען. אן אומגעהייערע פרייד איז אים באפאלן. ער האָט גע-נומען לויפן און איז אריינגעפאלן צווישן זייניקע מיט אומבאהערשנ-דיקע און בריישע זשעסטן, בלאָזנדיק פונעם פּייפעלע.

— לייב, שרייט שרה, א דערשראָקענע, לייב, לייב, ביסט משוגע געוואָרן?

ער האָט אָבער ווייטער געפייפט, נישט נעמענדיק קיינעם אין אכט.

צום סוף איז ער אנידערגעפאלן אויפן בעט. ער איז געווען געל און מיט א נאסן שטערן פון שווייס.

אין שטוב איז געוואָרן שטיל: א טויטע שטילקייט. אינלעבער איז פארשטיינערט געוואָרן אויף זיין אָרט, און קיינער האָט נישט געוואגט ארויסזאָגן א וואָרט. לייב האָט זיך געשטעלט אויף די פיס, זיינע באַ-וועגונגען האָבן דאָך געבראָכן די שטילקייט. ער האָט ארויסגענומען פון דער רעקל-קעשענע א מאראנץ און געגעבן שמעונען. די אויגן פון-נעם קראנקן קינד האָבן גלעזערדיק געפינקלט בעת א ביינערדיקע האנט האָט ציטערדיק גענומען די פרי. פאר חיהן, האָט לייב געהאט א האָנדל פון געברענטן צוקער, און די אנדערע האָט ער געגעבן צו א באָקסער, נאָך וועלכן ער האָט פאר די קינדערס אויגן,

שׂרהן דערלאַנגט דאָס רעסט געלט, זאָגנדיק מיט א צו שטאַרקן קול:

— כ'האָב שוין געפונען א שטעלע. נישט געזאָרגט. מיר זענען געראַטעװעט. אן איינציקע טרער האָט געריגנען פון שׂרהס טרוקן אויג. שמעון האָט דעם טאַראַנץ צוגעטוליעט צום פּנים, װערנדיק אױפגעלעבט. אויך ער האָט געזאָגט שטיל, מיט פאַרברענטע ליפּן: „דער טאַטע פאַרדינט". אייזיק און לוי האָבן צודרינגלעך געמאָנט דאָס פּייפעלע, כאָטש איינמאָל דערמיט א בלאָז צו טון. לייב האָט אָפּגעזאָגט און אָנגעשריגן:

— דאָס איז נישט דערלויבט. ס'איז נישט קיין שפּילעכל!

נאָך דעם װי לייב האָט עפּעס איבערגעכאַפּט, האָט ער דאָס פּייפעלע נאָכאַמאָל אַריינגעלייגט אין מויל. ער האָט זיך אויסגעצויגן אין בעט, מיטן פּנים אַרויף, און האָט נאָך אַ־ויסגעלאָזט עטלעכע שװאַכע קלאַנגען. ער האָט זיך געחזרט.

נעבן אים איז געשלאָפן לוי, און אויפן אַנדערן עק, שׂרה מיט אייזיקן. נאָר שמואל איז געשלאָפן אויף דער בריק, אין מיטן צימער. די דאָזיקע פאַרטיילונג האָט עקזיסטירט זייט שמעון איז קראַנק געװאָרן.

לייב איז תיכּף אַנטשלאָפן געװאָרן. ער איז אָבער איינגעשלאָפן מיטן פּייפעלע אין מויל. לוי האָט אַלעמאָל אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אויפמערקזאַם נאָכגעשפּירט דעם פאָטערס מינדסטע באַװעגונג. אַצינד האָט ער גראָב געשנאָרכעט װי א צעבראָכענער מאָטאָר. צומאָל, האָט ער געפלעסקעט מיט די ליפּן עפּענענדיק דאָס מויל. לוי האָט אומגעדולדיק געװאַרט, אַז דאָס שפּילעכל זאָל אַרויספאַלן פון זײַן מויל. צװיי מאָל האָט זיך באַװיזן אויף דער אונטערשטער ליפּ, אַן עק פון א בלישטשנדיק מעטאַל. ער האָט שוין אַפילו געהאַט צוגעגרייט די פינגער אין דער פאָרם פון א צװענגל כּדי עס אָנצוכאַפּן. ער האָט קיין מוט נישט געהאַט.

— מאַמע, האָט לוי אויס.געשריגן אן אומרויקער.

— ?

מאַמע, דער טאַטע שלאָפט מיטן שפּילעכל אין מויל. ער זאָל נישט דערשטיקט װערן.

קיינער האָט אים אָבער נישט געענטפערט. חוץ דעם קראַנקן שמעון, שלאָפן אַלע. שפּעט אין דער נאַכט איז לוי אויך איינגעשלאָפן, צוטוליענדיק זיך צום קערפּער אין װעלכן ס'איז געװען באַהאַלטן א שפּילעכל.

איידער דער שלאָף האָט אים פאַרכאַפּט, האָט זיך לייב גאָלדנבערג געמאַכט אַלע חשבונות, קומענדיק צום אויספיר, אַז ער דאַרף בלייבן אויף דער דאָזיקער שטעלע. ווען ס'זאָל נישט זיין דער פּראַק און דאָס פּייפּעלע!... ער וועט אָבער אין זינען האָבן זיך צו מאַסקירן די פיגור כדי מע זאָל אים נישט דערקענען.

ער האָט זיך ווידער געזען פאַר דער קלייט. די גאַס איז שוין נישט געווען די זעלבע. זי איז שטאַרק ברייט געוואָרן. ביי די קלאַנגען פון זיין פּייפּעלע, האָבן געגעמען ווי אויסוואַקסן פון דער ערד, כוואַליעס מיט מענטשן. די גאַס האָט מער נישט געקלעקט און אַ גרויסער טייל עולם האָט זיך געדראַפּעט אויף די געביידעס. ביידע באַלעבאַטים שטייען אונטער זייגע פּלייצעס. נעבן זיי, דאָס קינד, היטנדיק אַ ריזיקן הויפן מיט פּראַקן. קיינער האָט קיין וואָרט נישט געזאָגט. ס'האָבן זיך נאָר געהערט דאָס געטראַפּל פון די פיס און די קוויטשערייען פון-נעם פּייפּעלע וואָס זענען אַצינד געוואָרן אַזוי שטאַרק ווי די פאַר-צוייפלטע געשרייען פון אַ סירענע פון אַ פאַבריק. עס זענען אָנגעקומען אַנדערע גרופּעס מיט מענטשן. גאָלדנבערג האָט צווישן זיי דערקענט, אַ סך מענטשן. עס זענען געווען סאַמע אַרבעטלאָזע. אַלע אַרבעטלאָזע פון דער שטאָט. פיגורן: פאַרצווייפלטע, אָפּגעריסענע, מיט געפּלאַצטע שיך. אַ שטימע פון דער מאַסע פרעגט:

— וועגן וואָס רופסטו אונדז, לייב גאָלדנבערג? דו גיסט אונדז אַרבעט?

ער האָט נישט געענטפערט און ווייטער געפייפט. אָבער די זעלבע שטימע האָט זיך צום צווייטן מאָל געלאָזט הערן:

— דו גיסט אונדז אַרבעט, לייב גאָלדנבערג?

ער האָט איבערגעבראָכן די מעטאַלענע קלאַנגען וואַרפנדיק זיינע בליקן איבער דער מאַסע מענטשן. ער האָט געענטפערט:

— אַוודאי, אַנדערש וואָלט דאָך נישט געהאַט קיין שום זין אייך צו פאַרזאַמלען. די פון אויף די געביידעס זענען אַראָפּגעשפּרונגען און צווישן עולם האָט גענומען וואַקסן אַ ברויזן פון פרייד.

— בראַוואָ, לייב! בראַוואָ, לייב! רעטער!...

גאָלדנבערג האָט זיך דערמאַנט געפילט אַזוי קרעפטיק ווי ער איז נאָך קיינמאָל נישט געווען.

פון דעם שטאָפּן-געשעפט, זענען אַרויסגעגאַנגען אַנדערע הערן

גוט געקליידעטע. זייער צאָל איז גרעסער געוואָרן פאַרנעמענדיק דעם גאַנצן טראָטואַר. אין אַנדערע שטימע האָט געפרעגט:

אָבער יענע געבן דיר, וואָס זוכן זיי דאָ ?

— פאַרשטייסט נישט אַזאַ קלייניקייט ? האָט גאָלדנבערג אומקלאָר געענטפערט: דאָס זענען די באַלעבאַטים. דער הויפן קליידער זענען אייערע פּראַקן. יעדער פון אייך וועט פייפן, ווי איך פאַר זייערע קלייטן.

— שמעון זאָלסטו דיך! האָט די גאַנצע מענגע אויסגעשריגן.

— שמעון זאָלסטו דיך! מענטש אָן ווירדע!

די באַלעבאַטים זענען אַנטלאָפן. זיי האָבן מיטגענומען די פּראַקן. גאָלדנבערג איז נאָר מיטן קינד געבליבן.

אויפן דאַך פון אַ שטוב האָט זיך באַוויזן איסקאָוויטש, יענער וועלכן לייב האָט געזען ווי די אַנטיסעמיטן האָבן אים געטרעטן מיט די פיס. ער האָט פּלוצים באַקומען זעלבסט-צוטרוי און געטראַכט: „איסקאָוויטש וועט מיך פאַרטיידיקן. ער וועט זיי באַרויקן". אָבער איסקאָוויטש האָט זיך אוועקגעשטעלט אויף די פיס און אַ וואָרף געטון אַ שטיין טרעפנדיק גאָלדנבערגן גלייך אין פּנים. ער האָט געפילט אין מויל די וואַרעמקייט פונעם בלוט.

לייב גאָלדנבערג איז אויפגעשפּרונגען פונעם בעט. האָט אויסגעשפּיגן אַ דערשראָקענער, נאָר אַנשטאָט בלוט, האָט ער אויסגעשפּיגן דאָס פייפעלע.

ער האָט געוואַרט אַ פּאָר רגעס. ס'האָט אים קיינער נישט געזען. שמעון איז געשלאָפן מיטן פּנים צוגעקלעבט צום מאַראַנץ. ער האָט אויפגעהויבן דאָס פייפעלע, דאַן האָט ער זיך צוריקגעלייגט, מיט פאַרזיכטיקע באַוועגונגען, כדי נישט אויפצוּוועקן לוין.

אין אַ פרילינג-נאַכט איז שמעון געשטאָרבן. דאָס איז נישט געווען קיין גרויס געשעעניש אין דער פאַרשטאָט. מע האָט אים געפירט מיטן חברה-קדישא-וואָגן, באַגלייט פון דער פאַמיליע גאָלדנבערג און פון האַראַלאַמביע אַנצע מיט זיין ווייב. פרעמדע זענען נישט געווען חוץ דער חזן, דאָס פערד און דער קברן. לייב האָט זיך געחידושט פון אַנצעס אָנוועזנהייט. ער האָט שטאַרק געוואָלט זיין אַוועקגעגאַנגען און דערצו באַגלייט פון זיין ווייב. זיי האָבן נישט געביטן קיין וואָרט, נאָר ביים צעשיידן, האָט אים לייב געזאָגט:

— איך דאַנק דיר. ס'אַרט מיך וואָס דו האָסט פאַרלוירן אַן אַרבעט-טאָג. איך ווייס וואָס דאָס הייסט...

— מיר זענען דאָך מענטשן, האָט האַראַלאַמביע געענטפערט.

זיי האָבן זיך געדרוקט די הענט און מער נישט געזען. גאָלדנבערג האָט געגאַרט זיך מיט אים צו באַגעגענען, ער זאָל זיך מיט אים דורכ-שמועסן, זייענדיק גרייט אים צו פרעגן צי ער איז אָדער נישט אַן אַנטיסעמיט. ס'האָט זיך אָבער נישט געיאָוועט די געלעגנהייט.

גאָלדנבערג איז רעגלמעסיק געגאַנגען צו זיין דינסט. ער האָט זיך כמעט גוט צוגעוווינט. ער האָט נאָך געהאַט געוויסנסביסע, ס'פלעגט אים אָבער געלונגען זיי צו ברעכן. זיין הויזגעזינד האָט נישט דערזאָרן וואָס ער טוט אין שטאָט. זיי האָבן געוווּסט, אַז ער איז ערגעץ־ווו אַ פאַרקויפער אין אַ קלייט. אינצווישן, האָט מען אים געהעכערט דעם געהאַלט מיט 5 ליי אויפן טאָג. זיין אָנוועזנהייט פאַר דער קלייט האָט צוגעצויגן אַ סך קונים. נאָך אין משך פון צוויי חדשים, זינט ער פלעגט פייפן, האָבן זיך פאַרדאָפּלט עטלעכע סחורה־באַשטעלונגען. דער הער זשאַן האָט ביי יעדן אומשטאַנד אויסגערופן:

— אַ אינטעליגענטע רעקלאַמע פאַרשלייסט שנעל סיי וואָס פאַר אַ סחורה!

דערפאַר האָבן זיי באַשלאָסן צו פאַרשטאַרקן די רעקלאַמע. אין אַן אויפדערנאַכט, בעת לייב האָט אויסגעטאָן דעם פראַק, האָבן אים די באַלעבאַטים געזאָגט:

— פון מאָרגן אָן וועסטו האָבן אַ נייעם חבר. מיר לאָזן ארויס עפּעס אַנדערש.

גאָלדנבערג האָט נישט געלייגט קיין שום אכט דערויף. וואָס איז עס אים אָנגעגאַנגען? דעם צווייטן טאָג האָט ער, ווי געוויינלעך, זיין פּאָסטן איבערגענומען. נאָך אין אַ פּאָר מינוטן אַרום, האָט זיך באַוויזן אַ מענטש אויף שטאָלצן, אָנגעטאָן אין אַ קאָסטיום פון רויטן ציטן. ער איז געגאַנגען שלעפּנדיק דעם קערפּער כמעט נאָענט צו די פירמעס. ער האָט געהאַט אין דער האַנט אַ הילצערנע שלאַנג און האָט זיך אָנגעשטעלט פאַר דעם שטאָפּן־מאַגאַזין. גלייך מיט אים, איז געקומען אַ טשאַטשע מיט אויסוואָרפן, וועלכע האָבן זיך געדרייט אַרום אים. דער מיט די שטאָלצן האָט די שלאַנג באַוויגן איבער די קעפּ פון די דורכגייער, נישט לייגנדיק קיין אכט אויף קיינעם. אין דער צייט, האָט גאָלדנבערג אויסגעפירט זיינע באַוועגונגען באַגלייט פון די זעלבע פייפערייען.

מיטאַמאָל איז ער שטיין געבליבן. ער האָט אַרויפגעקוקט, אַ גע-פּלעפעטער, צום מענטשן מיט די הילצערנע פיס. דער האָט שוין אויך נישט באַוויגן די שלאַנג.

— דו ביסט עס, הארלאמביע?

— שווייג, לייב, שווייג שטיל!...

די שלאנג האָט זיך ווידער גענעמען באַוועגן אָנווייזנדיק אויף דער פירמע פון דעם שטאָפּן־מאַגאַזין. ווידער האָט זיך גאָלדנבערגס געפּייפּערי געלאָזט הערן.

אויפגערגאכט, האָבן זיי זיך אומגעקערט איינעם נאָך דעם ווי הארלאמביע האָט אין א קאנאל פארבאהאלטן זיינע שטאָלצן.

זיי זענען געגאנגען איינער נעבן דעם אנדערן, מיט אויפגעהייטערטע און לויטערע הערצער.

— אצינד ווייס איך שוין, האָט גאָלדנבערג שפּעטער געזאָגט. אצינד ווייס איך פארוואָס דו האָסט דיך אויף מיר אָנגעברוגזט. כ'האָב געמיינט, אז דו האסט מיך ווייל כ'בין א ייד. ביסט געקומען צו שמעונס לויה און דערנאָך האָב איך שוין גאָרנישט פארשטאנען...

הארלאמביע האָט שפּעטער געענטפערט:

כ'האָב פארשטאַנען דיין מורא, לייב. איך האָב אויך צו דעם געטראכט. כ'האָב אָבער געלאָזט, אז דו זאָלסט מיך באטראכטן אלס אזעלכן איידער זיך אויסצוגיבן. אצינד ווייסטו שוין אלץ און באדארפסט מער נישט קיין דערקלערונג... אָבער וויאזוי וואָלט איך דיך געקאָנט האסן ווייל דו ביסט א ייד? איך וואָלט אפילו קיין צייט נישט געהאט וועגן דער דאָזיקער שנאה... ליידסט דו נישט פונקט ווי איך? רייען מיר זיך נישט אין דעם זעלבן שמוציקן וואסער פון גוויט? די שנאה, לייב, איז אויך אן אויסטראַכטעניש פון די רייכע!...

גאָלדנבערג האָט נישט געקוקט צו הארלאמבן. ער האָט נאָר געהערט די צערטלעכע שטימע, פון א פויער, און די אומרעגלמעסיקע באַוועגונגען פון די פיס, וועלכע האָבן אצינד פארלוירן זייער גלייכגעוויכט צוליב די שטאָלצן.

די נאַכט איז געווען א ווארעמע.

ס'האָבן געפלאצט די קנאָספּן פון די פלידער און די לופט פון דער פאַרשטאָט האָט געשמעקט מיט פרוכט. מען איז איבערגעטרעטן, אייגנטלעך, די שוועל פונעם ווינטער, צו דער יוגנטלעכקייט פון אן אמתדיקן פרילינג.

# דער קאָלעגע

— וואָס האָסטו זיך פאַרטראַכט? וווּ קוקסטו?

מיטן לעפעלע וואָס איז שטעקן־געבליבן אין האַנט — וועלכע איז ראַפּטעם אונטערבראָכן געוואָרן אויפן האַלבן וועג, צווישן מויל און טעלערל, אין וועלכן ס׳האָט זיך לאַנגזאַם געשמעלצט א געשמאַקער „קאַטאַיף“[1] — איז יאַנעסקו יאָן: רעגירונגס־קאַנדידאַט, אַדוואָקאַט, אייגנטימער פון עטלעכע פאַרמעס אין בעצירק און שטאָקיקע הייזער אין דער הויפּטשטאָט, געבליבן אומבאַוועגלעך. ער האָט גלייך געקוקט אויף א מיסטעריעזן פּונקט דורכן ברייטן פענצטער פון דער פּראָווינציעלער קאָנדיטעריי, גאַנץ פאַרטראַכט, באַאומרואיקנדיק זיין ווייב וואָס איז נעבן אים געזעסן.

— צו וועמען קוקסטו, זשאַן? אַ־! ווי אומדערטרעגלעך דו ביסט!

— ...

— איך פרעג דיך און דו...

אָבער יאַנעסקו, נישט ענטפערנדיק איר, בלייבט אין דער זעלבער אומבאַוועגלעכקייט.

— זשאַן, פאַרשטיי, אַז איך האַלט עס מער נישט אויס... זאָלסט וויסן, אַז איך שריי.

ענדלעך, דרייט ער זיך אויס און זאָגט איר מיט א שמייכל:

— ער איז עס.

---

[1] קאַטאַיף — א טערקיש געבעקס.

— ווער?

— ער.

— וואָס פארא ער? פארוואָס קלערסטו מיך נישט אויף?

— דער קאָלעגע.

— ??

— דו וועסט זען. נאָר אביסעלע געדולט.

— ...

— ס'איז מיר נאָר שווער געווען ביז כ'האָב מיך איבערצייגט. אצינד איז שוין נישט פאראן קיין שום ספקות. ער איז עס. בידנער מענטש! מעגלעך, אז זיין לאגע איז... (גיט א טיפן זיפץ) צום קעלנער: זייט אזוי גוט, און רופט אריין יענע פערזאָן פון דרויסן. יאָ, יאָ. דעם הער וואָס שטייט אָנגעשפארט אָן פאנאר.

אויף יענער זייט פון דער קרישטאָלענער וואנט, פון דער וויטרינע, אויפן טראָטואר, האָט א פארשוין, אונטערשפארנדיק מיט די פלייצעס אן עלעקטרישן סלופ, געפרווט צו מאכן א ציגאר פון אין דער דלאָניע אויסגעשיטע רעשטלעך.

אין דער עלעגאנטער קאָנדיטעריי איז, תיכף נאָכן קעלנערס אוועק־גיין, פאָרגעקומען צווישן יאָנעסקון און זיין פרוי פאָלגענדער דיאלאָג:

— וואָס איז מיט דעם בעטלער וואָס דו רופסט צום טיש?

— ער איז א געוועזענער שול־קאָלעגע.

— א קאָלעגע?

— כ'האָב דערקענט זיין פיגור.

— נו, איז וואָס, ווילסט מיר זאָלן זיך אויף געלעכטער מאכן? גראָד אצינד, פאר די וואלן?

— פארוואָס מיינסטו, אז מיר מאכן זיך אויף געלעכטער, ווען איך לייד איין א בידנעם... אָרעמאן, וועלכער איז מיר געווען... א קאָלעגע פון אמאָל... פארקערט... דארפסט נישט פארגעסן, אז איך שטעל מיט זיך פאָר, א דעמאָקראטישע פארטיי...

— אָבער דו זעסט נישט ווי אלע ארום האָבן גענעמען קוקן אויף אונדז?

— דאָס קומערט מיך ווייניק. בעסער אזוי. ס'האָט מיר נישט וואָס קאליע צו מאכן. פארקערט. זיין לאגע טוט מיר וויי; דו ווייסט דאָך, אז איך בין א פארעקשנטער סענטימענטאל...

— איך ווייס, אז דו...

— ערשטנס, איז ער א מענטש פונקט ווי איך, פונקט ווי אנדערע, און גלייך ווי יעדער איינער פון די אויסגעצאצקעטע פון דאנען... איי ער איז געמיין אָנגעטון? וואָס מאכט עס אוים? ער איז מיר געווען א שול-קאָלעגע. וו איז דיין גוט הארץ, דיין גאָלדן הארץ, לענוש? דארפסט זיך נישט שעמען מיט דיין מיטמענטש... ס'איז נישט שיין, ס"איז נישט קריסטלעך...

דער הער יאָנעסקו האָט א רגע די אויגן פארמאכט: א בילד איז פאר אים באלד דערשינען אויפן אינעווייניקסטן עקראן פון זיינע צונויפגעדריקטע וויעס: דעם פינאנץ-מיניסטערס אויטאָ פאָרט אריין אין הויף פונעם מיניסטעריום און שטעלט זיך אָפּ, מיט א לאנגן גרילצן, פאר די פאָדער-טרעפּ. א וואכמאן שטופּט זיך דורך דורכן דרענגענדיקן עולם, וואָס איז זיך אָנגעלאָפן פון אלע עקן פונעם לאנד, מיט פארשידענע אינטערעסן און גוישן.

דער הער מיניסטער שטייגט אָפּ, מאכט עטלעכע שפּאן און וואַרפט א דורכלויפנדיקן בליק איבער די קעפּ פון יענע וועלכע האָבן זיך מיט רעספּעקט אָפּגערוקט אויף א זייט. דערנאָך, שטעלט ער זיך פּלוצים אָפּ. קוקט א פּאָר רגעס נישט-אנטשלאָסן און מאכט א סימן מיט דער אָנגעהענגטער האנט.

דער וואכמאן בלייבט אין פאַרלעגנהייט. ער פארשטייט אָבער באלד אין וואָס ס'האנדלט זיך, וואָרעט ער שרויפּט זיך איין אין דער געדעכטער מאסע וועלכע פאָלגט נאָך מיט נייגיר די סצענע און דערטאַפּט א מאָגערן פארשוין, אָנגעטאָן אין אָפּגעריבענע קליידער, פון צייג, באשפריצטע מיט ווייסע קאליך-פלעקן און מיט א צעפּלעטשט היטל אויף אן אויער. דער פארשוין גייט צו, שעמעוודיק, צום הויכן ווירדענטרעגער. דער מיניסטער לייגט ארויף א האנט אויף זיין אקסל און זאָגט צו אים לאַבנדיק:

— דו דערקענסט מיך שוין נישט?

— ניין, הער... הער מיניסטער, שטאמלט דערשיטערט דער געפרעגטער.

— וואסילעסקו! וואסילעסקו דאָמיניק, פון די עלעמענטאר-קלאסן. איז עס מעגלעך זאָלסט מיך האָבן פארגעסן, דו פעטריקע? וויאזוי האָב איך דיך דערקענט? וואָס פארא נויט האָט דיך אהער געבראכט? א געזור? ניין, ניין. ווייז עס מיר נישט אצינד. קום מיט מיר ארויף.

און דער מיניסטער נעמט פארן אָרעם זיין געוועזענעם קאָלעגע פעטריקע, זיי גייען ביידע אריין, פריער פון דער פאָרגעשריבענער שעה

פאַר די אַנדערע שטערבלעכע; דער באַטרעסטער פּאַרטיער גיט זיי אָפּ אַ ברייטן סאַלוט, בעת דאָס באַגייסטערטע פּובליקום איז גרייט אויסצוברעכן אין אָוואַציעס...

ווען די דאָזיקע סצענע איז זיך פאַרלאָפן, וואָלט יאָנעסקו נישט געקאָנט זאָגן, וואָרעם ער איז נישט געווען דערביי. מעגלעך, אַז זי איז אַפילו נישט פאָרגעקומען אַקוראַט אַזוי. עטעצער האָט עס אים אַזוי דערציילט אָדער אַזוי אויסגעטראַכט. ס'איז געגוג, אַז זייט דעמלט האָט ער זיך דערפילט, ער ווייסט נישט וויאַזוי און מיט וואָס פאַראַ צוועק, מיט אַ נייעם, מאָדנעם געפיל, איינגעבאַקן אין האַרצן: זאָלסט זיין גרויס... זאָלסט זיין גוט... זאָלסט איבערשרעקן די הכנעהדיקע מיט דיין וויכטיקייט, כדי דערנאָך זאָלסטו זיין גוטמוטיק צו שמייכלען אַקוראַט ווי עס וואָלט געקאָנט טון דער הער מיניסטער, זאָגנדיק צו זיי פון אויבן:

— וואָס, דערקענסט מיך שוין נישט? יאָנעסקו (מיט וואַרעמקייט) יאָנעסקו, דער קאָלעגע פון דעם ערשטן עלעמענטאַר-קלאַס (מיט וואַרעמקייט) יאָנעסקו, דער קאָלעגע פון דעם ערשטן עלעמענטאַר-קלאַס, (מיט בלומרשטער גלייכגילטיקייט) דער יוסטיץ-מיניסטער יאָנעסקו. (מיט צבעות) איר האָט זיך פאַר מיר דערשראָקן? איך וועל אייך דאָך נישט אויפעסן... אך! ווי גוט און פּיפּיק ער וואָלט דאָס אויסגעדרייט, ווען ער זאָל ווערן אַ מיניסטער. ער וואָלט אַ קוש געגעבן, טאַקע אויפן אָרט, פאַרן גאַנצן עולם, דעם קאָלעגע פּעטריקע, מיט דער צורה פון אַ מויערער, כדי צו געבן אַ פּרעכטיקן ביישפּיל, אַן איינדרוקספולע לעקציע פון דעמאָקראַטיזם.

— מיך האָט איר גערופן, מיין הער?

— יאָנעסקו האָט אויפגעציטערט, אויפגעכאַפּט פון זיינע געדאַנקען.

דער קאָלעגע איז פאַר אים געשטאַנען, שעמעוודיק, דרייענדיק אין זיינע גרויסע און גראָבע הענט אַ פאַרשמאָלצענעם קאַפּעליטש. די אַלטע, געלאַטעטע מלבושים האָבן זיך צוגעפּאַסט צו די געפּלאַצטע שיך. אַ גרויסע טשאָפּרונע מיט האָר, פון וועלכע די שער-מאַשין האָט מסתמא, שוין חדשים-לאַנג נישט געזען, האָט זיין פאַרגעלט פּנים געגעבן דעם אויסזען פון אַ געשפּענסט.

יאָנעסקו האָט אויסגעוויזן צופרידן צו זיין מיט דעם קאָלעגעס פּרצוף. גאָר ערנסט האָט ער זיך אָנגערופן צום קעלנער:

— אַ בענקל פאַר דעם הער. יאָ, פאַרן הער. כ'מיין, אַז דו האָסט

מיך פארשטאנען. נישט? אזוי! זיץ! זעץ דיך אנידער, פריינט, און קוק מיר גלייך אין די אויגן! נו?

— ??

— קוק דיך גוט איין. נישט איבערפלעכלעך... נאָך... נאָך... א נו זאָג מיר, ווער בין איך? וואָס? דו דערקענסט מיך שוין נישט?

— דאכט זיך...

— זאָג שוין, צום טייוול!

— ??

— יאָנעסקו. יאָנעסקו יאָן. (וואָס וואָלט ער נישט געגעבן ער זאָל קאָנען זאָגן: יאָנעסקו, יוסטיץ-מיניסטער אָדער וויינקסטעס גענע-ראל-דירעקטאָר פאר רעכטלעכע ענינים. אביסל טרויעריק) אדוואָקאט יאָנעסקו. רעגירונגס-קאנדידאט. ווי קומט עס וואָס דו האָסט מיך פארגעסן? מיר האָבן נישט געלערנט אינאיינעם אין דער פאָלקס-שול?

— אהא! עפּעס הייב איך מיך אָן צו דערמאָנען... איר האָט זיך נאָר שטארק געביטן...

— אָ! געווים האָב איך מיך געביטן.

— איר פלעגט דעמלט טראָגן קורצע הויזן.

— יאָ, יאָ, יאָ, כא, כא, כא! הערסט לענוש: קורצע הויזן. שטעל דיר פאָר דיין מאן מיט קורצע הויזן... כא, כא, כא!

יאָנעסקו האָט געלאכט געצווונגען און אלץ רעשנדיקער. דערנאָך בארויקט:

— מיר זענען געווען קאָלעגן. אין דער שולע נומער...

— ... אכט, געבן...

— ... סטאוורעס „בראגאדזשעריע“ [1]). אמת?

— אמת.

— איך האָב דיך דערקענט, טראָץ דעם שטויב פון די יאָרן. ע-הע-הע! שיינע צייטן...

— ...

— אָבער שעם דיך נישט. זיץ געמיטלעך. אנטשולדיק, וואָס ווילסטו געניסן? א סאוואַרינע? א קאטאיף? צי אפשר... מוזט זיין הונגעריק? אין דעם פאל, א קאווע מיט מילך? שעם דיך נישט! זאָג וואָס דו ציסט פאָר?

---

[1]) בראגע — א בולגאריש געטראנק; בראגאדזשעריע—הירזעגעטראנק-שענק.

— א דאנק. איך וואָלט נישט געוואָלט...

— וואָס פאר א דאנק? צווישן פריינט, צווישן געוועזענע קאָלעגן, גייען נישט אָן אזעלכע פוילע שטיק.

— אויב עס מאַכט איך פארגעניגן...

— קעלנער! א קאווע מיט מילך, א גרויסע, זעמעלעך און פוטער. זאָפּאָרט. כ'בעט דיך, גיך. וואָס שטארסטו אוים די אויגן? האָסט נאָך נישט געזען קיין מענטשן?

די קליענטן פון דער עלעגאַנטער קאָנדיטעריי, האָבן, נאָך די ערשטע רגעס פון פארלעגנהייט, אויפגעשטעלט מויל און אויערן.

בשעת דער „קאָלעגע" האָט, אומבאַקוועם, קוים פארזוכט פון דער קאווע, ווארפנדיק פון מאָל צו מאָל דערשראָקענע בליקן צו די אנדערע קאָנסומענטן, וואָס האָבן זיך באַרייצונגספול איבערגעשמייכלט, האָט יאָנעסקו אליין געגעבן לשון, ווארפנדיק פון מאָל צו מאָל זייטנדיקע בליקן צו די שבנותדיקע טישלעך כדי צו באוואונדערן דעם איינדרוק. זייענדיק צופרידן מיט דעם ארויסבאַקומענעם עפעקט ביים פובליקום, האָט ער אויפגעבלאָזן די ברוסט. און, מיט וויפל דאָס פריילעכקייט איז געשטיגן, באלד, באלד אויסצוברעכן אין אן אלגעמיינעם הילכיקן געלעכטער, האָט ער דעם קאָלעגע געקלאַפּט אויפן אקסל, אָנטרייבנדיק אים ער זאָל עסן — פילנדיק זיך גליקלעך, ווי א גרויסער שוישפּילער אין די רגעס וואָס ציען זיך פאר דעם אויסברוך פון די אפּלאָדיסמענטן.

— נעם אויך פוטער. רייס איבער דאָס זעמעלע. אויב דו ווילסט נאָך, זאָג. צום טייוול, מיר זענען דאָך געוועזענע קאָלעגן. מיט וואָס באַשעפטיקסטו זיך אצינד?

— מיט בלעכעריי.

— און עס גייט? אז ס'רעגנט נישט, קאַפּעט, הא?

— נישט ס'רעגנט, נישט ס'קאַפּעט.

— וואָס הייסט?

— כ'בין ארבעטלאָז זייט צוויי יאָר.

— זייט צוויי יאָר? גאָט מיינער? און האָסט גאָרנישט געארבעט במשך פון דער צייט?

— גאָרנישט.

— גאָרנישט, גאָרנישט? האָסט נישט פארדינט אפילו... אויף...

— פון וואנען?

— נו... וויאזוי?... דהיינו... פון וואנען לעבסטו?
— דאָס פרעג איך מיך אויך. אז ווי צו מיינע יאָרן!
— ביסט פארהייראט?
— כ'האָב א ווייב מיט פיר קינדער, וואָס ווארטן אינדערהיים אויף ברויט.

„כ'ל אים געבן 500 ליי ווען ער וועט אוועקגיין", האָט יאַנעסקו געטראכט און, ס'האָט אים תיכף באנג געטון וואָס ער האָט נישט קיין באנקנאָטן פון פינף ליי, אָדער צו 20 לעי. עס וואָלט אויסגעוויזן מער און עס וואָלט געמאכט א גרעסערן איינדרוק ווען ער וואָלט א וואָרף געטון מיט רעש דאָס פעקל אויפן טיש.

— אזוי איז מיר באשערט, — האָט זיך דער קאָלעגע געלאסן באקלאָגט. כ'האָב נישט געהאט קיין מזל. צי אפשר האָב איך נישט געוווסט וויאזוי עס צו געפונען. ס'טוט מיר אָבער הנאָה וואָס אייך איז עס געלונגען...

— אָן אייך. זאָג מיר דו.
— עס פרייט מיך וואָס איר האָט דערגרייכט... וואָס איר זענט...
— נו יאָ, וואָס קאָן מען טון? איך, באמת... האָב... חתונה געהאט... אך! אנטשולדיק, זיך פארערדט און פארגעסן פאָרצושטעלן מיין פרוי. כ'בין צעמישט. די עמאָציע פון אונדזער ווידערזען. לענוש, איך שטעל דיר פאָר מיין בעסטן פריינט פון דער פאָלקס-שול. דעם הער... טענעסיקע, נישט?

— ניין.
— הם. טענעסיקע איז אפנים געווען יענער אומרו מיט דער געשטיפלטער נאָז. מיר דאכט זיך, אז ער פלעגט זיצן טאקע הינטער מיינע פּלייצעס.

דער קאָלעגע האָט געשמייכלט.
— יענער איז געווען סטאמאטעסקו, דעם שפּייז-סוחרס זונדל.
— ריכטיק, מיין הער, ריכטיק... וואָס ווילסטו? כ'האָב זייער שטאַרק פארלוירן. דער ליציי, די אוניווערזיטעט, די אדוואָקאטור. וויפל זענען נישט פאר מיינע אויגן פארביי געגאנגען? נאָר דיך, זעסטו, האָב איך דאָך נישט פארגעסן. ס'ארא חברים מיר זענען געווען, לענוצע... כמעט נישט אָפּגעטיילט. נישט אזוי, דו?

— אמת, מיין הער...
— סארא שפּיצלעך מיר פלעגן אָפּטון דעם דירעקטאָר... דו דערמאָנסט זיך יענץ מיט די שפּאנעגל? ווען מ'האָט רעדולעסקון ארויס-

געוואַרפֿן. רעדולעסקו, וועלכער האָט געהאַט אַ באַס־שטימע און דאָס פֿעדערשאַכטל אָנגעשטאָפּט מיט ציגאַרן... אויך אין כאָר איז ער גע־ווען... שטיי, ביסט גערעכט. דאָס איז געווען אין ליציי. ער! ווי די צייט לויפֿט. אָבער, מיט דעם אַלעמען, האָב איך אַ גרויס פֿאַרגעניגן וואָס כ׳האָב דיך באַגעגנט. שטעלסט דיר נישט פֿאָר סאַראַ פֿרייד עס פֿאַרשאַפֿט מיר ווען איך באַגעגן אַלטע קאָלעגן. איבערהויפּט די פֿון דער פֿאָלקס־שול, פֿון די אמתע קינדעריאָרן... דו, לענוש, שטעלסט דיר פֿאָר וואָס ס׳הייסט אין עלטער פֿון 45 יאָר אַ קאָלעגע פֿון דער פֿאָלקס־שול? פֿון דער פֿאָלקס־שול, לענוש? פֿון די אמתע קינדער־יאָרן... כ׳לעבן... קום צו נענטער איך זאָל דיך קושן מיין פֿריינט...
,מוסרט אים מיט כעס, פֿרוי יאָנעסקו. — Mais, tu es fou, chéri...[1]

— לאָז מיך צורו, מיין טייערע... אָט, גלייך ווי איך זע ווידער די קלאַס... דער פֿאַרזשאַווערטער אויוון וועלכן עס פֿעלט אַלעמאָל אַ רייער. די ווענט פֿאַרייכערטע, די בענק אָפּגעלישעטע, קליינע און שמאָלע. צוויי שילער האָבן קוים געקאָנט זיצן אויף איין באַנק. דער טאָוול, ווייס פֿון אַלטקייט און צעקראַצטקייט... איך, דער, ער, זיי... אַלע קאָלעגן... דו פֿלעגסט נישט זיצן נעבן פֿרענקון?

— פֿרענקו?

— דעם אַפּטייקערס זון.

— פֿרענקו... פֿרענקו?... ער איז נישט געווען...

— וואָס זוכסטו אים נאָך? איר זענט געזעסן אויף איין באַנק אין הינטערגרונט. איך געדענק אייך ביידע: פֿרענקו און בוזאָן.

— בוזאָן, יאָ, יאָ בוזאָן, וועלכער האָט מיך אַמאָל געשלאָגן פֿאַר... פֿאַר... פֿאַרוואָס האָט מיך בוזאָן געשלאָגן?

— וואָס, דו ביסט נישט בוזאָן? אייגנטלעך ביסטו גערעכט... בוזאָן איז געווען... דו ביסט... וואַרט! זאָג מיר נישט. כ׳מוז טרעפֿן. מיך פֿאַרלאָזט נישט דער זכרון, דו ביסט... טעאָדאָרעסקו?, ניין, וואָס רעד איך, טעאָדאָרעסקו, טעאָפֿיל, טרענטעאַ, די זענען געווען אין דער אוניווערזיטעט, אויף רעכט־וויסנשאַפֿט, אפֿשר ביסטו פּאָטאַקע?

— איר דערנענטערט זיך. נעבן פּאָטאַקען, איז געזעסן... פֿאַר דער טיר... איר ווייסט נישט, אַז כ׳פֿלעג אַ גאַנץ יאָר האָבן קאַטאַר?

— ...

— גאָ... גאָ... זאָל איך זאָגן?

[1] דו ביסט משוגע, מיין ליבער...

— גאָלאָנאַן, צו אַלדע גוטע יאָר!

— ווייס איך וואָס, גאָלדענבערג.

— ווי אַזוי?

— גאָלדענבערג. לעאָן גאָלדענבערג, דער אַלמנהס וואָס פֿלעג פֿאַר־קויפֿן קערלעך, שיך־בענדלעך און...

ביים אַדוואָקאַט יאַנעסקו זענען, פּלוצים און אָן אַ שײַנבאַרן מאָטיוו, רויטגעוואָרן די אויערן, דערנאָך די נאָז און ערשט שפּעטער די באַקן. אויפֿן שטערן האָט זיך באַוויזן אַ קנייטש, דערנאָך נאָך איינער און גיך אַן אַנדערער. סך־הכל דריי.

— ביסט גאָלדענבערג? זיכער?

— ביי מיין ערד־וואָרט, האָט דער געפֿרעגטער שמייכלענדיק און אומוויסנד געענטפֿערט. דערנאָך, אָנגעשטרענגט און אַ ביסל דרייסט: אין אַ ווינטער... איר דערמאָנט אייך? האָט איר אונדז געשטעלט מיך מיט ניקאָלאַיען, דעם וואַסערפֿירערס ייִנגל, מיר זאָלן אייך שלעפּן אויפֿן שליטעלע... איר האָט אונדז צוגעזאָגט הונדערט ניס... איר האָט אונדז אָבער געגעבן נאָר די שאָלעכץ... מיר זענען געווען קינדער... וואָס האָבן מיר דעמאָלט געוווּסט?...

יאַנעסקו האָט אים ראַפּטעם אונטערבראָכן, מלא־חמה:

— דו, איך פֿרעג דיך: דו ביסט גאָלדענבערג?

— איך!

— פֿאַרוואָס זשע האָסטו מיר עס פֿריער נישט געזאָגט? הא? זעסטו שוין ווי דו ביסט אַלץ אַ פּאַסקודניאַק געבליבן, כאָטש ביסט שוין כמעט אַן אַלטער מענטש? האָסטו געהערט אַזוינס, דו זאָלסט זוכן מיך אָפּצונאַרן... אויסצונוצן מיין עמפּפֿינדלעכקייט... פּפֿוי!...

— ...

— אַזוי, גאָלדענבערג? בראַוואָ, הער גאָלדענבערג! האָסט מיר באַדאַרפֿט לכתחילה אויפֿריכטיק זאָגן ווער דו ביסט: „הער אַדוואָקאַט יאַנעסקו, איך בין גאָלדענבערג!" דאָס וואָלט געווען אָנשטענדיק. האָסט אָבער אַפּנים געמיינט, אַז איך וועל דיך ביזן סוף נישט דער־קאָפּן! ס'איז דיר אָבער נישט געלונגען!

— ...

— און וואָס האָט דיר געטויגט אַזויפֿיל ליגן? וואָס האָסטו גע־ווינען? אַ שול קאַוע מיט אַ זעמעלע? וויפֿל באַטרעפֿט עס, דו, וויפֿל באַטרעפֿט עס? טויזנט מאָל אַזויפֿיל, מאַכט ביי מיר אויס ווינציקער

פון א גראָשן. אָבער ס'קומט מיר דאָס בלוט אין קאָפּ, אז איינער ווי דו האָט געקאָנט... וואָס האָט ער געקאָנט? ווייס איך וואָס! ער האָט געפּרווּט מיך צו פארפירן! מיך? ווייסטו דו, וועמען? מיך. יאָנעסקו יאָן? אדוואָקאט? רעגירונגס-קאנדידאט? פּפוי!

— זייט נישט ברוגז... איך...

— וואָס איך, וואָס דו? סטאָפּ! עס גייען נישט מער אָן די שטיק!

— כ'בעט אייך... כ'פארשטיי נישט... זייט מיט מוחל!...

— אן עק! לאָז מיך אָפּ... דו האָסט מיך גענוג געערגערט און מיר אויפגעקאָכט דאָס בלוט. קעלנער! כ'וויל באצאָלן! יאָ, יאָ, אינגאנצן. פארהאַלט דיר דעם רעסט! קום, לענוש!

אין גאס:

— וואָס איז דיר אָנגעקומען, אזוי פּלוצים, ליבער?

— וואָס ס'איז מיר אָנגעקומען? בראוואָ, לענוש! א שיינע פראגע! וואָס ס'איז מיר אָנגעקומען, א יאָ? צי ווייסטו ווער דער איז? האָסט אים געזען? ני-ני-ני... מי-מי-מי... מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן, נאָט די נשמה שולדיק... זאָל דיך קאָמפּראָמיטירן פאר די וואלן!... זאָל דיך פאראומגליקן! שערלעכע! שעדלער!

— כאָטש אזוי, דער בידנער מענטש.. ער איז דאָך דיר געווען א קאָלעגע... דו האָסט דאָך געזאָגט, אז איר פלעגט אייך נישט אָפּ-טיילן.

— מיט דעם דאָזיקן! כא, כא, כא... בירזשאר! בירזשאר![1]

פּאָר ארויף! גלייך אויפן בולוואר, צום האָטעל. לאָז, לענוש טייערע, נעם דיר נישט צום הארצן צוליב א „טערטאן"[2]... דו קענסט אים נישט! זאָל איך דיר זאָגן ווער דער דאָזיקער הער גאָלדענבערג איז... און אזוי ווי ער אזוי זענען זיי אלע. אמאָל, איך דערמאָן מיך נישט פּינקטלעך צי איז עס געווען אין צווייטן אָדער אין דריטן קלאס פון דער פאָלקס-שול. ס'איז נישט וויכטיק. איך האָב מיט אים געביטן צוויי „קלאפּס"-פעדערן... געדענק גוט!... איך האָב געהאט צוויי עכטע „קלאפּס"-פעדערן, ער אָבער... דיין גאָלדענבערג...

---

[1]) בירזשאר — איזוואָשטשיק.

[2]) „טערטאן" — א שפּאָטנאָמען פאר יידן וואס מיינט: „אונטערטאן" צו עסטרייך, און איז, אין דערזעלבער צייט, א גראם צו זשידאן.

# הער דאוויד

די נעכסטע טעג איז מיר אריינגעפאלן אין די הענט, אן אלטע צייטשריפט. דורכבלעטערנדיק זי, האָב איך אָנגעטראָפן אויף א רעקלאמע פון דער „קאלאָדאָנט"-פאבריק. כ'גלייב, אז עס זענען פאראן ווייניק מענטשן וועלכע דערמאָנען זיך נישט אָן דער דאָזיקער רעקלאמע. פארצייטן, איז נישט געווען קיין דראָגעריע ווו זי זאָל נישט זיין אפישירט און איז געווען פונקט אזוי באריימט ווי די רעקלאמעס פון די אונטערנעמונגען „שמאָל", „פראנק" אָדער „זינגער". פאר די יעניקע וואָס דערינערן זיך נישט אין איר, באשרייב איך זי: איבער א רויט-רויזן-פאבריק רייער, פון וועלכן ס'האָט געריגען א רויזנפארביקע פאסטע, בילדנדיק די אויפשריפט „קאָלאָדאָנט", איז געווען אויסגעמאָלן א קאָפ פון א בלאָנדער פרוי, מיט א ריי ווייסע, געזונטע ציין. דער וואָס האָט אויפמערקזאמער באטראכט די רעקלאמע, האָט געקאָנט באמערקן, אז די פרוי האָט געהאט אן איראָנישן שמייכל און בלאָע, מאָדנע אויגן, מיט ארויסזאָגנדיקע בליקן.

איך האָב דאָס גליק געהאט פערזענלעך צו קענען דעם מאָדעל און נאָך היינט צו טאָג היט איך אָפ, צווישן מיינע עלטערע פאפירן, א צו איר אדרעסירטן בריוו וועלכן כ'האָב איר, צוליב פארשידענע סיבות, נישט געקאָנט איבערגעבן. זייט דער בריוו געפינט זיך אין מיין רשות, האָב איך אים אומצאָליקע מאָל געוואָלט עפענען. אין משך פון פערציק יאָר, צוליב אָפשיי פארן אָזענדער, האָב איך עס נישט געטון ביז איצט. נאָר לאָמיר אָנהויבן פונעם אָנהויב.

כ׳בין געווען אין צווייטן לערניאָר ביי א שילדן־מאָלער פון בודא־פעסט. מיין מייסטער, וואָס האָט זיך איינגעפאַרשטאַנען אויף שרייבן אותיות, פלעגט זיך שווערער אַן עצה געבן ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט אין מאָלעריי גופא. דערפאַר, וויפל מאָל מיר האָבן באַדאַרפט מאָלן א קאָפּ פון א קעלבל אָדער א שינק פאַר א קצב, פלעגט זיך מיין מייסטער געפונען א גאַנג־וועגעלע אין שטאָט און מיך צורעדן איך זאָל אליין אָנהויבן די אַרבעט, צוזאָגנדיק, אז ער וועט מיר העלפן צום סוף. ער האָט מיר קיינמאָל נישט געהאָלפן. ווען ער פלעגט זיך אומקערן פון שטאָט, פלעגט ער אָפּשאַצן די שינק און דעם קאַלבן־קאָפּ, פלעגט מיך קריטיקירן און, ענדלעך, א מאַך טון מיט דער האַנט מיט עקל, וואָס האָט באַטייט „ס׳גייט". ס׳פלעגן אויך „גיין" די פרוכט־פעס וועלכע כ׳פלעג מאַכן פאַר די פריזירער און ס׳פלעגן אויך „גיין" די אויף די קאָנדיטעריי־פאָרטאַלן געמאָלענע, מעלשפּייזן.

אין א טאָג, כ׳וויים נישט דורך וואָסער א פּראָטעקציע, האָט מיין מייסטער באַקומען א גרעסערע אַרבעט, דהיינו: איבערצופאַרבן פונסניי אַלע רעקלאַמעס פון דער פאַבריק „קאָלאָראַנט" פון דער שטאָט. פאַרן חתמענען דעם קאָנטראַקט, האָט אים דער אַדמיניסטראַטיווער דירעקטאָר פון דער ציין־פּאַסטע־פאַבריק, א פרעג געטון:

— זאָגט, זענט איר פעיק צו רעפּראָדוצירן די רעקלאַמעס פונקט ווי די אַלטע זענען געווען?

איך מאַך דעם מייסטער א סימן ער זאָל דעם קאָנטראַקט נישט חתמענען. ער אָבער, באַליידיקט פונעם דירעקטאָרס פראַגע, האָט געגעבן איבערגעטריבענע פאַרזיכערונגען. דער קאָנטראַקט איז געחתמעט געוואָרן און דער אַדרעס איז אינקאַסירט. אויפן וועג אהיים־צו ברוגז צוליב זיין קינדערישער פרייד, האָב איך אים, מיט שלעכטיקייט, געפרעגט:

— און אצינד וואָס וועלן מיר טון? איך קאָן נישט די פּאָרטרעטן אויספירן. כ׳האָב בכיוון אינטערגעשטראָכן די ווערטער, „איך קאָן נישט", כדי ער זאָל זיך חשבון געבן וועגן דער לאַגע. כ׳בין זיכער געווען, אז ער האָט זיך סומך געווען אויף מיין געשיקטקייט, מחמת ער איז געווען געגוג ערלעך צו אָנערקענען זיין אומבאַהאָלפנקייט אין דער פּאָרטרעטיסטיק.

— קודם-כל, שכורן מיר זיך אָן, האָט ער מיר געענטפערט. מירן פראווען צוויי טעג יום-טוב, היינט און מאָרגן. אָט, מ'אָסטו אויף 100 פענגעס און כ'וויל דיין פרצוף נישט מער אָנקוקן, דו, מזיק איינער!

נישט האָבנדיק קיין אנדערע ברירה, בין איך אריינגעגאנגען אין „נחס תיבה", און האָב מיך אָנגעשכורט טאקע ווי נח, און נאָך צוויי טעג, בין איך געקומען צו דער ארבעט. מיין מייסטער, האָב איך געפונען אינמיטן דעם ווארשטאַט, זיצן רייטנדיק אויף א בענקל. ער איז נאָך געזעסן בגילופין: די אויגן זענען ביי אים געווען רויט, געשוואָלן און דאָס פנים געלאַטעט מיט פלאַסטערס. אזוי פלעגט ער אויסזען תמיד. נאָך גרעסערע איינקאַסעס: פלעגט ער אהיימגיין, זיך אָנשכורן, שלאָגן די קינדער, דערנאָך נעלם ווערן אויף צוויי טעג. ביי אזעלכע געלעגנהייטן איז שווער געווען אים צו געפונען: ער פלעגט זיך אָפּשטעלן דאָרט וווּ ער האָט געפונען די גוטע-ברידער וואָס זענען ראוי געווען צו כיבוד. ער האָט ליב געהאַט צו זיין א „הער". אז ער האָט געהאַט מער געלט אין קעשענע, פלעגט ער אָנקלעבן צי הונדערט באַנקנאָטן-שטיק אויף די פארשוויצטע שטערנס פון די ציגיינער אָדער ווען אין קרעטשמע האָבן זיך געפונען פרויען, פלעגט ער די באַנקנאָטן באַנוצן ווען קאָרעספּאָנדענץ. ער פלעג נעמען פאַפּיר פון 50 אָדער 100 פענגעס און אויף דעם אויסקאַליגראַפירן: „האָסט שיינע אויגן"; „די געפעלסט מיר"; „כ'האָב דיך ליב"; אָדער ווען ס'איז געווען דער פאַל „קום צו צו מיין טיש". געווייגלער, פלעגט ער א דאַנק די קאָרעס-פּאָנדענצן, אהיים קומען א צעשלאָגענער. דאָס ווייב פלעגט אים באַוואַשן, לייגן שלאָפן און אויסליידיקן זיינע קעשענעס. צומאָל פלעגט זי מיך בעטן איך זאָל איר מודיע-זיין צי ס'איז דאָ אן אויסזיכט עפּעס איינצוקאַסירן. דעמלט פלעגט זי קומען אין ווארשטאַט „אויף באַזוך" און נישט אַוועקגיין ביז זי האָט נישט געלייגט די האַנט אויפן גאַנצן געלט. מיין מייסטער פלעגט אריינפאַלן אין טרויער און אָנהייבן צו פילאָזאָפירן:

— זאָלסט נישט חתונה האָבן, פראַנץ, קיינמאָל נישט: די פרוי איז ווי אן אַלטע פענזל. ווארפסטו עס נישט אוועק, ווייל דו האָסט דיך צו דעם צוגעוווינט, כאָטש עס ברענגט דיר גאָרנישט אריין חוץ שאָדן.

אגב, האָב איך אים געוואָלט פרעגן וואָס מיר טוען מיט די רעקלאַמעס „קאַלאָדאָנט", אז אויפן שוועל פונעם ווארשטאַט האָט זיך באַוויזן אונדזער געוועזענער געזעלן, דעקאַר, א טוטמע-פאַטשניק און

א באוווסטער סאלאזיסט. ווי תמיד, איז ער געווען אָנגעטון אין א גרין העמד, מיט אן ארפּאַד־באַנדעראָלע אויפן רעכטן אָרעם, שווארצע רייט־הויזן, איינגעשטעקטע אין די שטיוול.

— כ'האָב נישט קיין איין פּרוטה, האָט ער צו מיין מייסטער גע־זאָגט, אָנטשטאָט צו באַגריסן.

דעקמאר האָט צו מיר געקוקט, און איך, אומבאַהאָלפן, האָב גע־הויבן די אקסל, אלס צייכן, אז איך האָב אויך נישט. א צייט זענען מיר אלע דריי געשטאַנען שווייגנדיקע. דערנאָך, זעענדיק, אז ער איז נישט בכבוד אויפגענומען געוואָרן, איז דעקמאר אוועק, צוקלאַפּענדיק די טיר.

מיין מייסטער האָט אָנגעהויבן צו וואָרטשען מער פאר זיך, אָבער געגנוג הויך, אז איך זאָל אים אויך הערן:

— וועלכער רוח טראָגט אים אָן, דעם בעטלער?...

— לאָזט אים לויפן, מייסטער, האָב איך אים אונטערבראָכן, אנ־דערש וואָלט ער אומשטאַנד געווען צו רעדן צו זיך אליין א גאַנצן טאָג. זאָגט בעסער וואָס טוען מיר מיט די רעקלאַמעס?

— האָב קיין דאגה נישט, ממזר, מירן דערליידיקן. מאַך ריין!

כ'האָב איבערגעטראָגן אלע פירמעס, וואָס זענען נישט אריינגע־טראָטן אין דער ארבעט, אין דעם שכנותדיקן לאַגער, כ'האָב צוגעריקט צו דער וואַנט די דרייפיסיקע געשטעלן און אויסגעקערט דעם וואַרש־טאַט. אין משך פון דער גאַנצער צייט, האָט זיך דער מייסטער נישט געריהרט פונעם בענקל פון מיטן שטוב. „אזוי קומט דיר, גייציקער אלטער תרח, האָב איך אים געזאָגט אין געדאַנק. מאַטער דיך". כ'האָב פאַרצויגן די פּאָרהאַנגען פון די פענצטער, ווי אים פלעגט געפעלן און זיך אוועקגעזעצט נעבן אים האָפנדיק, אז ער וועט מיר זאָגן וואָס ער האָט בדעה צו טון.

— פראַנץ, האָט ער מיך שפּעטער געפרעגט, דו ביסט נישט דאָר־שטיק?

— ניין.

— אויב אזוי, גיי צו אלדע רוחות!

נישט האָבנדיק ס'רעכט אים צו זידלען בקול רם, האָב איך אים א פרעג געטון:

— נעמען מיר זיך צום „קאָלאָראַנט?"

— כ'האָב דיר דאָך געזאָגט זאָלסט גיין צו אלדע רוחות.

אָנגעברוגזט, האָב איך מיך אויפגעהויבן פונעם בענקל און זיך געלאָזט ארויסגיין.

— שטיי ממזר! וווּ גייסטו? און נישט וואַרטנדיק אויף אן ענט־פער, האָט ער פאָרגעזעצט: דו ווייסט ווו עס געפינט זיך די גאס דאָב?

— כ׳ווייס. אין געטאָ.

— געווי. דו גייסט אהין, אויף נומער 8 און זוכסט אויף דעם הער דאוויד. דו זאָגסט אים ער זאָל צו מיר קומען.

— אוממעגלעך. ציווילע מענטשן קאָנען אהין נישט אריינקומען.

— דו קאָנסט אויך נישט?

— יאָ, נאָר אין פאַל ווען ס׳איז אומבאַדינגט נייטיק. אָבער, וועגן א נאַרישקייט...

— דו גייסט נישט וועגן א נאַרישקייט, שוטה! דער דאָזיקער דאוויד, איז א גרויסער מאָלער. ער וועט אונדז ארויסנעמען פונעם קלעם.

כ׳האָב א קוק געגעבן אויפן זייגער. ס׳איז געווען האלב 9. די יידן טאָרן נישט צירקולירן אין שטאָט ווי נאָר פון 9 ביז 11. פּונקט גוט: דאָס הייסט, אויב איך לייג מיר א געלע לאַטע, קאָן איך מיך דורכשמוגלען אין געטאָ. מיין מייסטער האָט שוין אפילו אָנגעהויבן צו צייכענען א מגן־דוד אויף א געלער לייוונט.

איך נעם מיר מיט א קויש כדי כ׳זאָל האָבן וואָס צו טון מיט די הענט. איך פיל מער אלס איך זע, ווי מענטשן דרייען אויס די קעפּ הינטער מיר. איך שטייג אויף אויף א טראַמוואַי און דער טאַקסאַטאָר שטופּט מיך אראָפּ פון דער טרעפּ:

— צום שלעפּוואָגן, פאַרשטונקענער זשידאָן! דו ביסט נאָך נישט אָנגעלערנט!?

איך וואָלט אים געוואָלט א שפּיי טון אין פּנים, אָבער איך באַהערש מיך באַצייטנס. איך וואַרט אויף אן אַנדערן וואַגאָן און שטייג אריין אין שלעפּ־וואַגאָן. כ׳האָב דעם איינדרוק, אז דער גאַנצער עולם קוקט אויף מיר. פאַרווירט, קוק איך מיך צו ווי הייזער לויפן צוריק.

ביים אריינגאַנג פונעם געטאָ, באַטראַכט געלאַנגווייליט א סערזשענט די באַוועגונג פון דער גאַס. איך גיי אים פאַרביי, הווידענדיק מיין קויבער. ער שטעלט מיך נישט אָפּ: דאָס הייסט, אז איך בין געראַטעוועט.

אויף דעם אָנגעגעבענעם אדרעס עפנט מיר די טיר אן אַלטיטש־קער, איינגעהילט אין אָפּגעליזעוועטן שטוב־כאַלאַט און זאָגט מיר, אז דער הער דאוויד איז אוועקגעגאַנגען איינקויפן.

— איך וועל אויף אים ווארטן, זאָג איך לאקאָניש און גיי אריין אין שטוב.

די גאנצע פאמיליע דאוויד האָט אן איין איינציק צימער און א געמיינזאמע קיך. פארצייטן, איז ער, ווארשיינלעך, בעסער געזעסן: מעבל פון מאכאָן זענען אָנגעוווארפן איינס איבערן אנדערן, זיי זאָלן פארנעמען א וואָס קלענערן שטח. איבעראַל, אויף די ווענט, זענען אויפגעהאָנגען בילדער: פייזאזשן, פּאָרטרעטן. אויף א, מיט פארבן-באשפריצטן, געשטעל, וואָס שטייט נעבן פענצטער, א אָנגעהויבענע לייוונט: א קינד רייסט אראָפּ די געלע לאטע פון זיין ברוסט; מען זעט א גרויס האַרץ, פון א רויט-פלאמיקער פארב. מינאָבער, האָב איך דערנאָך פעסטגעשטעלט. צווישן די צוויי פענצטער האָב איך אנטדעקט א גראוויר-ארבעט: א באָרדיקן זקן, אָנגעשפּאַרט אָן די עלנבויגן, לויט דירירן. איך דערנעמט מיך: ס'איז אן אָריגינאַל.

— וועגן וואָס דארפט איר דעם הער דאוויד?

— מיין מייסטער וויל אים געבן ארבעט.

דער אלטער בעט מיך זיצן... איך זעץ מיך אוועק אויף א פאָטעל מיט אָפּגעלישעוועטער לעדער און ערשט דעמלט אנטדעק איך, אין דעם פון א שאפע פארשטעלטן בעט, אן אלטע פרוי. ווארשיינלעך איז עס דעם מאָלערס מאמע. איך הייב מיך אויף און באגריס זי.

— זי איז בלינד, דערקלערט מיר דער אלטער.

צען מינוט פאר עלף א זייגער, קומט אָן דער הער דאוויד. ער איז א הויכער מאן, מיט אויסגעהוילטע באקן און מיט א ברייטן, רונדן שטערן. זיינע גרויע שלייפן ברענגען נאָך בולטער ארויס זיינע שווארצע, לעבעדיקע אין דער טיף-באהאלטענע אויגן. ווען ער שפּאַנט, וואקלט ער זיך ווי א קעמל; דער דאָזיקער איינדרוק באשטעטיקט זיך דורך דעם וואָס ער באוועגט זיך שווער, ווי א מידער מענטש. די מידקייט, נישט נאָר א פיזישע, פאראָט זיין עלטער: ער איז אלט איבער פערציק יאָר.

— איך בין פונעם ווארשטאט „פאלעטא". מיין מייסטער בעט אייך איר זאָלט זיך דורכקומען צו אים.

— איך ארבעט ביי „פאלעטא"? פרעגט ער מיך פארוווּנדערט און ווייזט מיר די געלע לאטע אויף מיין ברוסט.

— איך בין נישט קיין ייד, הער דאוויד. כ'האָב זי געלייגט אזוי, כדי איך זאָל קאָנען צו אייך קומען.

— כ׳פארשטיי. אָבער אצינד וועט איר דארפן אויסבלייבן ביז צוויי א זייגער.

— כ׳ווייס, זאָג איך אים אונטערגעגעבן.

כדי כ׳זאָל מיך נישט לאנגווײלן, נעמט דער הער דאוויד ארויס פון א שאַפע א מענגע אָפּדרוקן לויט די מאָלער פון דער רענעסאַנס איך בלעטער זיי לאַנגזאַם, נישט געאײַלט.

— און פון וואָס איז די רעדע? פרוווט ער, נאָך א צייט, מיך אויספאָרשן.

דער מייסטער האָט מיר פארזאָגט צו דערמאָנען דאָס וואָרט „קאַלאַראַנט“. איך ענטפער אים:

— ס׳איז די רעדע פון עפּעס גרויסע רעקלאַמעס. אזויפיל ווייס איך איר וועט שוין זען.

צוויי א זייגער גייען מיר ארויס אינאיינעם. אצינד איז אן אנדערער סערוישענט אויף דער וואך. ער קוקט אונדז נאָך, נאָר ער זאָגט אונדז נישט גאָרנישט. כ׳גיי הינטער א טויער און נעם אראָפּ די געלע לאַטע. דער הער דאוויד שמייכלט טרויעריק. כ׳גיב מיר אָפּ חשבון, אז כ׳האָב אים, נישט ווילנדיק, באליידיקט. דאָך געפינען איך נישט קיין ווערטער מיך צו פאַרענטפערן. דער מייסטער, וואָס איז באזאָרגט געווען צוליב מיין פארשפעטיקן, האָט אונדז פריילעך אויפגענומען. ער האָט זיך די הענט געריבן ווי א זאָרגלאָזער מענטש.

— ביטע, נעמט פלאַץ, הער דאוויד. ס׳איז די רעדע פון א גרויס געשעפט. ארבעט אויף כמעט דריי וואָכן. כ׳וואָלט זייער געוואָלט מיר, זאָלן זיך איינפארשטיין. און כדי דאָס צו איבערצייגן, האָט ער ארויסגענומען פון דער שאַפע, וווּ ער האָט געהאַלטן די פארבן, א בוטיקע פלאַש און עטלעכע סאַנדוויטשן. בעת ער האָט דעם כיבוד צוגעגרייט האָט ער פאָרגעזעצט: איר ווייסט, אז איך בין נישט קיין קמצן. איך גיב אייך 500 פעניגעס פאר יעדן פאָרטרעט (לויטן קאָנטראַקט האָט ער באַקומען 1500).

דער הער דאוויד האָט זיך נישט געדינגען. ער איז מסכּים געווען אויף אַלץ: דעם פּרייז, די קאָנדיציעס, מיט אן אומקלאָרן, טרויעריקן שמייכל. ווען דאָס געשעפט איז געווען כמעט ווי אָפּגעשלאָסן, האָט ער געפרעגט אין וואָס דער עסק באַשטייט.

— „קאַלזדאַנט“, האָט אים דער מייסטער געענטפערט מיט א שוואַך קול און כ׳האָב געזען, אז ער וואַרט א דערציטערטער אויף אן ענטפער

דער מאָלער האָט זיך אויפגעהויבן און האָט געמאַכט א זשעסט וואָס האָט געוואָלט זאָגן: „וואָס האָט איר מיר דאָס נישט פון לכתחלה געזאָגט?“ דערנאָך האָט ער דעם זשעסט פאַרשטאַרקט מיט ווערטער:

— „קאלאָדראָנט“, מאַך איך נישט.

צו מיין פאַרוואונדערונג, איז דער מייסטער נישט איבעראַשט געוואָרן פון דעם אָפּזאָג. ס'האָט מיר אפילו אויסגעוויזן, אז ער האָט זיך דערויף גערעכנט. ער האָט ווידער אָנגעגאָסן ווייַן און אָנגעהויבן רעדן פון דער שווערער לאַגע, פון דעם געטאָ, פון די אַלץ באַשרענקטערע מעגלעכקייטן צו באַקומען אַרבעט. צום סוף, נאָך א היבשער צייט פון שווייגן, האָט דער הער דאַוויד איינגעווילִיגט. דער מייסטער האָט אים נאָך צוגעזאָגט, חוץ דעם געלט, עסן און שלאָפן פאַר דער גאַנצער צייט וואָס דאָס אויספירן פון די לייוונטן וועט דויערן. א חוץ דעם, זענען 5000 פענגעס פאַר צוויי פּאָרטרעטן נישט געווען ווייניק געלט. איבערהויפּט פאַר א ייִדן, וואָס האָט נישט געהאַט קיין רעכט צו אַרבעטן און האָט נאָך דערצו געמוזט אויסהאַלטן די עלטערן.

נאָכן ענטגילטיקן אָפּשליסן פון דעם געשעפט, האָט מיך דער הער דאַוויד געבעטן איך זאָל זיינע עלטערן איבערגעבן דעם באַקומענעם אַדרעויף, באַשליסנדיק זיך נישט צו פאַרלאָזן דעם וואַרשטאַט ביז ער וועט ענדיקן די אַרבעטן.

דעם אַנדערן אינדערפרי בין איך אַוועק אין געטאָ. פון דאָרט האָב איך מיך אומגעקערט אין איין אָטעם צום וואַרשטאַט. צו מיין באַדויערן אָבער, איז די ערשטע לייוונט פאַרטיק געווען. דער הער דאַוויד האָט געאַרבעט די גאַנצע צייט.

דעם גאַנצן טאָג האָב איך מיך אַרומגעדרייט אַרום אים וועלנדיק אים באַדינען. איך האָב געוואָלט, אז ער זאָל מיר הייסן אים דערלאַנגען פאַרבן, אָדער איך זאָל אים די פענזל וואַשן. ער אָבער, האָט ביי מיר נישט געמאָנט קיין הילף. כ'האָב אים געפרעגט פאַרוואָס.

— ווייל כ'בין א ייִד, יינגעלע.

— כ'האָב מיך געפילט שלעכט, גלייך ווי איך וואָלט שולדיק געווען אין די ראַסיסטישע געזעצן וואָס זענען געווען אין קראַפט. מיטאָג-צייט, ווען איך בין געגאַנגען עסן, האָב איך מיין מייסטער געפרעגט וואָס פאַר א מענטש דער הער דאַוויד איז.

— א טאַלענטירטער, האָט ער געענטפערט און גענומען לאַכן.

ווען כ׳האָב מיך אומגעקערט פונעם מיטאָג-עסן, איז שוין די צווייטע לייוונט אויך געווען אָנגעהויבן. דאָ און דאָרט, האָבן זיך נאָר ארויסגעזען די דינע ווירעס פון קרייד צווישן וועלכע דער מאָלער האָט אָנגעווענדעט די קאָלירן. כ׳האָב מיך אוועקגעזעצט הינטער זיינע פלייצעס און זיך צוגעקוקט וויאזוי ער ארבעט. צום ערשטן זענען דערשינען די אַרויספאָדערנדיקע אויגן פון דער פרוי, די נאָז, די ליפּן און דערנאָך יענער איראָנישער שמייכל וועגן וועלכן כ׳האָב דערמאָנט ביים אָנהויב פון דער דערציילונג. נייגעריק, האָב איך מיך דערנענטערט צום מאָלער כדי צו זען צי ער ארבעט לויט א מאָדעל. ניין, דער הער דאוויד האָט די פּאָרטרעטן געמאכט פון זכרון. ער פלעגט צומאָל פארמאכן די אויגן, שטיין בלייבן אומבאוועגלעך א פּאָר מינוט, דערנאָך, איילנדיק נעמען אויסמישן די קאָלירן. די ווירעס וועלכע ער פלעגט ציען זענען תמיד געווען זיכערע, פונקט ווי ביי מיין מייסטער ווען ער פלעגט צייכענען אותיות.

דער צווייטער פּאָרטרעט האָט געסאמעוועט אקוראט מיטן ערשט- איך בין געזעסן אומבאוועגלעך הינטער דעם מאָלערס פלייצעס און געשמייכלט מיט באוואונדערונג. מיין מייסטער האָט מיך אוועקגעשלעפּט אין א זייט און געפרעגט:

— דו דערקענסט זי?

— וועמען?

כ׳האָב דעם פּאָרטרעט אויפמערקזאמער באטראכט. ס׳האָט מיר אויסגעוויזן, אז די פרוי איז מיר באקאנט, איך בין אָבער איבערצייגט געווען, אז דאָס איז א דאנק די הונדערטער רעקלאמעס פון דער פאבריק „קאָלאָראָט“ וועלכע כ׳פלעג זען אין אלע דראָגעריעס פון דער שטאָט.

— ס׳איז נעלי ליסטער.

— נעלי ליסטער? יענע אלטע שוישפּילערין? יאָ זי סאמעוועט עפּעס מיט יענער.

— נישט די איצטיקע ליסטער, האָט מיין מייסטער פאָרגעזעצט, נאָר די ליסטער פון צוריק מיט 20 יאָר.

דער הער דאוויד האָט געארבעט גיך, ווי עמעצער וואָלט אים אונטערגעטריבן פון הינטן. צווישן צוויי פּאָרטרעטן, פלעגט ער שטיין שעהנלאנג לעבן פענצטער, פלעגט באטראכטן די דורכגייער אויף דער

גאס און שווייגן. פלעגט שווייגן, און אז איך פלעג אים אמאָל עפּעס פרעגן, פלעגט ער אויפציפערן און מיר אָנקוקן ווי אַן אומבאַקאַנטן.

אין אַ נאָכמיטאָג, בעת ער האָט זיך געגרייט צו אַ נייעם פאַר-טרעט, האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל דעקמאַר. כ׳האָב מיך דער-שראָקן. דער הער דאַוויד האָט אויך אויפגעציטערט דערזעענדיק די סאַלאַזיסטישע אוניפאָרם. דעקמאַר האָט מיר געמאָנט אַ צוואַנציקער. נישט וועלנדיק זיך מיט אים קריגן, האָב איך אים דאָס געלט געגעבן. דעקמאַר האָט דאָס געלט גענומען לאַכנדיק און איז צוגעגאַנגען צום מאָלער. ער האָט געטייט אויף אַ פאַרענדיקטער לייוונט.

— איר מאַכט דאָס?

— איך, האָט דער הער דאַוויד געענטפערט שעמעוודיק.

— אַ וואַזשנע נקבה. אַ שאָד וואָס איר מאָלט זי נישט אַ נאַקעטע. דערנאָך איז ער צו מיר צוגעקומען און מיך געפרעגט: ווער איז דער מאָלער?

— מיין טאַטע, האָב איך אים געענטפערט נישט געטראַכט.

— אַ שיינע זאַך, האָט דעקמאַר זיך צעלאַכט אויף אַ הויך קול. כ׳וואָלט געקאָנט שווערן, אַז ס׳איז אַ זשידאָן. אַ גוטן.

נאָך דעקמאַרס אַוועקגיין, זענען מיר ביידע געבליבן שווייגנדיקע. דער הער דאַוויד האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, דערנאָך האָט ער זיך צו מיר אויסגעדרייט און געזאָגט:

— איך דאַנק דיר, פראַנץ.

פון יענעם טאָג אָן האָבן מיר זיך באַפריינדעט. אויפדערנאַכט, נאָך דעם וואָס מיר האָבן פאַרמאַכט דעם וואַרשטאַט, פלעגן מיר אָנ-צינדן די ביוראָ-לאָמפּן און שווייגנדערהייט באַטראַכטן די לאַנגע שאָטנס פונעם מעבל. די בויגנרונדיקע סטעלע, פול מיט געמעלן, האָט דעם צימער געגעבן דעם אָנבליק פון אַ קלויסטער. דער הער דאַוויד פלעגט שלאָפן אָנגעטון. ער פלעגט ליגן אויפן רוקן, פלעגט אַ סך רויכערן און אין דער טונקל פלעגט דער זשאַר פונעם ציגאַר אויסזען ווי אַ אומרויקער גליוואָרעם, מיט אַן אומטערגעהאַקטן גיכן פלי.

ס׳איז געווען די לעצטע נאַכט וועלכע דער הער דאַוויד האָט ביי אונדז פאַרבראַכט, ווען, קעגן זיין טבע, האָט ער אַוועקגעשטעלט אַ לייוונט גלייך פאַר זיין בעט און זי לאַנג באַטראַכט. כ׳האָב מיך אויך געזעצט נעבן אים.

— עס מאַטערט אייך עפּעס, הער דאַוויד?

— ניין, פראַנץ.

— כ׳ווייס, אז איר נארט מיך אָפּ. ס׳איז עפּעס אין פארבינדונג מיט אָ דער פרוי פונעם לייוונט.

— יאָ, האָט ער געמורמלט און געשוויגן א לאנגע צייט. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעשטרעקט אין בעט און צוגעגעבן: גיי, לייג דיך שלאָפן און אויב דו ווילסט הער מיך אויס. און אויב דו ווילסט נישט הערן מענסטו שלאָפן. ס׳איז אלץ איינס. נו, גיי, פראנץ...

— כ׳בין געווען א סטודענט אין דער בעל-ארט. דאכט זיך אין צווייטן יאָר. דעמלט האָב איך אנגאזשירט נעלין. זי איז געקומען פונעם דאָרף מיט א בינטעלע. זי איז ביז דעמלט נאָך נישט געווען קיין דינסט אינערגעץ נישט. זי האָט געהאט צוויי לאנגע צעפּ און אזעלכע ווייסע ציין וואָס כ׳האָב נאָך אין מיין לעבן נישט געזען. כ׳האָב ליב געהאט זי צו זען ווען זי פלעגט לאכן. דעמלט, פלעגן אין אירע ליפּן־ווינקלען דערשיינען צוויי קוים־באמערקבארע קנייטשן. די יעניקע וואָס האָבן זי נישט געקענט, פלעגן זאָגן, אז זי שמייכלט איראָניש. ווען מיינע עלטערן האָבן נישט באמערקט, פלעג איך איר צוהעלפן: האַק האָלץ אָדער ברענגען וואסער. ס׳איז געווען בערך צום סוף פון שול־יאָר ווען ס׳איז דערשינען דער קאָנקורס אָרגאניזירט פון דער פאבריק „קאלאָדאָנט". תיכף האָב איך א טראכט געטון צו נעלין. איך דערמאָן מיך קלאָר, גלייך ווי אלץ וואָלט געווען נעכטן. ס׳איז געווען זונטיק נאָך מיטאָג. מיינע עלטערן זענען ערגעץ אוועקגעגאנגען. ס׳איז קיינער נישט געווען א חוץ איך מיט נעלין. זי האָט געהאט א פרייען טאָג. כ׳האָב זי געבעטן זי זאָל בלייבן אין דער היים. — „פאר וואָס, יונגער הער?" אזוי פלעגט זי מיר זאָגן: „יונגער הער." „איך וויל דיך אָפּמאָלן". זי איז מסכים געווען. כ׳גלייב, אז בסוד האָט זי געהאלטן צו מיר. כ׳האָב זי אריינגעפירט אין סאלאָן און געמאכט צענדליקער סקיצן: פונעם פראָפיל, פון פאָרנט. די צייכענונגען זענען איר געפעלן. כ׳האָב זי געבעטן זי זאָל צענעמען די האָר. קודם האָט זי נישט געוואָלט. דערנאָך האָט זי צענעמען די צעפּ און מיך געלאָזט איך זאָל איר די האָר אראנזשירן. כ׳האָב איר א קוש געגעבן אין האלדז. זי האָט אויפגעציטערט. — „וועגן דעם האָט איר מיך גערופן, יונגער הער?" זי האָט צוריק פארפלאָכטן די האָר און איז אוועק. ערשט אין צוויי וואָכן ארום, איז זי ווידער פאר מיר געזעסן. דערנאָך, יעדן טאָג. כ׳האָב אזוי ווייט דערגרייכט, אז איך פלעג זי קאָנען מאָלן נישט זעענדיק זי. אין א טאָג, ווען מיר זענען ווידער אליין געבליבן אין הויז,

האָב איך זי געבעטן זי זאָל אונטערשניידן די האָר. כ׳האָב שוין נע-
ארבעט אין אייל. „שניידט איר זיי אונטער, יונגער הער.״ מיט קורצע
האָר, וואָלט זי דאַכט זיך אַן אַנדערע געווען, נישט נעלי. כ׳האָב זי
געצייכנט אין געמאָלן צענדליקער אין צענדליקער מאָל. שפּעטער, האָט
א האַלטונג פון סעמי-פּראָפיל אָנגעהויבן דאָמינירן מיינע לייוונטן.
איינמאָל האָבן מיר זיך עפּעס צעקריגט. אציגד דערמאָן איך מיך נישט
צוליב וואָס. אין יענער נאַכט, ווי קיינמאָל נישט ביז דעמלט, האָב איך
זי מיר נישט געקאָנט פאָרשטעלן. כ׳בין אריינגעלאָפן אין איר צימער
און האָב איר פּנים אין מיינע דלאָניעס אריינגענומען. — „וואָס
ווילט איר, יונגער הער?״ — „איך וויל דיך זען...״ אין יענער נאַכט
איז זי מיינע געווען. כ׳האָב זי שטאַרק ליב געהאַט. עטלעכע טעג
פאַרן שליסן דעם קאָנקורס, האָב איך געענדיקט א לייוונט. כ׳האָב
מיר חשבון געגעבן, אַז כ׳האָב געמאַכט א גוטע זאַך. כ׳האָב אויפגע-
כאַפּט יענעם פּייגעם, איראָנישן שמייכל אירן. אין שפּאַס האָב איך
מיר געזאָגט, אַז כ׳האָב אַנטדעקט א נייע דזשיאָקאָנדע. זיכער, זענען
די אַלע זאַכן נאַרישקייטן. נאָר אין יענעם פּאָרטרעט האָב איך אריינ-
געלייגט אויך עפּעס פון מיין נשמה. ס׳איז געווען די ווערטפולסטע
זאַך וואָס איך האָב אין יענער צייט געקאָנט מאַכן. די לייוונט איז
מיר אַזוי שטאַרק געפעלן, אַז כ׳האָב געוואָלט פאַרציכטן אויפן קאָנ-
קורס. זי האָט מיך צוגערעדט, אַז כ׳זאָל נישט פאַרציכטן. כ׳האָב באַ-
קומען דעם ערשטן פּרייז. איבריקנס, זענען מיר, פון איין טאָג אויפן
אַנדערן, ביידע באַרימט געוואָרן. זי אפילו מער פון מיר. איך פלעג
זי זען אין אַלע צייטשריפטן, אויף אַלע ווענט. א צייט האָב איך גע-
האַט דעם איינדרוק, אַז כ׳בין באַגאַנגען א שענדונג. דערנאָך, האָב
איך מיך געפרייט. נעלי איז פאַרבעטן געוואָרן קודם אַלס מאַנעקין,
דערנאָך אפילו אַלס שוישפּילערין פאַר א בולוואַרד-טעאַטער. אויף
מיינע דרינגענדע צורעדענישן איז זי פון אונדז אַוועק. זי האָט געדינ-
גען א וווינונג אויפן ברעג פון דער דאָנע און אַלץ איז געווען גוט ביז
דאָס טעאַטער האָט איר נישט מער געהאָלט פאַרלענגערן דעם קאָנ-
טראַקט. האָב איך זי פאַרשריבן אויפן אינסטיטוט פאַר דראַמאַטישע
קונסט. פיר יאָר האָב איך זי אויסגעהאַלטן מיט שוועריקייטן. קודם
האָב איך פאַרקויפט מיינע ווערטזאַכן און אפילו די קליידער. דערנאָך
האָב איך געגנבעט זאַכן פון דער שטוב... זי זאָל נישט פאַרלירן דאָס
שול-יאָר. עס זענען געווען די שווערסטע יאָרן, אָבער אויך די שענ-

סטע. נאָכן ענדיקן דעם אינסטיטוט, איז זי אנגאזשירט געוואָרן צו פילמירן. איך בין געפאָרן קיין אויסלאַנד. כ'האָב געהאט אויסשטעלונגען אין בערלין, אין פאריז, אין לאָנדאָן. מיר האָבן באשטימט חתונה צו האָבן. די מאמע האָט זיך אקעגנגעשטעלט. דאָס איז געווען איר שולד. איינמאָל האָט זי זי געטראָפן אין מיין אטעליער, האָבן זיי זיך צעקריגט. די מאמע האָט זיך אויסגעגליטשט און זיך א קלאַפּ געטון אין שלייף. אין א יאָר ארום, האָט איר די ראיה גענומען שוואַכער ווערן; דערנאָך, האָט זי גענצלעך אויפגעהערט צו זען. נעלי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו מיר צו קומען ביז איך וועל נישט איבעררייסן די באציאונגען מיט מיין משפּחה. דאָס האָב איך נישט געקאָנט טון. זי האָט אלץ מער געהאט באקומען דערפאָלגן. דערנאָך, זענען דערשינען די ערשטע ראסיסטישע געזעצן. נעלי האָט גענצלעך פארציכטעט אויף דער הייראט. כ'האָב אפילו געהאט דעם איינדרוק, אז זי האָט אָנגעהויבן מיך אויסצווייכן. כ'האָב איר אָבער גאָרנישט געזאָגט. כ'בין געווען שטאָלץ. כ'האָב געוואָלט אוועקפאָרן אין דער שווייץ, מיט דער גאנצער פאמיליע. וועגן דער דאָזיקער נסיעה, האָב איך צונויפגעלייגט א פּרוטה נעבן א פּרוטה. כ'האָב אויספארקויפט מיינע אלע לייוונטן. פונעם לוין אלס פּראָפעסאָר, פלעג איך נישט אויסגעבן א חוץ אויף עסן. כ'האָב אפילו באשטימט דעם דאטום צום אוועקפאָרן. דעמלט איז נעלי ווידער דערשינען. זי האָט באדארפט האָבן א רייכע גארדעראָבע פאַרן נייעם טעאטער-סעזאָן. אָן א גארדעראָבע וואָלט זי פארלוירן דעם קאָנטראקט. כ'האָב איר אוועקגעגעבן דאָס גאנצע געלט און זי איז אויף תמיד פארשוואונדן. אָנפאנג האָט זי מיר געשיקט עטלעכע בילעטן אויף די פּרעמיערעס, דערנאָך האָט זי אויך אין די בילעטן פארגעסן. כ'האָב זי געוואָלט זען. זי האָט מיר געזאָגט, אז זי וויל זיך מיט מיר נישט טרעפן כל-זמן זי פילט זיך פאר א בעל-חוב. א סך שפּעטער, האָב איך מיר חשבון געגעבן, אז דאָס איז נישט געווען מער ווי אן אָפּנארעריי. זי האָט געדרייט א ריי פילמען און א סך געלט פארדינט. איך האָב נישט געהאט מער ווי איין קאָסטיום. דער טאטע, האָט אפילו נישט געהאט קיין ווינטער-מאנטל. יאָרנלאנג האָט ער געטראָגן מיין כאלאט, נישט ארויסטרעטנדיק פון דער שטוב. איינמאָל בין איך געגאנגען צו נעלין. ס'איז געווען ערב דער מלחמה. כ'האָב געוואוסט, אז טאָמער פארשפּעטיקן מיר נאָך א חודש אָדער צוויי, וועלן מיר שוין קיינמאָל נישט קאָנען פאָרן.

כ׳בין גרייט געווען מיך צו דערנידעריקן. כ׳האָב געוווסט, אַז זי האָט געלט. זי האָט מיך מכבד געווען מיט אַ גלאָז קאָניאַק און געבעטן זי מער נישט צו באַזוכן, אין אינטערעס פון איר קאַריערע. „וואָס וואָלט די וועלט געזאָגט ווען זי זאָל זיך דערוויסן, אַז איך האָב באַציאונגען מיט ייִדן?“ אַזוי, פּשוט האָט זי מיר געזאָגט. כ׳האָב נישט געהאַט קיין כּח בײַ איר אָפּצומאָנען מײַן געלט. כ׳בין אַוועקגעגאַנגען. זינט דעמאָלט האָב איך זי מער נישט געזען חוץ איינמאָל, אויפן עקראַן. נאָכן אויסבראָך פון דער מלחמה, ווען כ׳בין געצוווּנגען געווען מיך איבערצופירן אין געטאָ, האָט זי מיר געשיקט זאָגן מיט עמעצן, אַז זי האָט אויף מיר רחמנות און זי נעמט אָנטייל אין מײַנע לײַדן. כ׳וואָלט אומשטאַנד געווען זי צו דערשטיקן כאָטש כ׳האָב זי ליב געהאַט. יאָ פראַנץ, אַזוי ווי איך האָב זי נאָך הײַנט צו טאָג ליב. כ׳האָב געפּרוּווט זי צו פאַרגעסן. און אַצינד האָט איר מיך גערופן צו מאָלן שילדן זאָג נאָר, פראַנץ, ס׳איז מער נישטאָ קיין ווײַן און שאַפּע?...

כ׳האָב מיך אויפגעהויבן און אַרויסגענומען פון דער שאַפּע אַ האַלבע פלאַש ווײַן.

— לאָמיר אויסטרונקען, פראַנץ. פאַר ליבע...

נאָכדעם וואָס ער האָט אויסגעליידיקט דאָס גלאָז, האָט ער מיך געפרעגט צי איך וויל אים אַ טובה טון. כ׳האָב מיך מיט פרייד אָנגעבאָטן. ער איז אויפגעשטאַנען פונעם בעט, האָט אָנגעצונדן דאָס ליכט פונעם שרײַבטיש און אָנגעהויבן צו שרײַבן. דערנאָך האָט ער דעם בריוו אין אַ קאָנווערט אַרײַנגעלייגט און מיר אים געגעבן.

— טראָגסט אים גלײַך. דער אַדרעס איז אויפן קאָנווערט. גיסט איר איבער פּערזענלעך.

דעם צווייטן טאָג בין איך געווען אויפן אָנגעוויזענעם אַדרעס. ס׳האָט מיר געעפנט אַ מאַן אָנגעטאָן אין אַן אוניפאָרם פון אַן אָבערסט. כ׳האָב אים געזאָגט, אַז כ׳קאָן אים נישט געבן דעם קאָנווערט ווי נאָר דעם פרײַלן נעלי, פּערזענלעך. זי איז אויך אַרויסגעקומען אין אַ הויזקלייד פון אָריענטאַלישן זײַד.

— פון וועמען איז דאָס? כ׳האָב איך געשעפּשעט דער אָבערסט זאָל מיך נישט הערן:

— פונעם הער דאַוויד.

— פון יענעם זשידאָן? אַוּ, אַוועק פון דאַנען! זי האָט מיך אַראָפּגעשטופּט פון די טרעפּ.

כ׳בין זייער טרויעריק געווען. כ׳האָב נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן דעם הער דאוויד. דער הער דאוויד איז אָבער מער נישט געווען אין אטעליער. דער מייסטער האָט מיר געזאָגט, אז ער איז אהיימגעגאַנגען. כ׳האָב אים געבעטן מיר צו דערלויבן צוריקצוקערן דעם קאַנווערט צום אָפּזענדער. ער האָט זיך נישט אקעגנגעשטעלט.

אין געטאָ איז געווען א געטומל. ערשט אין דער לעצטער רגע האָב איך פון מיר ארונטערגעריסן דעם מגן־דוד פון דער ברוסט. אנדערש וואָלט מען מיך אויך געפּאקט. אלע יידן זענען געווען אויסגעשטעלט אין רייען. ערגעץ ווייט, אין דער מיט קאָלאָנע, האָב איך אויך דעם הער דאוויד געזען. ער האָט די מוטער געהאלטן פארן אָרעם. זיין פאָטער איז געווען מיט איין ריי פאָראויס: ער האָט געטראָגן אלץ יענעם הויז־כאָלאט אין וועלכן כ׳האָב אים געזען. כ׳האָב מיך נישט געקאָנט צו זיי דערנענטערן.

א סך שפּעטער בין איך געוווּר געוואָרן, אז מען האָט זיי געפירט קיין אוישוויץ.

כ׳האָב פארמאכט די צייטשריפט מיט א מאָדנעם געפיל פון פארביטערטקייט און טרויער. וואָס א שטייגער זאָל געווען האָבן געשריבן דער הער דאוויד צום פרייליין נעלי? כ׳האָב געבלעטערט מיינע אַלטע פאפירן, כ׳האָב געפונען דעם באטרעפנדן בריוו און אים געעפנט. די אותיות זענען א ביסל בלאס געווען; זיי האָבן אויסגעזען ווי געשריבן מיט אן אשגרויער טינט.

„מיין ליבע נעלי,

כ׳גלייב, אז היינט האָב איך דיך געמאָלן צום לעצטן מאָל. און מיט דעם דאָזיקן בריוו וויל איך מיך אָפּטיילן פון דיר. איך וואָלט דיר אפשר נישט געשריבן, נאָר איך וויל דו זאָלסט זיין צופרידן, זאָלסט נישט האָבן קיין געוויסנסביסע. איך האָב מיך איינגעאָרדנעט. כ׳האָב באקומען א פּאס פאר דער גאנצער משפחה. מאָרגן אינדערפרי פאָר איך אין דער שווייץ...“

# א רייפטל ברויט

— ווער איז דער רודערער פון דער שלעפשיף 13-65 ?
— איך.
— נעם דעם באָרד-זשורנאל און קום מיט מיר!

דער מענטש וואָס איז פאר מיר געשטאנען, כאָטש ער איז נישט געווען פונעם „פאָרט-קאָמאנדאמענט“, האָט ארויסגעזאָגט די ווערטער מיט אזא אויטאָריטעט, אז איך האָב מיך אונטערגעגעבן. כ׳האָב גענומען דעם באָרד-זשורנאל און אים נאָכגעגאנגען. ערשט נאָך דעם ווי מיר זענען איבערגעגאנגען די געביידע פון דער „שיפן-אגענטור“, האָב איך געוואגט אים א פרעג צו טון:

— ווו גייען מיר ?
— וועסט שוין זען.

כ׳בין אין כעס געוואָרן :

— אָבער ווער זענט איר ?

דער מענטש האָט צו מיר אן איראָנישן שמייכל געטון און מיר געוויזן א רונדן אָפּצייכן אָנגעטשעפעט אונטערן לאַפּן פונעם רעקל:

— פון דער „פלום-פּאָליציי“.

כאָטש איך האלט מיך נישט פאר א פחדן, האָב איך דאָך אויפגעציטערט. איך בין געווען איבערצייגט, אז עמעצער האָט מיר „אונטערגעשטעלט א בענקעלע“. אין דער לעצטער צייט האָבן זיך געפונען אזויפיל אינפאָרמאטאָרן אויף די דונײַ-שיפן, אז ס׳איז נאָר א ווונ-

דער וואָס זיי האָבן מיך נישט פריער ארעסטירט. פארוואָס האָבן זיי מיך דאָך ארעסטירט? זענען זיי אפשר געוווּיר געוואָרן, אז כ'האָב פארקויפט יענעם וואגאָן ראָזשינקעס אין אָרעכאָוואָ?... אוממעגלעך: אלץ האָט זיך אָפּגעטאָן ביינאכט און אויב מען וואָלט עפעס דערפארן וואָלט מען מיך ארעסטירט אויפן ערשטן פּאָרט. זענען זיי אפשר אינפאָרמירט געוואָרן וועגן סקאנדאל וואָס כ'האָב געהאט מיטן טימאָניער אויפן „ריעד" מיט וועלכן כ'האָב נישט געוואָלט איינטיילן דאָס באקומענע געלט פארן פעסל פּעטראָליום? דאָס איז אויך נישט מעגלעך. דער טימאָניער האָט נישט געהאט די מאָראלישע אויטאָריטעט מיך צו מסרן און חוץ דעם וואָלט ער אויך אריינגעפאלן. מסתם האָבן זיי מיך ארעסטירט פארן צוגעלקחטן באלן טוטון אין סישטאָוו. יאָ, דאָס שיינט צו זיין מער ווארשיינלעך. דער צאָל-באאמטער איז נישט צופרידן געווען מיט די צוויי טויזנט לעוואס. ער האָט מיך אפילו געסטראשעט, אז ער וועט מיך מסרן... דאָס האָט זיך אָבער געטראָפן פאראיאָרן, גלייב איך נישט, אז די פּאָליציי וואָלט געלאָזט, אז דער עסק זאָל זיך אזוי לאנג פארציען. מעגלעך גאָר, אז זיי האָבן זיך דערוווּסט וועגן יענעם פעסעלע ראָם... ניין. זיי וואָלטן דורכגענישטערט די קאבינע... פארוואָס זשע האָבן זיי מיך פאָרט ארעסטירט?...

אין פארגלייך מיט די פּראכטפולע געביידעס פון דער „שיפן-אגענטור" און פון דעם „פּאָרט-קאָמאנדאמענט", האָט דער ביוראָ פון דער פלוס-פּאָליציי אויסגעזען ווי א בידנער פארוואָרלאָזטער קאנטאָן. ווען נישט דאָס עמאילירטע שילדל אָנגעטשעפּעט אָן דער פעסטער דעמבענער טיר, אָדער ווען דער באוואָפנטער וועכטער זאָל נישט שטיין פארן אריינגאנג, וואָלטן מענטשן גלייכגילטיק פארביי געגאנגען פאר דער געביידע. אזוי אָבער, פלעגן זיי אים אויסוואכן פון ווייטן.

די פעסטע דעמבענע טיר האָט זיך הינטער מיר פארמאכט מיט א טרוקענעם טראסק.

— זעץ זיך אוועק.

כ'האָב מיך אוועקגעזעצט אויפן בענקל און זיך ארומגעקוקט איבערן בעשיידן-מאָבילירטן חדר. חוץ דעם טיש פון פאר מיר און די צוויי נישט-געפארבטע בענקלעך, איז נאָך געווען א שראנק, א שאפע וועגן אקטן-העפטן און צוויי פּאָרטרעטן: האָרטי און היטלער.

— דו ביסט פון רומעניע?

— יאָ.

— זייט ווען ביסטו אין אונגאַרן?

ס'האָט מיר אויסגעוויזן מאָדנע וואָס מען האָט מיר נישט געשטעלט קיין פֿראַגן וואָס זאָלן האָבן א שייכות צום פּראָבלעם. ווער ווייסט, אפשר האָב איך מיך אומזיסט געשראָקן. כ'האָב געפֿרעגט ווי ביי מיין גלייבן.

— זאָגט מיר, כ'בעט אייך, וועגן וואָס האָט איר מיך אהער גערופֿן? איר ווייסט, פֿאַרן אָפּפֿאָרן, האָב איך זייער א סך ארבעט אויפֿן שיף.

— קערט זיך מער נישט אום אהין. גלייך ווי מ'האָט מיר א משוגעלע געטון מיט א שטעקן איבערן קאָפּ. כ'האָב אָנגענומען א הערדיקע האַלטונג ווי א פֿאַרצרהטער מענטש:

— איך בעט אייך אין אַלעם נעמען, אז איך בין א רומענישער בירגער. איך וועל צווויסן פֿון דער אַמבאַסאַדע.

— אזוי, האָט דער אינעט געביטן דעם טאָן. איך זע, אז דו סטראַשעסט מיר!... גוט, יונגעלע!... פֿון אויס די שיף!

כ'בין זיכער געווען, אז כ'האָב נישט גוט געהערט. כ'האָב געמאַכט א תמעוואַטע פּנים און זיך צו אים צוגעבויגן.

— כ'האָב נישט פֿאַרשטאַנען וואָס איר האָט געזאָגט...

— הייסט'ס דו שפּילסט דעם טויבן! פֿון אויס די שיף!

וואָס זאָל דאָס הייסן? איך בייג מיך איין און צי אראָפּ די שיף פּאוואָליע כדי וואָס מער צייט צו געווינען, כ'האָב געפּרווט זיך קאָנצענטרירן, ס'איז מיר אָבער נישט געלונגען. כ'האָב נאַריש באַטראַכט די ברעטער פֿון דער בריק, גלייך ווי פֿון דאָרט האָט מיר באַדאַרפֿט די הילף קומען.

— שטעל זיי אַוועק אויפֿן טיש!

דער ווייל פֿון מיר הויזק מאַכן. כ'האָב אים געוואָלט זאָגן, אז ער האָט נישט קיין הומאָר, כ'האָב זיך אָבער באַצייטנס צוריק געהאַלטן. פֿאַרוואָס וויל ער איך זאָל די שיף אויפֿן טיש שטעלן? איך קוק עקשנותדיק דעם אינעט אין די אויגן אריין, מיט דער האָפֿענונג דאָרט צו געפֿונען א שאָטן פֿון א שמייכל וואָס זאָל מיך באַרויקן. דער אגענט אָבער האָט א גרימצאָרנדיק, שטרענג פּנים. כ'האָב נישט קיין ברירה. איך שטעל אוועק די שיף אויפֿן טיש און פֿאַרקרום דאָס מויל אין א פֿאַרשטערטן שמייכל.



12 — Povestiri — c. 3060

א צופרידענער, האָט דער אגענט פון דער „פּלוס-פּאָליציי“, גענומען אויסמעסטן דאָס חדר מיט זיינע טריט. פיר שפּאַן אויף לינקס, פיר שפּאַן אויף רעכטס. כ'האָב אים א צייט נאָכגעפאָלגט. דערנאָך האָב איך געקוקט אויף מיינע שיך. עס זענען געווען שווארצע שיך געקויפטע אין בראטיסלאווא פאר צוואנציק פּעקלעך ציגארן. און ווען וואָלטן זיי מיך נעקאָסט פינף פּעקלעך מיט א ליטער ראָם — פארוואָס האָט ער זיי מר געהייסן אוועקשטעלן אויפן טיש?!... ס'מוז זיין א שפּאס. א נארישער שפּאס. דאָך פיל איך מיך שלעכט. כ'מיין, אז נאָר צוליב די שיך. סיי ווי, באָרוועס, פארלירט דער מענטש פון זיין פערזענלעכקייט. איך לייג איבער א פוס איבער א פוס. פארוואָס האָב איך אָנגעטון גראָד אַ די צעריסענע זאָקן?...

דער אגענט האָט אלץ ארומגעשפּרייזט פאר מיינע אויגן. עס וואָלט מיר מער ניחא געווען ער זאָל מיך אויספרעגן, איידער מיך צו לאָזן באָרוועס, און אומזיכערקייט. אין דער רגע האָט זיך פאר דער געביידע אָפּגעשטעלט אן אויטאָ. ער איז געקומען וועגן מיר, איז מיר דורכגעפלויגן א געדאנק און אומזיסט האָב איך געפּרווט צו באהאלטן מיין דערשיטערונג. פארוואָס זאָל ער האָבן געקומען גראָד וועגן מיר? כ'האָב געפּרווט זיך צו בארויקן. וווהין זאָל ער מיך פירן?... אייגנטלעך...

אין דער צייט האָט זיך די טיר געעפנט און אויפן שוועל האָט זיך באוויזן א יונגער לייטנאנט מיט א בלאָנד וואָנצעלע א לא קלארק גאבלע. ער באגריסט מיליטעריש, מעסט מיך אָפּ מיטן בליק, דערנאָך באמערקט ער די שיך פון אויפן טיש. א רגע האָב איך געהאט דעם איינדרוק, אז ער האָט געוואָלט א שמייכל טון, ער האָט זיך אָבער אָפּגעהאלטן. איך בין ברוגז געווען צוליב די קאָמפּלעקסן און די פארראכטן וואָס האָבן מיך באהערשט.

— וועמענס זענען די דאָזיקע שיך? האָט דער לייטנאנט צאָרנדיק א פרעג געטון.

— מיינע. כ'בין געבליבן מיט א האלב געעפנט מויל און געקוקט צום אגענט ווארטנדיק, אז ער זאָל געבן די דערקלערונגען.

— דיינע? האָט דער לייטנאנט זיך צעשריגן מלא־רציחה. ווו מיינסטו געפינסטו זיך דאָ? אין וואלאַכיע?... הא!... און איידער כ'האָב אויסגעפייעט אים צו ענטפערן, האָט ער מיר פארפאָרן צוויי פעטש. קומסט אהער ארויפצושטעלן די שיך אויפן טיש? מיט א זשעסט פון עקל האָט ער אראָפּגעשארט די שיך פונעם שרייב-טיש און האָט אויף מיר געקוקט ווי אויף א גזלן. טו דיך אָן!

## 2

תיכף ווי די טיר, פונעם קעלער ווו מ׳האָט מיך אריינגעוואָרפן, האָט זיך פארמאכט, האָב איך מיך אָנגעשפּארט אָן דער קלעביקער וואַנט און פארמאכט די אויגן כּדי זיך צוצוגעוווינען צו דער טונקלקייט. און נאָך איידער כ׳האָב זיי געעפנט, האָב איך פעסטגעשטעלט צוויי זאַכן: ערשטנס, אַז אין צימער איז שטאַרק וואַרעם, און צווייטנס, אַז כ׳האָב היץ אונטער די פיס.

— מ׳האָט נאָך איינעם געבראַכט, האָט עמעצער מיט א שפּיציקער שטימע געזאָגט אין מיין נאָנטקייט. כ׳האָב געעפנט די אויגן, נאָר גאָרנישט געזען זען. דערנאָך, האָט דער מענטש מיטן שפּיציקן קול אָנגעצינדן א שוועבעלע און מיר באַלויכטן דאָס פּנים: ס׳איז א יונגל, האָט ער לאַנגוויליק באַמערקט.

פון ערגעץ־ווו פון שאָטן האָט זיך ווידער באַוויזן א נפש:

— פאַרוואָס האָט מען דיך אַרעסטירט, דו?

— כ׳ווייס נישט.

— ביסט א רומענער?

— יאָ.

— פאַרוואָס־זשע ווייסטו נישט?

דאָס שוועבעלע האָט ווידער אַמאָל א פלאַקער געטון, דערנאָך פאַרלאָשן געוואָרן און ס׳איז ווידער אַמאָל טונקל געוואָרן.

— און פאַרוואָס געפינט איר אייך דאָ? האָב איך נייגעריק א פרעג געטון.

— דו האָסט נישט געלייענט די ציימונגען?

— ניין. היינט ביינאַכט בין איך געקומען קיין בודאַפּעשט. איר פאַרשטייט, איך בין א מאַטראָז. כ׳האָב שוין נישט געזען קיין צייטונגען זייט צוויי וואָכן.

— אזוי, דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש. זייט א וואָך איז רומעניע איבערגעגאַנגען אויפן רוסישן צד. פאַרשטייסט? דערפאַר האָבן זיי אונדז אַרעסטירט. דו האָסט עפּעס געגעסן, בחור?

— ניין.

— דאָס איז שלעכט. מיר האָבן זייט צוויי טעג נישט געגעסן.

פונעם הינטערגרונט פונעם קעלער האָט א שלעפעריקע שטימע אונטערגעבראָכן אונדזער שמועס:

— שווייגט שוין אמאָל און לייגט אייך שלאָפן! אז איר וועט שלאָפן, וועט איר נישט ליידן פון הונגער!

איך בין נאָך א ביסל געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט, דערנאָך האָב איך מיך איינגעבויגן און צונויפגענומען היי וועגן געלעגער. כ'בין נישט געווען באַזאָרגט, ס'האָט מיר נאָר באַנג געטאָן וואָס ס'האָט זיך מיר נישט איינגעגעבן צו זען מיין משפּחה. אן אַנדערט מאָל, ווען כ'פלעג קומען קיין בודאַפּעשט, פלעג איך דעם ערשטן וויזיט אָפּשטעקן אין דער היים. נעכטן אָבער, ביים אָנקומען, בין איך געווען שטאַרק פּאַרנומען; כ'האָב אפילו קיין צייט געהאַט צו עסן דעם נאַכטמאָל; כ'בין די גאַנצע צייט געשטאַנען ביים טימאָן, דערנאָך בין איך צו מיד געווען זיך צו לאָזן אין וועג אריין. און אינדערפרי האָב איך מיך געפעדערט צו די מאַנעוורעס, כ'האָב געהאַט צו טון ביים לאַגער און ווידער נישט געקענט גיין, און איבער אַלעמען, האָב איך ווידער נישט געגעסן. פאַרוואָס האָב איך מיר נישט צוגעגרייט קיין עסן? יאָ, כ'האָב גערעכנט, אז מיטאָגצייט, נאָך דער אַרבעט, וועל איך גיין אין שטאָט און עסן אין רעסטאָראַנט. ווען איך זאָל געווען אוועקגייען פריער מיט א פערטל שעה, וואָלט מיך דער אַגענט פון דער „פּלוס-פּאָליציי" נישט געפונען אויפן שלעפשיף. צום טייפל מיט א דעם „ווען"...

— צו נאַכט-צו בין איך הונגעריק געוואָרן.

זיכער, ווען איך זאָל נישט געווען ווייסן, אז מיינע חברים האָבן נישט געגעסן זייט צוויי טעג, וואָלט איך דערפון קיין פּראָבלעם געמאַכט. אזוי אָבער, האָט דער הונגער אָנגענומען איבערטריבענע פּראָפּאָרצן.

דעם צווייטן טאָג, פאַרנאַכט-צו, האָט זיך די טיר פונעם קעלער געעפנט און מיר זענען פאַרשלעפּט געוואָרן אין א הויף מיט א שטיינערנעם פּלויט.

— ס'איז א מיליטערישע תפיסה, האָט מיר מיין שכן אריינגעשעפּשעט, נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך אויסגעשטעלט לויט דער הייך.

דער זעלבער לייטנאַנט מיטן בלאָנדן ווענצעלע, מעלדעט אונדז:

— דער מינדסטער פּרוּוו צו אַנטלויפן, ווערט באַשטראָפט מיט טויט

— גיט אונדז עפּעס צו עסן! האָט עמיצער פון דער ריי געשריגן.
— ביים אָפּשטייגן וועט איר באַקומען עסן.
— וווּהין פירט איר אונדז?
— איר וועט שוין זען... פאַרעטערס!...

## 3

מען האָט אונדז אַריינגעזעצט אין פאַרמאַכטע אויטאָס, דערנאָך, אויפן סאָרטירונגס-באַנהויף, האָט מען אונדז אַריינגעשטופּט צו דרייסיק מענטשן אין אַ סחורה־וואַגאָן. אַ חוץ דער דורשטיקייט און דעם הונגער, האָבן מיר זיך בעסער געפילט ווי אין קעלער. דאָ איז כאָטש נישט געווען טונקל און מיר האָבן געוווּסט, אַז אויפן באַשטימונגסאָרט וואַרט אויף אונדז אַ שיסל מיט עסן.

דער וואַגאָן אין וועלכן איך האָב זיך געפונען, איז געווען אַן אַלטער און אַ צעפוילטער. לויט די שטיקלעך ברעטלעך און דאָס איבעראַל צעשיטע זעגעכץ, האָב איך מיר חשבון געגעבן, אַז פאַר אונדזער איינשטייגן האָט דער וואַגאָן געדינט צום טראַנספּאָרטירן בויהאָלץ. ביז די אַנדערע זאָלן זיך חשבון געבן, האָב איך צונויפגעשאַרט אַ מענגע זעגעכץ כדי מיר צוצוגרייטן אַ געלעגער איבער נאַכט. די רעדער האָבן מאָנאָטאָן געקלאַפּט אויף גרעניש. עמעצער האָט גענומען זינגען וועגן איינעם געאָרגיצע וואָס איז געווען פייערדיק פאַרליבט אין איינער מאַריאָרע, אַ שוואַרץ־חנעוודיקע מיט פלייצעס, ווייכשלליפּן.

מיין שכן, אַ נידעריקער אַלטיטשקער, מיט אַ געגאָלטן קאָפּ, האָט געדרימלט מיט האַלב־אָפענע אויגן בשעת ער האָט געריבן זיינע אויסערגעוויינלעכע איידלע הענט. כ'האָב אים אַ לאַנגע צייט באַטראַכט פרווונדיק צו דעראָטן זיין אידענטיטעט. עטלעכע מאָל האָט מיך דער אַלטער אויך אָנגעקוקט, נאָר, זעענדיק ווי איך פאָרש אים, האָט ער אַלץ אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין אַן אַנדערער זייט. דערנאָך, געשטערט האָט ער זיך צו מיר צוגעבויגן:

— פון וואַנען זענט איר?

ער האָט געהאַט אַ כאַראַקטעריסטיש יידישן אַקצענט. איך בין זיכער געווען, אַז איך נאַר מיך נישט אָפּ. כ'האָב אים געפרעגט:

— איר זענט אַ ייד?

מיין שכן האָט זיך אַ דערשראָקענער איינגעקאָרטשעט און צוגעלייגט אַ פינגער צום מויל:

— סססט, זאָל אונדז עמיצער נישט דערהערן. איך בעט אייך, שווייגט!... דערנאָך, אין אַ האַלבער שעה אַרום, האָב איך זיך וועגן אים אַלץ דערוווסט. ער איז געווען אַ רבי פון ערגעץ ווו פון סיגעט און איז שטאַרק צופרידן געווען וואָס מ'האָט אים אַרעסטירט אַלס רומענער און נישט אַלס ייד. ער האָט מיך שטאַרק געבעטן איך זאָל אים נישט אויסגעבן.

דעם צווייטן טאָג האָבן מיר אין וואַגאָן נישט עפּעס אַנדערש געגעסן ווי נאָר פון עסן. איינער האָט גענומען דערקלערן וויאַזוי מען מאַכט האָלעשקעס אין דער געזונט סימיש־טאַראָנטאַל, און אַן אַנדערער האָט באַהויפּטעט, בקול רם, אַז זיין ווייב איז די בעסטע קעכן פון טראַנסילוואַניע.

אַ מאַגיאַרישער שמעקער פון לעבן קלוזש, וועלכן ס'איז צוליב ביוראָקראַטישע פאָרמאַליטעטן נישט געלונגען צו באַקומען די מאַגיאַרישע בירגער־רעכט, האָט גענומען שעלטן און אויפרייסן די הילצערנע בריק פונעם וואַגאָן. צוויי פאַרשוינען, אויך אויפגעקאָכטע אונגאַרן, האָבן אים צוגעהאָלפן און אין אַ פערטל שעה אַרום איז זיי געלונגען אויפצורייסן אַ ברעט, טאַקע איבער דער הינטערשטער אַקס. אַלע האָבן מיר אומגעדולדיק געוואַרט אויף דער נאַכט. דער רבי האָט מורא געהאַט, אַז דאָס אַנטלויפן פון אייניקע זאָל נישט שאַטן אויך די יעניקע וועלכע וואָלטן נישט געהאַט דעם מוט צו אַנטלויפן. די מענטשן האָבן זיך צעטיילט אויף צוויי לאַגערן: אייניקע זענען געווען פאַר אַנטלויפן, אַנדערע קעגן אַנטלויפן.

אַרום צוויי אַ זייגער באַנאַכט, האָט אַ לופט־באָמבאַרדאַמענט געצוואונגען דעם צוג זיך אָפּצושטעלן ערגעץ־ווו אויף אַ פריי פעלד דער שמעטער איז אַראָפּגעשפרונגען דורך דער עפענונג.

— ווער וויל קומען מיט מיר?

עס זענען צוגעשטאַנען נישט מער ווי דריי מענטשן און זענען אַראָפּגעשטיגן אונטערן וואַגאָן.

— איר גייט אויך אוועק? האָט מיך דער רבי, א באַזאָרגטער, געפרעגט.

— יאָ.

— איר דערלויבט מיר מיטצוגיין מיט אייך?

— אויב איר ווילט, קומט.

דער באָמבארדאמענט האָט געדויערט א דריי פערטל שעה... מיר, אלע פינף וועלכע האָבן אָפּגעשטיגן אונטערן וואגאָן, זענען געלעגן אויסגעשטרעקטע צווישן די רעלסן ווארטנדיק, אז דער צוג זאָל אָפּפאָרן. נאָר פאר איין זאך האָבן מיר מורא געהאט: אז דער וועכטער וואָס איז מסתמא געשטאנען אויף די טרעפּ פונעם לעצטן וואגאָן, וועט אונדז באמערקן און וועט מאכן א ליארם. דער רבי האָט געציטערט ווי א פיש. איך בין צו אים צוגעקראָכן און געעצהט ער זאָל צוריק אריפשטייגן אין וואגאָן.

— איר זענט א ייד. אז מען כאפּט אייך, קען עס אייך אויסקאָסטן זייער שלעכט. און אפילו ווען איר קומט דורך, וואָס וועט איר טון? פאר אייך איז די לאגע פון א רומעניש געפאנגענעם הונדערט מאָל בעסער ווי צו זיין פריי.

דער רבי איז געבליבן פארטראכט עטלעכע מינוט, דערנאָך האָט ער מיר אָפּגעגעבן רעכט. ער האָט מיר געדריקט די האנט און האָט זיך ארויפגעדראפּעט אין וואגאָן. כ'בין איבערצייגט געווען, אז כ'האָב אים גוט געעצהט.

— הער, הער...

— וואָס איז? פרעג איך אים באזאָרגט.

— אָט, איך וויל אייך באדאנקען פאר דער עצה... ער האָט מיר דערלאנגט א קליין פעקעלע איינגעוויקלט אין א טיכל. כ'האָב א רעפטל ברויט. ס'וועט אייך צוניץ קומען.

דאנקבאר נעם איך דאָס פעקעלע, נאָר איך זע, אז דער רבי גייט נישט אוועק פון דער עפענונג. וואָס גאָר וויל ער?...

— איך וויל אייך נאָך געבן אן עצה, מיין הער. איר זאָלט דאָס ברויט נישט אויפעסן. איר זאָלט עס האלטן וואָס מער. וויסנדיק, אז איר האָט מיט זיך א שטיקל ברויט, קאָנט איר מער אויסהאלטן. און איר זאָלט עס האלטן איינגעוויקלט. אזוי איז דער יצר-הרע קלענער. אזוי האָב איך עס אויך אָפּגעהיט.

דער צוג האָט זיך אין באוועגונג געשטעלט. כ'האָב שוין קיין צייט נישט געהאט אים צו דאנקען.

כ'האָב מיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער ערד, געגרווּלט פון גרויסן שרעק, נעם געדאנק, אז מען קאָן מיך באמערקן. דער צוג האָט זיך אָבער דערווייטערט אָן דעם, אז ס'זאָל עפּעס געשען. דאָך, בין איך נישט אויפגעשטאַנען ביז כ'האָב נישט מער געהערט דאָס קלאַפּן פון די רעדער. ערגעץ, אין דער נאָענט, ווו דער באָמבארדאַמענט איז פאַרגעקומען, האָבן רויזנרויטע פלאַמען זיך געצויגן צום הימל.

— און אַצינד וואוהין? האָט עמיצער געפרעגט.

— יעדער אין אַן אַנדערער ריכטונג, האָט דער שוסטער געזאָגט. ס'האָט נישט קיין שום זין מיר זאָלן גיין אינאיינעם. מיר וואָלטן זיך אויסגעגעבן.

דער שוסטער, מיט נאָך איינעם, זענען געגאַנגען לענג אויס אויף די אײַזערנע רעלסן. די אַנדערע צוויי האָבן גענומען גיין צום וועלדל צו וואָס האָט זיך געצויגן אין אונדזער לינקער זייט. אומאַנטשלאָסן בין איך א ווײַלע געבליבן זיצן אויף א שוועל און ס'האָט מיר באַנג געטון וואָס כ'האָב דעם רבין געעצהט ער זאָל בלײַבן אין וואַגאָן. אַצינד וואָלט ער כאָטש נישט געבליבן איינער אליין. פון דער ווייט האָבן זיך נאָך געהערט די טריט פון די אַוועקגעגאַנגענע, דערנאָך האָט געהויערט א אומנאַטירלעכע שטילקייט. כ'האָב מורא באַקומען. מיט אומזיכערע טריט, אָן חשק, האָב איך מיך געלאָזט גיין צום באָמבארדירטן שטעטל. א ווײַלע, האָב איך מיך געוואָלט אומקערן און נאָכלויפן די אַוועקגעגאַנגענע צום וועלדל, דאָרט איז אָבער געווען טונקל און כ'האָב מורא געהאַט, אז כ'וועל זיי נישט געפינען. כ'בין שרעקלעך הונגעריק געווען: דער האַלדז איז מיר פאַרטרינקט געוואָרן און דער קאָפּ האָט מיר געדרייט. אז כ'האָב פאַרמאַכט די אויגן, האָב איך געזען אויפן עקראַן פון די אויגן-לעפלעך קאָלירטע רעפטלעך וועלכע האָבן געוואַקסן און צוריקגעוואַקסן ווי זייפן-בלאָזן. כ'האָב מיך דערמאָנט אין דעם רבינס ברויט. כ'האָב אָנגעטאַפּט דאָס פּעקעלע פון דער קעשענע. דאָס ברויט איז טרוקן געווען. ווער ווייסט זייט ווען דער אַלטער האָט דאָס רעפטל ברויט אָפּגעהיט. אָקערשט האָב איך עס געוואָלט אויפעסן, און דעם רבינס עצה איז מיר אויפן געדאַנק געקומען. יאָ, יאָ, ער איז גערעכט. שליסלעך איז ער דאָך געווען דער איינציקער מענטש וועלכן כ'האָב נישט געהערט ער זאָל זיך באַקלאָגן פאַר הונגער. זיכער דערפאַר, ווײַל ער האָט ביי זיך געהאַט דאָס ברויט. און איך זאָל נישט האָבן א בראָקן ווילן?!... כ'האָב צוריקגעלייגט

דאָס פּעקעלע אין קעשענע און בין אוועק מיט פעסטע טריט. כ׳האָב באַשלאָסן אַרײַנצוגיין אין דעם ערשטן הויז וואָס איך וועל טרעפן אין וועג, צו שטילן דעם הונגער.

ערשט פאַרטאָג-צו האָב איך מיך געפונען אין דער ריכטונג פונעם באָמבאַרדירטן שטעטל.

אַן ערך צוויי הונדערט מעטער האָבן מיך אָפּגעטיילט פון די ערשטע הייזער, ווען כ׳האָב באַמערקט, ווי עס דערנענטערט זיך אַ קאָמפּאַניע סאָלדאַטן עקספּירט פאַרן פראָנט. אין דער לעצטער רגע איז מיר געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן אונטער אַ קוסט. נאָר ווי אומיסטן, האָבן די סאָלדאַטן נאָענט צו דעם קוסט, פאַרקערעוועט פון דער נאַציאָנאַלער שאָסיי צום פעלד-צו. נישט ווייט פון מיין באַהעלטעניש, האָט דער קאָמאַנדאַנט אויסגעשריגן עטלעכע קאָמאַנדעס: די סאָלדאַטן האָבן זיך געגרייט צו דער עקזערסירונג. פינף שעה נאָכאַנאַנד האָב איך געציטערט אונטער דעם קוסט, קריכנדיק אויפן בויך יעדעס מאָל ווען ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מען קאָן מיך באַמערקן. און דערצו, האָט מיך נאָך געמוטשעט דער הונגער. אַ רגע האָב איך געטראַכט כ׳זאָל צו זיי צוגיין און מאָנען עסן. צו מיין גליק אָבער האָב איך מיך באַצייטנס מיישב געווען.

ענדלעך, אַרום צוועלף אַ זייגער, האָבן זיך די סאָלדאַטן אויסגעשטעלט און אוועק צוריק אין שטאָט אַריין. כ׳האָב נאָך איבערגעוואַרט אַ שטיקל צייט זיי זאָלן זיך דערווייטערן, דערנאָך בין איך געגאַנגען אין זייער ריכטונג. אָבער, נאָענט צו דער ראָהאַטקע פון דער שטאָט האָב איך אַנטדעקט צוויי זשאַנדאַרן, מיט פעדערן אין די קאַפּעלישן, וועלכע האָבן שפּאַצירט מיט ביקסן אויף די אַקסל. כ׳האָב מיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פונעם וועג, אין שאַנץ, וואַרטנדיק זיי זאָלן פאַרשווינדן. די זשאַנדאַרן האָבן אָבער להכעיס דערצו נישט געטראַכט. יי האָבן צירקולירט אויף אַ לאַנגער שטרעקע פון לערך הונדערט מעטער און האָבן לעגיטימירט יעדן איינעם וואָס איז אַרויסגעגאַן פון דער שטאָט אָדער אַרייַנגעקומען. איך האָב ביי מיר געהאַט נישט מער ווי די מאַטראָזן-לעגיטימאַציע און דאָס לוין-ביכעלע פון דער אַגענטור. אין אַ פּאָר שעה אַרום, אַנשטאַט די זשאַנדאַרן זאָלן אַוועקגיין, ווי איך האָב געהאָפט, זענען נאָך צוגעקומען אַנדערע. ס׳איז קלאָר געווען, אַז איך קאָן נישט אַריינדרינגען אין שטאָט. און אַוועקגיין האָב איך אויך נישט געקאָנט. כ׳האָב געמוזט וואַרטן ביז ס׳איז גוט טונקל

געוואָרן, כדי צו קאָנען פארשווינדן נישט באמערקט. ס'האָט מיר געטון באנג וואָס איך בין איך נישט געגאנגען אויפן שוסטערס וועג. כ'בין געווען איבערצייגט, אז ער ליגט ערגעץ אויסגעשטרעקט אויף א ווייס בעטגעוואנט און קאָן זיך אזש נישט רירן פאר זאטקייט.

דער וועג צוריק, צו דער אייזנבאן-ליניע, האָט מיר אויסגעוויזן אומגעהויער לאנג. אקעגן מיט נאכט, א טויט-מידער, האָב איך מיך אוועקגעזעצט אונטער א בוים און געוועז געפאסט צו קאָנסומירן דעם רבינס ברויט. דערנאָך, נאָך א דילעמע פון עטלעכע מינוטן, האָב איך אָפּגעלייגט אויפן אנדערן טאָג, מאכנדיק דעם חשבון, אז ביינאכט, שלאָפנדיק וועל איך סיי ווי נישט זיין הונגעריק. כ'האָב מיך געלייגט און אנטשלאָפן געוואָרן ווי א טויטער. כ'האָב געחלומט, אז איך געפון מיך אויפן שיף און, אז די לאגערן זענען פול מיט געקליבענע מאכלים. דערנאָך, איז געשען, אז כ'בין געזעזן שעף-קעכער אין א גרויסן רעסטאוראנט און פארזוכט פון אלע מאכלים.

כ'האָב זיך אויפגעכאפּט מיט דער זון אין פּנים. כ'בין געווע הונגעריק און דאָרשטיק. דאָך האָב איך געהאט גענוג כח נישט צו עסענען דעם רבינס טיכל. כ'האָב באשלאָסן נישט צו עסן ביז כ'ל אָנקומען אויף דער אייזנבאן-ליניע.

כ'בין געגאנגען פאמעלעך, מיט די הענט אין די קעשענעס, טאפּנדיק דאָס רדפטל ברויט. כ'מיין, אז ס'איז שוין געווען נאָך מיטאָגצייט ווען כ'בין אָנגעקומען אויף יענעם פּלאץ פון וואנען כ'בין אוועקגעגאנגען מיט א טאָג פריער. א צייט בין איך געגאנגען גיך, טרעטנדיק פון איין שוועל אויף דער אנדערער, דערנאָך, מידער, האָב איך אָנגעהויבן מאכן עקוויליבריסטיק אויף דער אָנגעהיצטער שינע. כ'האָב אָקאָרשט געטראכט צי זאָל איך עסן בעתן גיין, אָדער איך זאָל מיך אוועקזעצן און שאָטן פון א בוים, אז ביים האָריזאָנט איז דערשינען א מענטש אָנגעטון אין דער אוניפאָרם פון דער אייזנבאן-געזעלשאפט אינסטינקטיוו האָב איך מיך געוואָלט אויסבאהאלטן, דער הונגער האָט מיר אָבער געראָטן אים נישט אויסצווייכן. ווען דער מענטש איז צוגעקומען אז ערך פינפציק מעטער צו מיר, האָט ער א פרעג געטון:

— אן אנטלאָפענער?

כ'האָב א שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף יאָ.

≡ גיי-זשע אוועק פון דאנען! היינט ביינאכט האָט מען געכאפּט צוויי אזעלכע ווי דו און מען האָט זיי געשאָסן. איינער האָט געטראָגן א רויט העמד, א געקעסטלט.

„דער שוסטער! גיט וואָס איך בין מיט אים נישט געגאַנגען!"
די פיס האָבן מיר אָנגעהויבן ציטערן.

— גוט, כ'גיי, איז מיר ענדלעך געלונגען אויסצושטאַמלען. אָבער גיב מיר עפּעס צו עסן.

— כ'האָב נישט גאָרנישט ביי מיר.

איצינד וווּנדער איך מיך וואָס איך בין נישט אַנטלאָפן און בין צוגעשטאַנען:

— איך ווייס אויף דיר דאָ. ברענג מיר עפּעס פונעם קאַנטאָן כ'האָב נישט געגעסן איך געדענק שוין נישט פון ווי פיל צייט.

— כ'קאָן דיר נישט ברענגען. כ'האָב צוויי סאָלדאַטן איינקוואַרטירטע אין קאַנטאָן. גיי אַוועק אויב דו ווילסט נישט באַקומען יענעם פּסק
כ'בין געוואָרן בלאַזירט, גלייכגילטיק:

— נו, זאָג־זשע מיר כאָטש ווו איך געפין מיך·

— גאַנץ צו עסטערגאָ. נאָר איך ראָט דיר זאָלסט אויסווייכן די שטאָט. זי איז פול מיט דייטשן. מע עוואַקוירט.

כ'האָב פאַרכאַפּט אויף לינקס, ווו דאָס וועלדל האָט זיך אויסגעשפּרייט. ס'איז מיר אָנגעקומען צו וויינען פאַר פאַרדראָס. ווי קאָן עס געמאָלט זיין אין עלטער פון צוואַנציק יאָר צו שטאַרבן פאַר הונגער ווי א מויז?

די זון האָט אַזוי שטאַרק געברענט, גלייך ווי זי וואָלט אויף מיר ברוגז געווען. כ'האָב געשוויצט און געפילט ווי די כוחות לאָזן זיך מיר אויס. כ'האָב מיך געוואָלט אַוועקזעצן און מיך מער נישט אויפהייבן, נאָר כ'האָב מיר געשטעלט א איראָנישע פראַגע: „אויב איך מוז סיי־ווי שטאַרבן, פאַרוואָס זאָל איך נישט שטאַרבן אין שאָטן?

אָנקומענדיק אין וועלדל, האָב איך אַרויסגענומען פון דער קעשענע דעם רבינס ברויט. דערזעענדיק דאָס פּעקעלע האָט זיך מיר דער מאָגן איינגעשרומפּן און כ'האָב אָנגעהויבן שלינגען טרוקן ווי פון א פיבער־אָנפאַל. כ'בין געווען איבערצייגט, אַז ווען כ'זאָל נישט געווען האָבן דאָס ברויט וואָלט איך עס נישט אויסגעהאַלטן ביז אַהער. ווער ווייסט, צי, געשטויסן פונעם הונגער, וואָלט איך נישט געגאַנגען מאָנען עסן ביי די סאָלדאַטן און צי זיי וואָלטן מיך נישט געשאָסן ווי דעם שוסטער! גיין! כ'טאָר נישט עסן פונעם ברויט! איצינד איז דאָס דאָזיקע רעפטל ברויט די איינציקע זאַך וואָס גיט מיר נאָך כח. איך דאַרף מיך אויפהייבן און זיך לאָזן אין וועג אַריין! ס'האָט נישט

קיין שום זין צייט צו פארלירן! כ'האָב ווידער דאָס פעקעלע צוריק־געלייגט אויף זיין אָרט! גייענדיק, האָב איך פון מאָל צו מאָל א טאפּ געטון די קעשענע כדי צו קאָנטראָלירן צי עס געפינט זיך נאָך דאָרט. צומאָל, האָט זיך מיר דאָס אלץ אויסגעוויזן נישט מער ווי א חלום און, אז אין גיכן, וועל איך מיך טרעפן אין מיין קאבינע פון דער שלעפּ־שיף. נאָך עטלעכע שעה גייען, אנטדעק איך ביים ראנד פונעם וואלד א פארם. איך דערנענטער זיך מיט איבערצייגונג, אז אין א פּאָר מי־נוט ארום נעמט א סוף צו מיינע ליידן. איך וויל אָקערשט אָנהייבן שרייען, אז, אין שאָטן פון די ביימער, אנטדעק איך עטלעכע מילי־טערישע לאסטוועגן. איך צי צונויף די ציין, גיב א טאפּ דאָס רעפּטל ברוסט פון דער קעשענע און ווייך אויס די פארם.

צו נאכט־צו, געפין איך מיך אויף א נאציאָנאלער שאָסיי. עס קומערט מיך מער גאָרנישט. איצט איז מיר שוין אלץ־איינס. איך נעם ארויס דאָס פעקעלע פון דער קעשענע און וויל עסן. איצט איז מער נישט פאראן קיין שום כח וואָס זאָל מיך קאָנען פארהאלטן; איך ביינ אויף דעם קניפּ פונעם טיכל און הער אונטער מיר דעם בייזער־דיקן קלאקסאָן פון אן אויטאָ. א טוריסט. איך לייג גיך אריין דאָס פעקעלע אין קעשענע און מאך ברייטע סמנים מיט דער האנט. איך וויל פארהאלטן דעם אויטאָ. דער אויטאָ שטעלט זיך אָפּ. ביים רודער דערזע איך א דייטשן סאָלדאט. ט'אָסטו דיר, נאָך דאָס האָט מיר גע־פעלט!

איך דערנענטער מיך רואיק צום מאשין. צו מיין וואונדער, פיל איך מער נישט קיין מורא.

— איך בין א מאטראָז פון *D.D.S.G.*[1] זאָג איך, און ווייז אים די מאטראָז־לעגיטימאציע. איך וויל פאָרן קיין פעשט. ער מאכט מיר א סימן איך זאָל איינשטייגן.

זיצנדיק לעבן שאָפער, פארגעס איך א צייט אין הונגער. דערנאָך נעמט זיך דער מאָגן ווידער בונטעווען. דאָך האלט איך עס אויס הע־ראָיש. דער סאָלדאט דארף נישט זען, אז איך בין הונגעריק. ער קען האָבן א חשד. איך טו מיר אָן א כח נישט אנטשלאָפן צו ווערן.

ס'האָט זיך באוויזן דער מאָרגנרויט ווען כ'בין אָנגעקומען קיין בודאפעשט. אין צענטער פון שטאָט זאָג איך, אז איך וויל אָפּשטייגן.

---

[1]) Donau Dampfschiffarts-Geselschaft.

דער שאָפער שטעלט אָפּ די מאשין. איך דאנק אים און לאָז מיך אהיים גיין. איך שעם מיך ארויסצונעמען דאָס ברויט אין מיטן גאס: כ'ווייס נישט פארוואָס, נאָר כ'האָב דעם איינדרוק, אז א הונגעריקער מענטש איז מער פארדעכטיק אלס א זאטער. איך טאפּ דאָס רעפטל ברויט פון דער קעשענע און אין געדאנק דאנק איך דעם רבין. בעצם האָט ער מיך מציל געווען. ווער ווייסט וואָס איך וואָלט געטון ווען איך זאָל נישט געווען האָבן דאָס דאָזיקע רעפטל ברויט! נאָענט צו דער היים פארהאלט מיך א מיליטערישע פאטרול. איך פיל ווי דאָס בלוט קומט מיר אין פנים. איך שווייג כדי נישט אָנהויבן שטאמלען.

— די לעגיטימאציע! באפעלט מיר א פעלדוועבל.

איך נעם ארויס די מאטראָז-לעגיטימאציע און דערלאנג זי אים:

— מאטראָז!

דער פעלדוועבל בלעטערט די דייטשע לעגיטימאציע, דערנאָך דרייט ער זיך אוים צו די איבעריקע פון דער פאטרול:

— זאָל ער גיין צום טייוול, ער איז א דייטש.

גוט וואָס כ'האָב צו אים נישט גערעדט ביז איצט. איך באגריס אים קורץ, אויף דייטש.

אין דערהיים, אויף די פראגעס פון מיין פרוי, האָב איך מער נישט קיין כח איר צו ענטפערן. איך פאל אנידער אויף דער קאנאפּע, אָבער איך קאָן נישט אנטשלאָפן ווערן. דער גערוך פון עסן קיצלט מיר אין די נאָזנלעכער. איך דערמאָן מיך אין דעם יידנס ברויט. איך נעם ארויס דאָס פּעקעלע פון דער קעשענע און צעגעם עס שמייכלענדיק:

— אָט, דאָס האָט מיך געראטעוועט...

— דאָס שמוציקע טיכל? וואָס האָסטו אין דעם?...

— א רעפטל ברויט.

מיטאמאָל, הייבט זיך דאָס צימער אָן דרייען מיט מיר. איך דער־קען נישט מער גארנישט, ווי נאָר דאָס שטיקל ברייטל וואָס פאלט ארויס פונעם טיכל.

— איך דאנק דיר, רבי!

פראנציסק מונטעאנו

# דער הימל הייבט זיך אָן פונעם דריטן שטאָק

מיין ווייב איז נישט קיין אייפערזיכטיקע פרוי. פאַרקערט: זי איז א פרייליכע, אן אָפּטימיסטישע, וועלכע אינוועסטירט אין סיי וועמען איר ווערטפולסטן קאַפּיטאַל: צוטרוי. און זעלבסטפארשטענדלעך בפרט אין מיר. דאָס הייסט אָבער נישט, אז מיינע ווערטער זענען ביי איר תורת-משה, אָבער זיי ווערן גוט אויפגענומען און נישט קאָנטראָלירט. דאָך, איניקע מאָל, זייער זעלטן, באַטראַכט זי מיך מיט חשד, ווערט אָנגעכמורעט און דערמאָנט ווייס איך, אזאויך זי איז אָנגעשטעקט געוואָרן פונעם חשד-חולאת – אייפערזיכט. זי שפּילט מיר נישט אָפּ קיין סצענעס, וויינט נישט, פאַרקרימט נאָר דאָס פּנים און בלייבט שטילשווייגנט ווי א פאַרצעלייענע סטאַטוע. איך נעם זי קיינמאָל נישט איין: אייפערזוכט ווערט נישט געהיילט ווי נאָר מיט איין איינציק היילמיטל, און דאָס היילמיטל איז צייט. מיט דער צייט, ווערט דער צווייפל פאַרצערט, דער חשד צעשמעלצט זיך און דאָס אומצופרידנקייט פאַרגעסט זיך.

אוודאי וואָלט בעסער געווען ווען איך זאָל איר נישט פאַרשאַפן קיין מאָטיוו פון חשד. אָבער, צום באַדויערן, בין איך נישט קיין צדיק: איניקע מאָל פאַרציען זיך מיינע וועגן ביז אין דער שפּעטער נאַכט אריין, אן אנדערש מאָל גיי איך ארויס קויפן א בוך און אויפן צווייטן טאָג גיב איך א בליץ-דעפּעשע, אז „צופעליק געפון איך זיך אין

קלוזש". צו מיין מזל, האָב איך אַן אמטליכן תירוץ: „איך דאָקומענ־
טיר מיך".

איך בין דאָס אַלץ מודה דערפאַר, ווייל פריער מיט אַ פּאָר טעג
האָב איך מיין ווייב געטראָפן וויינען, כאָטש כ׳האָב געוווּסט, אַז ס׳איז
קיינער נישט געשטאָרבן אין דער פאַמיליע, מיין זון האָט נישט באַ־
קומען די גאָטן פון ענדע שול־יאָר, און איך האָב קיין זאַך נישט בא
גאַנגען וואָס זאָל באַרעכטיקן טרערן.

כ׳האָב זי געפרעגט פאַרוואָס זי וויינט. אַנשטאָט אַן ענטפער,
האָט זי מיר דערלאַנגט אַ בריוו וואָס זי האָט באַקומען פון בראַטיס־
לאַווע. לויט דער רונדקייט פון די בוכשטאַבן פון אויפן קאָנווערט
האָב איך מיר תיכף חשבון געגעבן, אַז דער אָפּזענדער איז אַ פרוי.

דער בריוו איז געווען אָפן. כ׳האָב אים געלייענט מיט אַן איבער־
געמאַכטער גלייכגילטיקייט, ווייל כ׳האָב געוווּסט, אַז מיין ווייב שפּירט
נאָך יעדע באַוועגונג מיינע. איך דערמאָן זיך אַקוראַט, כ׳האָב גאָר־
נישט אויפגעצייכנט, כאָטש די פּאָר שורות זענען לחלוטין נישט גע־
ווען קיין געוויינלעכע, כ׳גיב זיי דאָ איבער:

„ליבער פראַנטישעק,

אַנטשולדיק וואָס איך רוף דיך אַזוי, נאָר איך בין איבער גליק־
לעך. דעם דאָקטערס אינטערווענץ איז געווען אַ פרוכטבאַרע, אַלץ איז
גוט דערלעדיקט געוואָרן.

איך קוש דיך טויזנט מאָל,
לינדאַ"

נאָכן לייענען אַזאַ מין בריוו, זענען רייד געוויינלעך איבעריק.
וואָס וואָלט נאָך געווען צוצוגעבן, אָדער צו דערקלערן? אפשר נאָר
די אידענטיטעט פון די פּערזאָנען, אָדער די פּרטים וועלכע זעען זיך
דורכ׳ן צווישן די שורות.

לינדאַן האָב איך גוט געקענט, קיינמאָל וואָלט איך פון איר נישט
דערוואַרטעט אַזאַ מין בריוו. כ׳האָב אויפגעהויבן די אויגן צו מיין
ווייב; זי איז געזעסן אַן אומבאַוועגלעכע, מיט אויף מיר געצילטע
אויגן. זי האָט נישט אויסגעזען אַ דערשלאָגענע, נאָר גיכער אַ טרו־
עריקע.

בטבע זאָג איך נישט קיין ליגן, דאָס שוין צוליב אַכטונג פאַר
זיך גופא.

כ'האָב זי געפרעגט אויב זי וויל כ'זאָל איר דערציילן וועגן מיינע באציאונגען מיט לינדאן. זי האָט מיך נישט געוואָלט אויסהערן און ס'האָט געדארפט א בערגיין א צוויי טעג ביז דער נייגיר האָט גובר געווען דעם שטאָלץ און זי האָט מיך געבעטן כ'זאָל איר דערציילן וועגן דעם מיידל פון בראטיסלאווע.

— אָבער קורץ — איז זי צוגעשטאנען, דערנאָך האָט זי צוגעגעבן, אז איך זאָל גאָרנישט דערמאָנען וועגן דעם וואָס פאסט נישט פאר מיין ווערדע.

כדי זי צו וואָרענען, אז ס'איז די רעדע פון א לענגערע דערציילונג, האָב איך איר געמאָכט א גרויסע קאווע און ארויסגענומען דעם טעלעפאָן פון דער פריזע. זי האָט נישט געהאט קיין אנדערע ארבעט. זי האָט מיר געבראכט די קאווע און זיך אוועקגעזעצט אקעגן מיר, געדולדיק, נאָר לויט מיר האָט אויסגעוויזן, נישט איבערצייגט, אז איך וועל איר זאָגן אלץ.

א צייט האָב איך באטראכט די פארע וואָס האָט זיך אויפגעהויבן פון די באבעליטענע שאָלן, די קאָלירטע שפיקעריי פונעם טיש-טוך און די קליינע, קאָלירטע נעגל פון מיין ווייב. זי איז געזעסן מיטן רוקן צום פענצטער, אזוי, אז איר פנים איז געווען איינגעהילט אין א גלייכארטיקן מאַטנעם שאָטן, וואָס האָט אָפגעבליאקעוועט די שטריכן פון איר פנים. כ'האָב נישט געהאט קיין חשק צו רעדן און חוץ דעם, צו צעגלידערן מיינע באציאונגען מיט לינדאן האָט מיר אויסגעוויזן א חלול-השם, ענלעך צו א הוסן-קאָנצערט פון גריפע-ליידנדע צושויער אויף א באלעט-פאָרשטעלונג. כ'האָב אָבער שוין נישט געקאָנט צום ריקצאָג. כ'האָב אָנגעהויבן רעדן פאמעלעך, פרוּווגדיק אין דער זעלבער צייט צו דעשיפרירן די שטריכן פון מיין ווייבס פנים, וואָס איז געווען איינגעהילט אין א גלייכארטיקן, מאַטנעם שאָטן.

— מיט לינדאן האָב איך זיך באקענט פאראיאָרן אין בראטיסלאווע. ווייסט, דעמאָלט ווען דער פארלאג „סלאוויא" האָט מיך איינגעלאדן.

— ביז איינט האָסטו קיינמאָל נישט גערעדט וועגן איר

— ניין. דו ווייסט אָבער, או וועגן א סך זאכן האָב איך דיר נאָך נישט גערעדט. איבעריקנס, ביסטו קיינמאָל נישט צוגעשטאנען.

— גוט. דערציי?ל ווייטער.

דער דאָזיקער „דערציי?ל ווייטער“ האָט געקלונגען ווי א מין „נו, פאָר ווייטער!“, צי אפשר נאָך וולגארער. דאָך האָב איך פארגעזעצט מיטן זעלבן טאָן, געלאנגווײלט.

— אין א טאָג בין איך איינגעלאדן געוואָרן אויף א ליטערארישער זיצונג. איך האָב אויך גערעדט. כ׳האָב דערציילט וועגן מיינע ליטערארישע אָנהויבן, מיט וואָס פאר א געלעגנהייט כ׳האָב צום ערשטן מאָל באזוכט די גאסטפריינטלעכע שטאָט און וויאזוי כ׳האָב זיך שפּעטער פאמיליאריזירט מיט בראטיסלאווא. ס׳איז געווען אן אָנגענעמענע אטמאָספערע.

— רעד פון לינדאן.

— תיכף. כ׳האָב געזאָגט, ס׳איז געווען אן אָנגענעמענע אטמאָספערע צו דער זיצונג זענען איינגעלאדן געוואָרן א סך סטודענטן און סטודענטינס. איך מיין אָבער, אז זיי זענען גיכער געקומען צוליבן טאנצן, וואָס מ׳האָט געמעלדעט נאָך דער זיצונג.

— דו דערווייטערסט זיך נישט פון דער טעמע?

— ניין. נאָך דער זיצונג האָבן זיך באוויזן עטלעכע קלעזמער און די סטודענטן האָבן איבערגעפירט די בענקלעך אין די דערבייאיקע צימערן. עמעצער האָט מיך געבעטן איך זאָל בלייבן ביים טאנצן. כ׳האָב סיי ווי נישט געהאט וואָס צו טון. ווען כ׳האָב אָבער געזען ווי די יונגט העצקעט זיך, האָב איך מיר חשבון געגעבן, אז כ׳האָב דאָרט נישט וואָס צו טון. ווייסט דאָך גאנץ גוט, אז איך בין נישט אזוי געניט אויף דעם דאָזיקן געביט. בעת כ׳האָב מיך געגרייט צו פארלאָזן דעם טאנץ-זאל, איז צו מיר צוגעקומען א מיידל, האָט זיך פאָרגעשטעלט און מיר עפּעס געזאָגט. כ׳האָב נישט פּינקטלעך פארשטאנען וואָס זי האָט מיר געזאָגט. זי האָט גערעדט אן עכטן דייטש און כ׳האָב מיך באדארפט אָנשטרענגען זי צו פארשטיין. ענדלעך האָב איך פארשטאנען, אז זי הייסט לינדא און זי איז ערגעץ ווו א סטודענטין אויפן פילאָלאָגישן פאקולטעט.

— אזוי, מיר גישט-דיר נישט, איז זי צו דיר צוגעקומען?

— יאָ. אזוי, מיר נישט-דיר נישט. דערנאָך האָט זי מיך געפרעגט פארוואָס כ׳וויל אוועקגיין. כ׳האָב מיך געשעמט איר צו זאָגן, אז כ׳קען נישט די מאָדערנע טענץ און כ׳האָב אויסגעטראכט אויפן פלאץ עפּעס בנוגע יוגנט, בנוגע...

— כ'פארשפיי... בנוגע יוגנט...

— יאָ, אז דו גיסט מיר א פּאָר רגעס רו, וועל איך מיר דער־מאָנען אָן אלץ וואָס כ'האָב איר געזאָגט, אין יעדן פאל אומגעפער אזא מין:

— קוק, ליב מיידל, יאָ, טאקע מיט די ווערטער, ליב מיידל, גיב נאָר א קוק צו יענעם בחור פון לעבן שפּיגל — כ'האָב איר אָנגע־וויזן אויף א יינגל וואָס האָט זיך אראנזשירט די קראוואטע פארן שפּיגל. זעסט, אים איז וויכטיק וויאזוי ס'שטייט דער קניפּ פון דער קראוואט און פאר גאָרנישט אויף דער וועלט וואָלט ער נישט דערלאָזט א ווידערשפּעניקדיקן לאָק הענגען אויפן שטערן. דער אנדערער, יע־נער נעבן דעם אָרקעסטער, — כ'האָב אָנגעוויזן אויף אן אנדערן סטודענט — זעסט, ער ווישט זיך די דלאָניעס אין דעם אונטערטייל פון די הויזן. וואָרעם, זאָל דער אייבערשטער אָפּהיטן, א מיידל זאָל דערפארן, אז די דלאָניעס שוויצן אים! וועגן אָ די דאָזיקע פונעם זאָל איז גאָרנישט פאראן קיין וויכטיקערע זאך אלס דער טאנץ, אלס די קעגנווערטיקע רגע. פאר זיי איצט, האָט דער טאנץ אין זיך עפּעס פרומס ווי א נאכט־תפילה פאר א פענסיאָנער. איך, צום באדויערן, ליב מיידל, קאָן נישט מער שעצן די אומגעהייטערע באפרידיקונגען וועלכע נאָר די עלטער קאָן זיי דיר פארשאפן. איך קעם מיך נישט כדי אויסצווייזן שענער, נאָר וויל כ'האָב מיך איינגעוווינט צו קעמען פארשטייסט, ליב מיידל? צום באדויערן, קען איך מער נישט דעם ווערט פון א פּאָר פריש־געפּרעסטע הויזן.

דאָס מיידל האָט מיך אָנגעקוקט אזוי פארוואונדערט, גלייך ווי דערמלט, אין יענער רגע, זאָל איך געווען האָבן דערפונדן די רעלא־טיוויטעץ־טעאָריע. זי האָט מיר געזאָגט:

— ס'טוט מיר באנג וואָס איר גייט אוועק. איך בין געקומען נאָר צוליב אייך. כ'האָב זייער געוואָלט אייך קענען.

— כ'האָב געהאט דעם איינדרוק, אז זי איבערטרייבט.

— אָדער דו איבערטרייבסט...

— ניין. איצט מאך איך נישט קיין ליטעראטור. כ'האָב זי געפרעגט צי איידער זי איז אריינגעטרעטן אין זאַל האָט זי אמאָל געהערט וועגן מיר.

— יאָ — האָט זי מיר געענטפערט. אוודאי געהערט. לויטן נאָמען קען איך אייך אפילו זייער גוט. א יאָ, אז אייער נאָמען איז א פּסעוו־דאָנים?

— איר פֿראַגע האָט אין זיך געהאַט עפּעס פֿון יענע באַנאַלע אָנגעשטרענגטע פֿראַגעס ווען מען וויל אומבאַדינגט אָנקניפּן אַ דיסקוסיע. אפֿשר דערמאָנסטו דיך דעם אופֿן ווי מיר האָבן זיך באַקענט. כ'האָב דיר געזאָגט, אַז איך קען דיך פֿון ערגעץ. דו האָסט דיך געוווּנדערט און מיך געפֿרעגט פֿון וואַנען? כ'האָב דיר נישט געוווּסט וואָס צו ענטפֿערן. כ'בין צעמישט געוואָרן, אָבער אין יעדן פֿאַל האָב איך מיין ציל דערגרייכט. כ'האָב זיך מיט דיר באַקענט און מיר זענען איינענעם אַוועקגעגאַנגען ווי צוויי אַלטע פֿריינט. דערמאָנסט דיך?

— יאָ, אָבער כ'וויים נישט וואָס פֿאַר אַ שייכות ס'האָט די דאָזיקע פֿאַראַנטעזע מיט לינדאַן. אפֿשר האָסטו זיך חשבון געגעבן, אַז זי האָט זיך געוואָלט אין דיר „אָנטשעפּען", און דו האָסט זי אָפּגעשטויסן?

— ניין, כ'האָב איר געענטפֿערט זייער קאָרעקט. אַזוי: „הער אויס, ליב מיידל. דער נאָמען וועלכן איך באַנוץ איצט, איז מיין באַשטענדיקער נאָמען". כ'האָב נאָך געמאַכט אַ קליינע איראָניע. „און, אויף וויפֿל איך וויים און לויט עס קומט אַרויס פֿון די אַקטן, איז זייט דור-דורות נישט פֿאָרגעקומען קיין שום נאָמען-ענדערונג אין מיין משפּחה".

— אַ שאָד. איך בין געווען זיכער, אַז אייער נאָמען איז אַ פּסעוודאָנים. אויב איר ווילט אומבאַדינגט אַוועקגיין, דערלויבט איר מיר אייך צו באַגלייטן?

— מיך צו באַגלייטן? צו וואָס?... ווייסט, ליב מיידל, איך וואָלט אַ בעלן געווען צובלייבן מיט זיך אַליין. כ'וויים נישט פֿאַרוואָס, די שמחה פֿון די פֿונעם זאָל מאַכט מיך אַ ביסל טרויעריק. ס'איז נישט קיין בייזוויליקער טרויער נאָר דאָך אַ טרויער. כ'וויל מיך גיין אָנשכורן.

דאָס מיידל האָט מיך פֿאַרוווּנדערט אָנגעקוקט, דערנאָך האָט זי מיר געבעטן דערלויבעניש מיך צו באַגלייטן.

מיין ווייב האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, מיט פֿאַרשטענדעניש, אַ ביסל נאָכגעבעריש. מעגלעך, אַז כ'האָב איר נישט אויסגעוויזן גענוג איבערצייגנט.

— און זי איז טאַקע אַזוי שטאַרק צוגעשטאַנען דיך צו באַגלייטן?

— יאָ, זי האָט עס געוואָלט. זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי וואָלט וועלן זען ווי אַזוי עס זעט אויס אַ שכּורער שרייבער.

דעמלט האָב איך זי צום ערשטן מאָל באטראכט מיט אויפמערקזאמקייט: זי האָט א קיילעכדיק פּנים, מיט א טונקלער, אָליוונפארביקער הויט. דאָך איז מעגלעך, אז זי איז נישט געווען קיין אָליוונפארביקע, נאָר א בראָנזירטע. די שווארצע, געלאָקטע האָר, ייִנגליש אונטערגעשווירענע, האָבן איר געגעבן דעם אויסזע פון א ספּאָרטמען, פון א יונגער, געווּנטער חיה. דאָס קאָליר פון אירע אויגן האָב איך נישט געקאָנט פעסטשטעלן נישט דעמלט, און נישט שפּעטער.

— דאָס הייסט, ס'איז אויך געווען א שפּעטער.

— יאָ, ביים ליכט פונעם לאָמפּ האָבן זיי אויסגעוויזן צינלברויגע, נאָר ווען זי פלעגט זיי האלטן אָפן, וואָלט איך געשווירן, אז זיי זענען געווען שווארצע. זי האָט געטראָגן א געשטרייפט קליידל, צוגעקלעפּט צום קערפּער. אין אלגעמיין איז זי געווען א חנעוודיקע און עפּעס מער. מיט איין וואָרט, זי איז געווען א פרוי נאָך וועלכער ס'איז ווערט אויסצודרייען דעם קאָפּ אויף דער גאס. מיר האָבן פארלאָזט דעם זאל אינאיינעם. ס'איז געווען א קילע נאכט, מיט א לויטערן הימל און מיט א סך שטערן. דער „קליינער בער" האָט אויסגעוויזן ווי אָנגעהאָנגען אויפן שפּיציקן טורם פון א גאָטישן קלויסטער. נאָך א פּאָר שריט, האָט זי מיך געפרעגט צי איך דערלויב איר זי זאָל מיך האלטן ביים אָרעם.

— איך זע ווי דו דערנענטערסט זיך צום פּראָבלעם.

— אין א געוויסער מאָס. איך זאָג אין א געוויסער מאָס, טראכטנדיק צו דעם וואָס דו דערוואַרטסט. מיר זענען געגאנגען געאָרעמט און כ'האָב געפילט די ווארעמקייט פון איר קערפּער. עטלעכע מאָל, האָב איך זי אָנגעקוקט שיף: אין דעם קאָלירטן ליכט פון די נעאָן-רעקלאמעס, איז איר פּנים געוואָרן דורכזיכטיק, אומרעאל. צוליבן שמאָלן קלייד, האָט זי געמאכט קליינע שפּאן. כ'האָב מיך געמוזט צופּאסן צון איר שפּאן. זי האָט געטראָגן שיך טיט הויכע קנאָפּל, אָבער אפילו אזוי האָט זי מיר קוים געגרייכט ביז צום אקסל. כ'האָב זי געפרעגט ווי אלט זי איז. זי האָט מיר געזאָגט אכצן, נאָר זי האָט אויסגעוויזן עפּעס עלטער. זי איז געווען א פּעשע.

— דאָס הייסט, א פרוי אין פולן זינען פון וואָרט.

— יאָ. מען קאָן דאָס אויך זאָגן, אויב די אָפּאצונג „א פרוי אין פולן זינען פון וואָרט" היט אָפּ די געאייגנטע ריינקייט. כ'האָב נישט געוווסט וואָס מען טוט מיט איר.

— פריער האָסטו געזאָגט, אז דו ביסט געגאנגען דיך אָנשכורן...

— יאָ. דאָס האָב איך געוואָלט טון. נאָר כ'האָב ביי מיר נישט געהאט גענוג געלט. נאָר קליין געלט, פיר אָדער פינף קראָנען, אזוי-פיל וויפל ס'וואָלט מיר געקלעקט פאר אן אויטאָ צוצופאָרן צום האָטעל.

— הייסט'ס, האָסטו זי געפירט אין האָטעל?

— ניין. כ'האָב זי נישט געפירט אין האָטעל. כ'האָב מיך ארומ-באלאנקעט א צייט אויף די גאסן, אָן א ציל און אָן לשון. צום סוף האָט זי מיך געפרעגט צי כ'האָב פארציכטעט אויפן געדאנק פון אָנ-שכורן זיך. כ'האָב איר פשוט און פראָסט געענטפערט, אז ס'איז אונטערגעקומען א זייער וויכטיקע זאך אין מיין אָנגענומענעם באש-לוס בעפאָר מיט א פערטל שעה און נעמלעך — מאנגל אין געלט. מעגלעך, אז זי האָט געמיינט, אז איך שעם מיך אָנצושכורן זיך אין איר קעגנווארט אָדער איך האָב מיך פשוט געלויבט מיט מיין אלקאָליזם. ווען כ'האָב זי איבערצייגט, אז כ'האָב באמת קיין געלט, האָט זי זיך אָפגעשטעלט און געזוכט אין טעשל. צום באדויערן האָט זי נישט געהאט קיין געלט ביי זיך.

— און דו וואָלסט אומשטאנד געווען זיך אָנצושכורן מיטן געלט פון א סטודענטין?

— כ'גלייב אז יאָ. כ'האָב דיר געזאָגט, אז כ'בין געווען גענוג טרויעריק כדי צו באגיין אויך אזא גראָבהייט. כ'האָב באשלאָסן מיר זאָלן שפאצירן. די שטאָט האָט אויסגעוויזן ווי פארשטארצט. די ווײ-ניקע דורכגייער האָבן זיך געאיילט, נאָר מיר ביידע האָבן געשפאנט פאוואָליע ווי ליידיקגייער. דער „קליינער בער" איז אלץ געהאָנגען אויפן טורעם פון דעם גאָטישן קלויסטער און איך האָב גערעדט כ'ווייס אליין נישט וואָס. נישטיקייטן, נישט וויכטיקס. כ'האָב די גאנצע צייט געהאט דעם איינדרוק, אז זי וואַרט פון מיר גייסטיקע ווערטער, קלוגע זאַכן, און איך בין נישט אומשטאנד געווען איר צו זאָגן ווי נאָר באנאליטעטן. כ'מיין, אז ס'זענען פאָראיבער א דרייסיק מינוטן זייט מיר זענען געווען צוזאמען, אז זי האָט מיך געפרעגט צי ווייס איך, אז אין בראטיסלאווא איז פאראן א הויז, וווּ אונטער א פלויט, אויף א מארמער-טאָוול איז אויסגעקריצט, אויך מיין נאָמען. דהיינו, מיין סלאָוואציזירטע נאָמען: פראנטישעק מונטעאנו. (ס'איז גוט צו וויסן, אז בכלל זענען אין טשעכאָסלאָוואקיע די נעמען פון די פאטריאָטן וואָס זענען געפאלן פאר דער באפרייאונג פונעם פאָטער-

לאנד אויסגעקריצט אויף מארמער-טאָוולען, וועלכע זע:ען פיקסירט אונטער די טויערן ווו די באַרעפנדע העלדן האָבן געוווינט). — דער טאָוול מיט אייער נאָמען געפינט זיך אויף שטעפּאני-גאס — האָט זי פאַרגעזעצט.

— אויף שטעפּאַני-גאס, נומער 22, נישט אזוי?

— פון וואַנען ווייסט איר? האט זי זיך געוווּנדערט. זי האָט א פּנים געמיינט, אז זי זאָגט מיר א נייעס, אָדער אין יעדן פאל, אז זי מאַכט מיר א סיורפּריז.

— כ'ווייס, ליב מיידל — האָב איך איר געענטפערט, לאַכנדיקן מחמת פראַנטישעק מונטענו וועלכער איז געשטאָרבן אויף שטעפּאני-גאס 22 בין איך עס טאקע. כ'דארף דיר מער נישט זאָגן מיט וואָס פאר אן אויגן זי האָט מיך אָנגעקוקט. זי האָט אוודאי געמיינט, אז איך בין פון זינען אראָפּ, אָדער עפּוואס ענטלעכעס, ווייל זי האָט איר אָרעם צוריקגעצויגן און אָפּגעטרעטן מיט א שפּאַן צוריק. כ'האָב ווייטער געשמייכלט און זי געבעטן מיך צופירן אויף שטעפּאני-גאס 22. אייגנטלעך, האָט זי מיך נישט באדארפט צופירן. כ'האָב דעם וועג זייער גוט געקענט. פּאַרצייטן, בעת דער מלחמה, האָב איך זי א סך מאָל אויסגעטרעטן.

דאָס הויז אויף שטעפּאני-גאס 22, איז אן אלטע הויכע געביידע אין דער פאָרם פון א קאזארמע. אונטערן טויער איז באמת געווען א מארמער-טאָוול און אויף דעם טאָוול מיין נאָמען: פראַנטישעק מונטענו. אונטער מיין נאָמען, נאָר צוויי אויסגעקריצטע נעמען: אָטאָ-קאר סמאָלאר און זשירי סליוואָטשעק. דאָרטן, אונטערן טויער, האָב איך מיר חשבון געגעבן, אז איך בין א מזלדיקער מענטש. וואָרעם, בעצם, וואָלט די זאך געקאָנט אראנזשירט ווערן אויף דעם אופן ווי עס איז טאקע אויסגעקריצט געווען אויף דער מארמער-פּלאַטע: דהיינו איך זאָל שוין נישט געווען זיין א לעבעדיקער, נאָר אזוי א נאָמען, א געדערעניש און נישט מער. אן אויסגעקריצטער נאָמען אויף א מאר-מער-טאָוול פאר וועלכן, צומאָל, דער פאָרטער, דערמאַנט ווען ער עפנט דעם טויער פאר פארשפּעטיקטע, זאָל זיך אפשר א ביסל פארבייגן. נישט מער. ווייזט אויס, אז כ'בין געווען דערשיטערט, מחמת לינדא האָט מיך אָנגעכאפּט ביים אָרעם און מיך אוועקגעשלעפּט אין א זייט.

— צו וואָס טראכט איר, הער פראַנטישעק?

— צו וואָס?... וואָלט איך דיר נישט געקאָנט ענטפערן, ליב מיידל. כ'ווייס נאָר איין זאך: איך וואָלט שטאַרק געוואָלט זיך אָנשכורן!

און כ'בין באמת פארכאפט געוואָרן פון א מאָד־ע געפיל, ענלער, גלייב איך, צו א הונגעריקן מענטשן וואָס שפירט דעם ריח פון א בראטן. כ'האָב קיינמאָל ביז דעמלט נישט אזוי שטארק געגלוסט צון א שלונג אלקאָהאָל. לינדא האָט מיך אָנגעכאפט ביים אָרעם און געפרעגט צי ס'געפעלט מיר ווייַנפערלער-וויין.

— סיי וואָס וואָלט מיר איצט געפעלן, ליב מיידל. סיי וואָס, ס'זאָל האָבן וואָס מער אלקאָהאָל.

— גו, פארבעט איך אייך צו מיר אהיים... כ'האָב נאָר צוויי פלע־שער. כ'בעט אייך מיר נישט אָפּ צו זאָגן...

— גוט, ליב מיידל, אָבער וואָס וועלן די עלטערן זאָגן, ווען דו קומסט אהיים מיט א פרעמדן מענטשן און ביכט אים מכבד מיט וויין?

— כ'האָב נישט קיין עלטערן. איך ווין אליין. כ'בעט אייך איר זאָלט מיר נישט אָפּזאָגן. כ'גלייב, אז כ'האָב פון איר שוימע דערשיפּרירט מער ווי אן איינפאכע איינלאדונג. כ'האָב מסכים געווען.

— כ'וואָלט מיך געוווּנדערט דו זאָלסט אָפּוואַרפן אזא מין איינלא־דונג.

— יאָ. בכלל בין איך דער מענטש וואָס ווארפט אָפּ איינלאדונגען כ'האָב איר געזאָגט מיר זאָלן גיין. צו מיין איבערראשונג, האָט זי מיר אָנגעוויזן די טרעפּ.

— דאָ ווין איך — האָט זי געזאָגט. אויפן 3-טן שטאָק.

— אין דער שטוב, א יפן 3-טן שטאָק? מאָרגע. וויינסט פונקט דאָרט פון וואנען דער הימל הויבט זיך אָן.

— כ'פארשטיי נישט.

— פארצייטן, בין איך געווען אין דעם דאָזיקן הויז. כ'בין אויך געווען אויפן 3-טן שטאָק. אייגנטלעך האָב איך געוואָלט אויפשטייגן צום 4-טן שטאָק, אָבער דער 4-טער שטאָק איז מער נישט געווען. ער איז פארניכטעט געוואָרן פון א באָמבע. כ'בין געקומען זוכן א דאָקטער.

— דו האָסט אים נישט געפונען, דערפאר, אזוי ווי ס'קומט ארויס פונעם בריוו, האָט זי אים יאָ געפונען... און... „זיין אינטערוועניץ איז געווען א פרוכטבארע".

איך בין איבערגעגאנגען איבער מיין ווייבס איראָניע, דאָזיגן האָב איך מער נישט דערציילט, מיט אייגצלהייטן וואָס ס'איז געשען , ווי

ביז דעמלט. כ׳האָב איך געמאָלן אין א פּאָר זאַצן מיין באזור ביי לינדאן. אין דער אמתן האָט זיך די מעשה מיטן בריוו אָנגעהויבן ערשט פון דער דאָזיקער רגע.

כ׳בין אויפגעשטיגן אויפן 3-טן שטאָק. לינדא האָט געוווינט אין א בעשיידן מאָבלירט צימערל, אָבער מיט געשמאק אראנזשירט. איבעראַל: אויף דער שאפע, אויפן נאכטקעסטל, אויף די בענקלעך, אין די ווינקלען זענען געווען אָנגעווארפן העפטן און שול-ביכער. אין דער ביבליאָטעק האָב איך דערווישט מיינס א בוך, איבערגעזעצט אויף דייטש: „די לערכע". זי האָט מיר געזאָגט, אז זי האָט עס געלייענט. כ׳האָב נישט געוואָלט ביי איר מאָנען קיין מיינונג, כ׳וואָלט אפילו קיין צייט נישט געהאט. לינדא האָט מיך פארבעטן זיצן אויף א פאָטעל און געבראַכט די פלאַש וויין. דערנאָך האָט זי זיך בכיוון, מעשה שאָלטיק, אוועקגעזעצט אויפן קאָוואָר. זי האָט ווארשיינלעך געוואָלט שאפן א היימישע, פאמיליארע שטימונג. זי האָט מיר סערווירט טשעכישע ציגארן, שארפע, ענלעכע צו אונדזערע „נאציאָנאלע" און מיר אָנגעגאָסן וויין. דער וויין איז געווען ביטערלעך מיט אן עכטן בוקעט. איך דארף זיך מודה זיין, אז אויף וויין בין איך א מבין: אלס שטארקייט סאמעוועטער מיט די מאָלדאָווישע וויינען פון פיר-פינף יאָר, וואָס ווערן געהאלטן אין קליינע פעסלעך. נאָכן ערשטן גלאָז האָב איך מיר חשבון געגעבן, אז כ׳וועל מיך אָנשכורן. אייגנטלעך, האָב איך דאָך דאָס געוואָלט: אי צוליב דער מארמער-פּלאטע פון אונטערן טויער, אי ווייל לינדא האָט מיר אָנגעהויבן געפעלן. כ׳האָב אנטדעקט, אז נישט נאָר דאָס פּנים אירס האָט געהאט אן אָליוונקאָליר, נאָר אויך אירע אקסלען. איינמאָל, ווען זי האָט זיך צו מיר אָנגעבויגן אָנצוצינדן א ציגאר, האָב איך געזען דורך דער עפענונג פונעם שמאָלן קלייד דעם קאָנטור פון אירע בריסטן: ציי זענען געווען קליינע, פולע. אונטערן קלייד האָט זי נישט געטראָגן קיין קאָמבינאציע. מעגלעך, אז אויך די דאָזיקע איינצלהייט האָט מיך געשטויסן איך זאָל נאָך טרונקען א גלאָז. ס׳איז געווען א זייער מאָדנער וויזיט. מיר זענען ביידע געזעסן שווייגנדע, קוקנדיק איינער אויפן אנדערן. איך רעד גענוג שלעכט דייטש, אָבער נישט דאָס איז געווען די סיבה וואָס מיר האָבן נישט געקאָנט פארבינדן קיין שמועס. וואָס האָב איך איר געוואָלט זאָגן? חוץ דער מארמער פּלאטע האָבן מיר קיין שום געמיינזאמס נישט געהאט. איינמאָל, האָב איך מיך אפילו אויפגעהויבן אוועקצוגיין. לינדא האָט מיך פארווונדערט

אָנגעקוקט און האָט מיך געפרעגט צי איך פיל מיך נישט גוט ביי איר·

— פארקערט, מיידל, האָב איך געענטפערט, און בכיוון אויסגע־לאָזט דאָס וואָרט ליב. איך פיל מיך גוט דאָ, אָבער פארשטייסט, ס׳איז מאָדנע. איך קען דיך נישט, כ׳ווייס נישט ווער דו ביסט און זיץ מיט דיר גלייך מיר וואָלטן זיך באגעגנט צום טויזנטסטן מאָל. אויב איך בלייב נאָך, גאראנטיר איך נישט צו איך וועל דיר נישט גלעטן די אָרעמס. איך וואָלט דיך בעטן, אויב דו ווילסט באמת איך זאָל נאָך בלייבן, זאָלסטו דיך אויפהייבן פונעם קאָוואָר און אנידערזעצן אויף א בענקל.

לינדא האָט אוועקגעשטעלט א בענקל טאקע אקעגן מיר. אייגנטלעך זענען מיר אויסגעקומען נענטער ווי פריער, דאָך אין א וויניקער אינטימער פּאָזיציע.

— איר זענט צופרידענער, אז איך זיץ אויף א בענקל?

— יאָ.

דעם אמת געזאָגט, בין איך געווען אומצופרידענער. מיר זענען געזעסן פנים אל פנים, שווייגנדע, און ס׳איז מיר גאָרנישט אינטערע־סאנטס געקומען אויפן געדאנק. כ׳וואָלט באדארפט, אלס שריפטשטע־ווער, זיין וויציק, זי פארווײלן. זי האָט זיך, מסתמא, חשבון געגעבן וועגן מיין פארלעגנהייט און האָט אָנגעהויבן צו שמייכלען.

— ס׳איז נישט נייטיק איר זאָלט מיר אומבאדינגט עפּעס זאָגן. די גאסט־געבערן בין איך, איך בין מחויב אייך צו פארווײלן. נאָר כ׳האָב מורא אז איך לאנגווייל אייך.

— ניין, מיידל.

— פארוואָס זאָגט איר מיר נישט „ליבעס מיידל"?

— ווייל כ׳האָב דעם איינדרוק, אז „ליבעס מיידל" איז גלייך ווי איך וואָלט דיר געגלעט די אקסלען.

— איך זע, אז מיינע אקסלען אָבסעדירן אייך. ווילט איר איך זאָל מיר בייטן דאָס קלייד?

— ניין, ליבעס מיידל. פארקערט, כ׳מיין ס׳איז זייער גוט אזוי גיס מיר נאָך אָן א גלאָז וויין.

פון דער גאס, דורך דעם ווי פון פלאקס־יידענעם דינעם פאָרהאנג; האָט אריינגעדרונגען א געשפּרענקלטע, עסטאָמפּירטע ליכט. צומאָל, ווען מיר האָבן געשוויגן, האָט זיך הערן דער טיק־טאק פונעם וועקער

געלאָזט הערן, פון דער גאַס, די קלאַפּסאַגנען פון די אויטאָס און פון ערגעץ, אין דער נאָענט, אָפּגעהאַקטע טענער פון א סלאַוואַקיש ליד אויסגעזונגען פון א גראָבער באריטאָן-שטימע.

דאָס מיידל האָט די גאַנצע צייט געזוכט מיינע בליקן: אפשר צו-פעליק, אפשר צוליב א קינדער-שפיל. כ׳ווייס נישט. כדי צו אונטער־ברעכן דאָס שטילקייט, האָב איך זי א פרעג געטון:

— זיכער, דעמלט ווען דו ביסט מיר געקומען זוכן, האָסטו גע-האט א צוועק, וואָלסטו מיר נישט געוואָלט זאָגן וואָס פאר א?

— יאָ. כ׳האָב אייך געזאָגט. קודם האָב איך געמיינט, אז אייער נאָמען איז א פּסעוודאָנים. ווען ס׳זאָל געזען אזוי זיין, האָב איך אייך געוואָלט שטעלן אייניקע פראגן. דערנאָך, אז כ׳האָב דערפארן, אז ס׳איז נישט קיין פּסעוודאָנים, בין איך א ביסל טרויריק געוואָרן. כ׳זאָג א ביסל, ווייל... ווייל כ׳האָב מיר גוט געפילט נעבן אייך.

— דאָס איז א מין ווידוי.

— אָדער א סך ווייניקער: אויפריכטיקייט.

— זאָג מיר, לינדא, דו ווערסט נישט ברוגז, אז כ׳וועל דיך בעטן דו זאָלסט דיך צוריק אוועקזעצן אויפן קאָוואָר?

— ניין. דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן שמייכלען. זעט איר שוין ווי מיין ארגאַנזאַשמענט האָט זיך דערוויזן בעסער צו זיין!

— וועגן וואָס פאר אן ארגאַנזשאַמענט ס׳איז געווען די רעדע, האָב איך נישט פּינקטלעך געוווּסט. ס׳האָט געקאָנט זיין די רעדע סיי בנוגע דעם אופן ווי אזוי מיר זענען געזעסן אין צימער, סיי בנוגע דעם ארגאַנזשאַמענט פונעם גאַנצן אָוונט. דער אמת איז, אז כ׳האָב קיין ס׳ צייט נישט געהאט דאָס אויסצוקלערן. פונעם בענקל האָב איך געזען אירע בראָנזירטע אַקסלען און כ׳האָב דעם איינדרוק געהאט, אז לינדא איז געווען איבערצייגט, אז דערפאר האָב איך זי געבעטן זיך צוריקצוזעצן אויפן קאָוואָר. זי האָט אפילו געמאַכט א קליינעם זשעסט, נישט ווילנדיק אַפשר, פון פארטיידיקונג. זי האָט צונויפגע-פּרעסט די פּויסטן איבער דער עפענונג פונעם קלייד און האָט אָנ-געלענט די באָרד אָן דער ברוסט.

כדי צו-נישט צו מאַכן דעם איינדרוק פון יענעם מאָמענט, האָב איך מיך אויך אוועקגעזעצט אויפן קאָוואָר. אָבער צו נאָענט צו איר. אפשר שוין אומדערלויבט נאָענט. כ׳האָב געפילט דעם פּאַרפום פון אירע האָר און פון איר הויט. איר אופן פון שמייכלען האָט אין זיך

געהאט עפּעס פּראָוואָצירנדעס. כ׳האָב מיך צון איר צוגעבויגן און איר אַ קוש געטון אין אַקסל. זי האָט זיך נישט צוריקגעצויגן. זי האָט נאָר אויפגעציטערט.

— איר זענט אַ פרעמדער, אָבער איר זענט גענוי ווי די היגע מענער.

— דאָס איז אַ פאָרוווּרף?

— יאָ! אַ פאָרוווּרף, מיר. אַ מין אויטאָקריטיק. אָנפאַנג, דאָרט אין טאַנץ-זאַל ווען כ׳האָב אייך געזען, בין איך געווען איבערצייגט, אַז איר זענט אַ שעמעוודיקער מענטש. דאָס איז מיר זייער געפעלן. און דער ווילן זיך אָנצושכורן האָט זיך מיר אויך אויסגעוויזן אויך אַן אויסהיטעניש פון אַ שעמעוודיקן מענטש. דערפאַר בין איך צו-געשטאַנען אייך צו באַגלייטן. ערשט אונטערן טויער, בעתן אויפשטייגן די טרעפּ, האָב איך צום ערשטן מאָל געטראַכט, אַז איר וועט מיך שלעכט פאַרשטיין. אָבער כ׳האָב שוין נישט געוואָלט זיך צוריקציען.

— כ׳האָב מיך אויפגעהויבן פונעם קאָוואָר און מיך שרעקלעך שלעכט געפילט. כ׳האָב אויסגעשטרעקט די האַנט צום גלאָז: דאָס גלאָז איז געווען ליידיק. אין יענער רגע האָב איך מיר חשבון געגעבן אַז איינגטלעך האָב איך מער קיין חשק נישט צו טרינקען. כ׳האָב צוריקגעצויגן די האַנט און געהאַט דעם איינדרוק, אַז כ׳בין זייער לעכערלעך. ליגדא איז ווייטער געבליבן אויפן קאָוואָר, נאָענט צו מיינע פיס.

— זאָל איך נאָך אָנגיסן?

— יאָ.

כ׳האָב געטרונקען נאָך אַ גלאָז וויין, דערנאָך האָב איך מיך אַרונטערגעלאָזט אויף די קני, כ׳האָב זי אַרומגעכאַפּט פאַר די אָרעמס און איר אַריינגעקוקט אין די אויגן.

— איינגטלעך זענט איר נישט קיין שעמעוודיקער מענטש.

אָן אַ שום זין האָט זי אָנגעהויבן לאַכן. זי האָט געהאַט גרויסע, ווייסע ציין. וואַרשיינלעך האָב איך אויסגעזען לעכערלעך. כדי זיך צו שטאַרקן, האָב איך מיך צון איר צוגעבויגן און זי געקושט. אָן איבער-ראַשטע, האָט זי קוים צייט געהאַט צונויפצופּרעסן די ציין אין אַן עקשנותדיקן דרוק.

אין דעם שפּיגל פון אַ גלאַנציקער שאַפע-טיר, זענען מיר ביידע געווען אָפּגעבליאַקעוועטע און פאַרמלאָזע.

— שרעקסט זיך, ליבעס מיירל?
— א ביסל.
— ווילסט כ'זאָל אוועקגיין?
— כ'ווייס נישט, נאָר כ'גלייב, אז ס'וואָלט מיר באנג געטון ווען איר וואָלט איצט אוועקגעגאנגען. זאָגט, אנדערש איז נישט מעגלעך?
— ניין, ליבעס מיירל. און ווייל פריער ביסטו געווען אויפריכטיק, וועל איך אויך זיין אויפריכטיק. כ'בין פארהייראט. כ'האָב אויך א יינגל, כמעט אין דיין עלטער. כ'רעכן, אז כ'וועל נאָך בלייבן צוויי-דריי טעג אין בראטיסלאווא. דערנאָך פאָר איך אָפּ. מעגלעך, אז מיר וועלן זיך מער קיינמאָל נישט זען. און קיינמאָל, איז זייער א סך. און לייכט וועט עס זיין נאָר מיר. מיר, ווייל איך בין, אין א געוויסער מאָס, א נע-וונדניק. פארשטייסט? באטראכט דיך גוט.
— איך בעט אייך נישט מער צו רעדן וועגן דעם.
— אין דעם פאַל וועל איך דאָך אוועקגיין.
— ניין. איך וויל מיך שוין נישט צוריקציען. און כ'מיין, אז ס'איז בעסער וואָס איר זענט א פרעמדער. ס'איז מעגלעך, אז נאָך דעם זאָל איך אייך קיינמאָל נישט וועלן אָנקוקן. יאָ, בעסער אזוי. בלייבט נאָך, כ'בעט אייך. און אצינד, דרייט אייך אוים.
כ'האָב מיך אויסגעדרייט מיטן פנים צו דער וואנט. כ'האָב קלאָר געהערט דאָס שאָרכן פון א פערמאָאר, דערנאָך דאָס אראָפּגליטשן פונעם קלייד פון דעם לייב. דאָס גאנצע בלוט איז מיר אָנגעלאָפן אין די שלייפן. כ'האָב באטראכט די וואנט מיט עקשנות. ס'איז גע-ווען א כמעט געקאלעכטע וואנט. און אויף קאלער בין איך א מבין. כ'האָב א צייט געארבעט אלס צימער-מאָלער. אין דער ריכטונג פונעם שאלטער, איז געזאָגן און איינגעראָמטע פאָטאָגראפיע. כדי נישט צו טראכטן צו לינדאו, האָב איך גענומען פאָרשן די פאָטאָגראפיע. כ'האָב מיך אָבער נישט געקאָנט גענוג קאָנצענטרירן: כ'האָב געהערט די האַפטעלעך פון די זאָקן-בענדלעך, דערנאָך דאָס רעשן פון די אויפן קאַוואָר אויסגעוואָרפענע שיך. די פאָטאָגראפיע איז געווען אן אלטע, געמאכט מיט א סך יאָרן צוריק, אין סעפּיאַ: זי האָט פאָרגעשטעלט א מאן מיט א געשווירענעם קאָפּ, א מאן אין די מיטלע יאָרן, מיט צוויי טיפע קנייטשן און קליינע, שלעפעריקע אויגן. ווו האָב איך נאָך דעם דאָזיקן מאן געזען?...
— איר האָט באמת אזא גרויס יינגל ווי איך?

— יאָ, לינדאַ.
— ער סאַמעוועט אין אײַך?
— כ'מײן, אַז יאָ.
— דאָס לעבן איז אַזוי מאָדנע, נישט אַזוי?
— פילאָזאָפירסט, לינדאַ.
— ניין. איאָ איך בין אַ נאַריש מיידל?
— ניין, לינדאַ.
— לעשט אויס, כ'בעט אײַך, דאָס ליכט.

מעכאַניש בין איך צוגעגאַנגען צום שאַלטער. כ'האָב אים אַ דריי געגעבן און אין דער טונקלקייט וועלכע האָט מיך אײַנגעהילט, האָב איך מער נישט געהערט אויסער אירע לײַכטע טריט, אויפן קאָוואָר, דערנאָך דאָס סקריפּען פון די ספּרײַזשינעס פון דער שלאָף־קאַנאַפּע.

כ'האָב מיך דערנענטערט צו דער קאַנאַפּע. כ'האָב מיך אײַנגעקנע־זעצט און אויסגעשטרעקט די הענט צו לינדאַן. כ'האָב אַרומגענומען אירע אַקסל, דערנאָך די באַקן, זיי זענען נאַס געווען.

— דו וויינסט, לינדאַ?
— ניין, כ'וויין נישט.
— זאָג מיר, לינדאַ, ווער איז יענער מאַן פון דער פאָטאָגראַפיע פון אויף דער וואַנט?
— דער טאַטע.
— צוויי טיפע קנייטשן אין די ליפּן־ווינקלען און קליינע, שלע־פעריקע אויגן...
— זאָג, וויאַזוי הייסטו?
— ס'איז אַזוי וויכטיק אַצינד?
— יאָ. וויאַזוי הייסטו?
— לינדאַ.
— דער אַנדערער נאָמען.
— האָזמאַן.

כ'האָב אָנגעצינדן דעם לאָמפּ פונעם נאַכטטישל. זי איז געווען אַנטבלויזט ביזן גאַרטל. די קליינע, פולע בריסטן, האָבן בײַ איר גע־ציטערט. כ'האָב זי אײַנגערעקט. כ'האָב זי אויפמערקזאַם באַטראַכט און האָב אויף איר פּנים אויך באַמערקט יענע צוויי טיפע קנייטשן. יאָ, אויך די אויגן זענען בײַ איר געווען קליינע און אַביסל שלעפע־ריקע.

— פאַרוואָס האָט איר אָנגעצונדן דעם לאָמפּ? ווייל כ'בין א ייִדישקע?...

כ'האָב איר דערלאַנגט צוויי פּעטש. זי האָט נישט געוויינט, זי האָט מיך פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט, דערנאָך האָט זי איר פּנים אין קישן באַהאַלטן.

— טו דיר אָן. כ'האָב מיך אויפגעהויבן פון דער קאַנאַפּע און מיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער פאָטאָגראַפיע. טו דיר אָן, האָב איך געזאָגט!

כ'בין געשטאַנען אומבאַוועגלעך ביז כ'האָב אויפסניי געהערט די האַסטיקע טריט פון די זאָקן־בענדלעך, דאָס גליטשן פונעם קלייד אויפן לייב און דאָס רוישן פונעם פערמאַאַר.

— ביסט פאַרטיק?

— יאָ. און איך בעט אייך איר זאָלט שוין אַוועקגיין.

— ניין, ליבעס מיידל, איצט וועל איך באַשטימען ביז ווען איך בלייב. הייסט'ס, ביסטו די טאָכטער פון האָפמאַן אַרמין.

— יאָ. פון וואַנען קענט איר דעם טאַטן.

— אין דעם דאַזיקן הויז האָב איך מיך מיט אים באַקענט. און דיך האָב איך אויך געקענט. דעמאָלט, האָסטו געהאַלטן אין די אָרעמס אַן אָפּגענוצט בערעלע. ס'האָט ביי אים געפעלט אַן אויג. יאָ, איצט דערמאָן איך מיך פּינקטלעך. ס'איז געווען א בערעלע מיט געלע האָר. דו האָסט עס נאָך?

— כ'האָב קיינמאָל נישט געהאַט קיין בערעלע.

— דו געדענקסט שוין נישט, ליבעס מיידל. גיב מיר נאָך אָן א גלאָז ווײַן, און זעץ דיך אַוועק אויפן קאָוואָר. יאָ, און קענסט אויך די טרערן אָפּווישן. דאַרפסט נישט וויינען.

— איר זענט א זייער מאָדנער מענטש.

מיין ווייב האָט אויסגעוויזן נישט־איבערצייגט צו זיין פון איר באַהויפּטונג:

— און נאָר דאָס האָט זי געפונען דיר צו זאָגן, אז דו ביסט מאָדנע?

— יאָ.

— אין דעם פאַל, פאַרוואָס האָט זי דיר געשריבן בנוגע דעם דאָקטער?

— העך מיך אויס, און כ׳בעט דיך זאָלסט מיך מער נישט אונ־טערברעכן. אין בראַטיסלאַווא בין איך צום ערשטן מאָל געווען אין יאָר 1943. דעמלט איז זי געווען א גרויע, טרויעריקע שטאָט. טאָג־טעג־לעך איז זי באָמבאַרדירט געוואָרן. איך בין געווען א מאַטראָז און כ׳האָב טראַנספּאָרטירט אויף א שלעפּ 90 וואַגאָנען וואַרף־קוילן און האָב באַקומען א באַפעל זיך אָפּצושטעלן וועגן דעמאָנטירונג אין בראַטיסלאַווא. איך האָב נישט באַדאַרפט זיין אַנוועזנט ביי דער אָפּע־ראַציע. כ׳האָב באַקומען א דערלויבעניש אויף 24 שעה. ווי ס׳איז גע־ווען נאָרמאַל, בין איך אוועק אין שטאָט מיך אָנצושיכורן. ס׳איז גע־ווען די איינציקע זאַך וואָס כ׳האָב געקאָנט טון. געלט האָב איך געהאַט גענוג. א חוץ דעם געהאַלט, פלעג איך באַקומען פּרעמיע אויף יעדן טאָן און אויף יעדע קילאָמעטער. די סלאָוואַקישער פּאַרט־בעאַמטן האָבן מיר אויסגעשטעלט א סערטיפי־קאַט פאַר פרייע צירקולאַציע אין שטאָט, אויף מיין סלאָוואַקיזירטן נאָמען: פראַנטישעק. מיטן געלט און מיט דער לעגיטימאַציע אין קע־שענע האָב איך דורכגעוואַנדערט אלע קרעטשמעס פונעם פּאַרט. דער־נאָך, דערמאָנענדיק זיך, אז אלע לופט־אָנגריפן קאָנצענטרירן זיך גע־וויינלעך איבערן האַפן, האָב איך פּאַרגעזעצט מיט דורכוואַנדערן די קרעטשמעס פונעם שטאָט־צענטער. ארום זעקס אויפדערנאַכט, בין איך געווען טויט־שכור. אזוי האָט מיך באַגעגנט א דייטשע פּאַטרול. די סאָלדאַטן האָבן ביי מיר געמאָנט די לעגיטימאַציע פון פרייע ציר־קולאַציע. דערנאָך האָבן זיי מיך געפרעגט ווו איך וווין. כ׳האָב זיי געוויזן אויף א נאַענטן הויז. כ׳ווייס נישט פאַרוואָס ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אז יענער בלאָק אין דער פּאָרם פון א קאַזאַרמע פאַמע־וועט מיט א שיף. זיי האָבן מיך אריינגעפירט אין קעלער פון דעם הויז, צום שוץ, און האָבן אויסגעשטרעקט די ביקסן צום ערשטן בירגער:

— דו, דאָרט, זעסט אויס ווי א זשידאָן, דו קענסט דעם? ווייַ־זנדיק אויף מיר. ער זאָגט, אז ער וווינט דאָ. ס׳איז אמת?

— אין דער אויבערשטער קאַבינע, האָב איך געוויזן צו דער סטעלע.

דער האָט מיך אָנגעקוקט מיט חשד און געבנדיק זיך חשבון, אז ער האָט צו טון מיט א שכורן מענטש, האָט ער געזאָגט יאָ. דעמלט האָב איך נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס ער איז געווען אזוי דערשראָקן: ער איז ווירקלעך געווען א ייד. ער האָט געהייסן האָפמאַן ארמין און

איז בעפאָר מיט א פּאָר טעג: א־טלאָפּן פון א טראנספּאָרט וואָס איז געווען דיריגירט קיין מיידאנעק. ער האָט נאָך געהאט א מיידעלע פון דריי אָדער פיר יאָר, אויך אַן אָפּגעשוירענע מיט א נול־מאשין, וועלכע האָט אין א ווינקל זיך געשפּילט מיט אַן אָפּגעריבן בערעלע.

— לינדא?

— יאָ. לינדא. זי איז געווען א מאוסנקע, א שוואכינקע. די אנדערע מענטשן פונעם קעלער, קליין־בורזשויען, האָבן פאר מיר מורא געהאט ווי פארן רוח. נאָך איין פרוי האָט מיר נישט געשענקט קיין אויפמערקזאמקייט, א פעטע דייטשערקע, א טראָגנדיקע, וועלכע האָט געיאָמערט פון ווייטיקן. כ׳האָב מיך געלייגט אויף דער ערד, אויף פּערסישע קאָוואָרן, וואָס האָבן געהערט צו די בירגער פונעם בלאָק. כ׳ווייס נישט אקוראט וויפל צייט כ׳בין געשלאָפן, כ׳ווייס נאָר, אז ס׳האָבן מיך זאוזדרעכעט די געשרייען פון דער שוואנגערדיקער פרוי. זי האָט אזוי גרויזאם, אזוי הארצרייסנד געקוויטשעט, אז כ׳האָב נישט געקאָנט שלאָפן. כ׳וואָלט איר געוואָלט זאָגן זי זאָל שווייגן, זי איז אָבער געווען שוואנגער; כ׳האָב מיך איבערגעדרייט אויף דער אנדערער זייט, נאָר כ׳האָב שוין נישט געקאָנט איינשלאָפן. די לופט־אלארם האָט פאָרגעזעצט. אן אלטער דאָקטער, פון נעבן דער שוואנגערער פרוי, האָט זיך ביי עמיצן געבעטן ארויפצוגיין אויפן 4־טן שטאָק אים ברענגען א דזשאמאנטאן פון זיין מעדיצינישן קאבינעט. דער געבעטענער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גיין. ווילנדיק פּטור ווערן פון דער פרוים געשרייען, האָב איך מיך אָנגעבאָטן. כ׳האָב ארויפגעקלעטערט טרעפּ, נאָר כ׳האָב מיר נישט חשבון געגעבן, אז זיי זענען שלאבעריק. כ׳האָב געפילט, אז איך אָטעם איין שוט־שטויב, כ׳בין אָבער אזוי שכּור געווען, אז כ׳האָב נישט פּינקטלעך געוווסט וואָס איך טו. אויפן 3־טן שטאָק האָב איך מיר חשבון געגעבן, אז איבער מיר זענען אויפגעגאנגען די שטערן. כ׳האָב געהאט דעם איינדרוק, אז טאָמער גיב איך נאָך איין שפּאן, וועל איך טרעטן אויף די כמארעס. כ׳האָב מיך שוין אפילו געזען שפּאצירן אויף דער „מילך־גאס“, דערנאָך האָט א עקספּלאָזיע פון ערגעץ־ווו, אין דער נאָענט, מיך אויפגעוועקט. כ׳האָב אראָפּגעגלידערט אין שוץ־קאמער, און האָב געזאָגט די יעניקע פון דאָרט, אז אין דעם הויז הויבט זיך דער הימל אָן פונעם 3־טן שטאָק. זיי האָבן זיך איבערצייגט, אז כ׳בין שכּור און האָבן מיך צורו־געלאָזט. דער אל-

טיטשקער איז געגאנגען נאָכן דזשאמאנטאן. ער האָט זיך אָבער באלד אומגעקערט, מעלדנדיק, אז דער 4-טער שטאָק עקזיסטירט נישט מער.

די שוואנגערע פרוי האָט געשריגן: ס׳איז געווען עטלעכע מינוט פארן געבוירן. כ׳האָב געוואָלט גיין רופן א דאָקטער, האָבן זיך אָבער אלע אקעגנגעשטעלט, מחמת איך בין שכור און כ׳וועל מיר שוין קיינמאָל נישט אומקערן. דער גורל איז געפאלן אויף האָפמאן ארמין. ער האָט אָבער קיין לעגיטימאציע נישט געהאט. האָב איך אים מיינע געגעבן. מיט דער לעגיטימאציע אין קעשענע און מיט דער נשמה אין די הענט, האָט ער די באהעלטעניש פארלאָזט. ער האָט זיך אָבער שוין קיינמאָל נישט אומגעקערט. כ׳האָב אים דעם צווייטן טאָג געפונען א דערשאָסענעם פארן הויז. די גאנצע ברוסט איז ביי אים געווען געלעכערט פון קוילן. ער האָט געהאלטן אין דער האנט א טאש פול מיט מעדיציניש אינסטרומענטן און אָנגעשפארט אָן אים האָט זיך געפונען א פאפענדעקל מיט א טעקסט געשריבן מיט רויטע אותיות:

„אזא פסק באקומען די יעניקע וואָס גנבענען בשעת די לופט-אלארמען“.

איך בין ארעסטירט געוואָרן פון דער סלאָוואקישער פאָליציי, און אויף מיין פארלאנג, צוגעשטעלט געוואָרן צום פאָרט-קאָמאנדאמענט. דאָרט האָט מען מיך אידענטיפיצירט און געשיקט אויפן שלעפשיף. שפעטער, אין דריי חדשים ארום, ווען כ׳האָב מיך אויפס ניי אָפגעשטעלט אין בראטיסלאווא, בין איך געגאנגען אויף דער שטעפאני-גאס, כדי מיך די אינטערעסירן וועגן האָפמאנס מיידעלע. זי איז פארנעמען געוואָרן פונעם „רויטן קרייץ“ און געשיקט געוואָרן אין א קינדער-קאָלאָניע פון יתומים. דאָס איז די געשיכטע פון לינדאָן.

— אויב אזוי, וואָס באטייט דער בריוו וועלכן זי האָט דיר געשיקט?

— נאָך אין יענעם אָוונט ווען איך בין ביי איר געווען, זענען מיר געגאנגען זוכן די אלטע איינוווינער. פון די אלטע, איז מער נישט געווען ווי דער דאָקטער. ער האָט זיך אקוראט דערמאָנט אין דער געשעניש. איך האָב אים געבעטן, אז ער זאָל אינטערווענירן ביים פאָלקס-ראט זיי זאָלן בייטן דעם נאָמען אויפן מארמער-טאָוול פון אונטערן

טויער. זיין שתדלנות האָט ווייזטאוים געהאט א פעולה. און די טויזנט קיש, מיין איך, קומען מיר. און אצינד, בעט איך דיך, גיב מיר א קאווע. אלץ א גרויסע, אויב מעגלעך. איך וועל אָנשרייבן א דערציי-לונג וועגן א מיידל וואָס איז מיר שטארק געפעלן.

1958

# אינהאלט


| | | | |
|---|---|---|---|
| מיכאיל סאדאָוועאַנו | — | דער מופת............ | 5 |
| „ „ | — | די שולע ........... | 12 |
| „ „ | — | דער בלינדער ........ | 22 |
| „ „ | — | איציק דער זאָדעניק.... | 31 |
| „ „ | — | דאָס פערדל .......... | 40 |
| „ „ | — | דער שטומער.......... | |
| „ „ | — | פילאָזאָפיע............ | 48 |
| ליוויו רעברעאנו | — | איציק שטרול, דעזערטיר | 69 |
| וו. דעמעטריוס | — | דער וואסערטרעגער .... | 92 |
| „ „ | — | אין דער קליינער זייגער־מאכעריי.... | 101 |
| „ „ | — | דער פורים־קאָסטיום .... | 107 |
| אל, קאזאבאן | — | נפתלי............... | 112 |
| „ „ | — | פאר א ווילטעטיקן צוועק | 116 |
| ג. בראיעסקו | — | הערשקו פאריזער ...... | 121 |
| אל. סאכיא | — | ארבעטלאָזיקייט און ראסע | 130 |
| מאריא ארסענע | — | דער קאָלעגע .......... | 150 |
| פראנציסק מונטעאנו | — | הער דאוויד .......... | 160 |
| „ „ | — | א רעפטל ברויט ...... | 175 |
| „ „ | — | דער הימל הייבט זיך אָן פונעם 3־טן שטאָק.... | 190 |

רעדאַקטאָר : מאיר ריספּלער
טעכנישער רעדאַקטאָר: שטעפאַן לעפּאַיעוו

דערשינען 1971. דרוק-בויגן 13,25. פּאָליגראַפישע אונטערנעמונג: „דער 13-טער דעצעמבער 1918“, בוקאַרעשט, גריגאָרע אַלעקסאַנדרעסקו-גאַס 85—97. באַשטעלונג 3060.